STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05870

# GEZAMLTE VERK

Joseph Opatoshu

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאַמלטע ווערק

פון

# י. אָפּאַטאָשו

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשו

# 1863

צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע
„אין פוילישע וועלדער"

1926

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Copyright by Joseph Opatovsky New-York 1925

J. Opatoszu — „1863“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# אינהאַלט

## ערשטער טייל

### אין פּאַריז


| | | זייט |
|---|---|---|
| קאַפּ. 1. | ציפּריאַן נאָרוויד | 9 |
| „ 2. | אין קעלער | 22 |
| „ 3. | משה העם | 32 |
| „ 4. | פּאַריזער נעכט | 44 |
| „ 5. | קידוש השם | 52 |
| „ 6. | מעָרעז | 66 |
| „ 7. | ערב-אויפשטאַנד | 74 |
| „ 8. | די „קאָמונע" | 80 |


## צווייטער טייל

### אויפן וועג נאָך פּוילן


| | | |
|---|---|---|
| קאַפּ. 1. | קאָנטראַבאַנדיסטן | 101 |
| „ 2. | אויף דער גרענעץ | 108 |
| „ 3. | דער „פּראַקטישער זלמן" | 121 |
| „ 4. | אין קראָקע | 133 |
| „ 5. | אַרום וואַוועל | 138 |


## דריטער טייל

### דער אויפשטאַנד


| | | |
|---|---|---|
| קאַפּ. 1. | הראַביע קאָמאַראָווסקי | 147 |
| „ 2. | אויף דער וואַך | 158 |
| „ 3. | גאַשטשי | 167 |
| „ 4. | אַרום די פייערן | 179 |
| „ 5. | מאַריאַן לאַנגעוויטש | 185 |
| „ 6. | די דיקטאַטור | 193 |
| „ 7. | די מלחמה הינטער גראָדאָווסקי | 203 |
| „ 8. | ר' אברהמס טויט | 227 |

# אין פאַריז

# ערשטער טייל

## קאַפּיטל 1

## ציפּריאַן נאָרוויד

אין דער צייט פון אָוונט-ברויט זענען ביי די לאַנגע, שווערע טישן פון דער אַרסענאַל-ביבליאָטעק געבליבן געציילטע מענטשן. דער ביבליאָטעקאַר, אַ פאַרשלאָפענער, מיט שטילע דראָבנע טריט, די קאָליר פון פּנים גרויליך, ווי באַשאָטן מיט שטויב, האָט געהאָלפן אַ באַדינטן צונויפנעמען אויף אַ וועגעלע די ביכער פון די טישן. פאַרבייפאָרנדיק, האָט ער אַ טרייסל געטון אַ מיטל-יאָריקן מאַן, וואָס האָט געדרעמלט איבער אַן אָפענעם בוך, און זיך זייער אַנטשולדיקט, וואָס ער מוז אים שטערן דעם שלאָף. דער מאַן האָט צעעפנט אַ פּאָר אויגן, אַ כאַפּ געטון דאָס בוך איןביידע הענט און אינסטינקטיוו גענומען מאַכן מיט די ליפּן — געוויזן, אַז ער שלאָפט נישט. אַ צווייטער האָט זיך געוויגט אויף זיין שטול, זי אויסגעבויגן אויף די צוויי אונטערשטע פיס, זיך געצופּט דאָס ווייכע בערדל, וואָס איז געווען ענלעך, צו נאַפּאָלעאָן דעם דריטנס, וועמעס בילד ס'איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, און געקוקט אויפן קייסער מיט פאַרליבטע אויגן.

דורך די שמאָלע אָפענע פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן פּלאַץ באַסטיל, האָבן זיך אַריינגעריסן שטיקער רויטלעך ליכט, זיך געשפּיגלט אינם אימפּעראַטאָרס גאָלדענע עפּאָלעטן. די שטיקער ליכט

זענען געפאַלן אויף דער שטיינערנער פאָדלאָגע, אויף די בייכיקע בי־כער, געליישט מיט גאָלד, אויף מרדכין, וואָס איז געזעסן מיט פאַר־קוועטשטע אויגן איבער אַ בוך און זיך געמוטשט.

מרדכי האָט פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון פאַריזער אַרסענאַל, אַז אַרום אים זיצן מענטשן, באַמערקן, ווי ער מאַכט העוויות, שמייכלען פון זיינע גרימאַסן. די טויזנטער ביכער, וואָס זענען געווען צעשטעלט אַרום די ווענט און האָבן אַראָפּגעקוקט פון די פּאָליצעס, זענען פאַר אים נישט געווען קיין שמות, קיין צעשוואומענע שאָטנס. אַרום אים האָבן זיך געדרייט מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער און דורות, נישט קיין פרעמדע נביאער, וואָס גייען דיר פאַרביי, ווי אויף אַ יריד, קוקן אויף דיר און זעען דיך נישט. ער האָט דערקענט די קנייטשן, דעם שמייכל, געוואוסט יעדן איינעמס יחוס. די אַלטעגלעכקייט ווערט דערעסן, די וועלט — דערווידער, גראָבט מען זיך אין שטויב־מען הערט דעם צאַפּל פון מיליאָנען אָנזעבאַרע ווערטער, וואָס דערמאָ־נען, אַז זייער שעה האָט געשלאָגן. ווערטער, וואָס זענען פאַר דער צייט געקומען אויף דער וועלט, נישט געקאָנט ביים לעבן באַקומען קיין „תיקון", ווערן אַזויערנאָך דערהויבן צום „ניצוץ", שטייען אויף תחית-המתים. גאָט פרייט זיך מיטן וואָרט, וואָס ווערט באַנייט און דערהויבן דורכן מענטש־קושט עס, קרוינט עס מיט זיבעציק געשניצטע קרוינען. דאָס געקרוינטע וואָרט שוועבט איבער אַלע זיבציק וועלטן, ביז עס קומט אַ געטובלטס צום עתיק-יומין. און די ווערטער פון עתיק-יומין זענען ווערטער פון חכמה, פול מיט סודות: נעמט דער עתיק-יומין דאָס צאַפּלדיקע וואָרט, קרוינט עס מיט דריי הונדערט און זיבציק קרוינען — ווערט פוגם וואָרט אַ הימל, און דו, מענטש, וואָס גראָבסט זיך אין שטויב, ביזט מתקן פאַרגעסענע ווערטער — ווערסט אַ שותף צו מעשה בראשית.

די בלויע רעדער, וואָס האָבן געשוועבט פאַר מרדכיס פאַר־קוועטשטע אויגן, זענען זיך צעוואַקסן גרעסער, גרעסער, געוואָרן רויט, רויטער, ווי אַ פאַרבאָרגענע האַנט וואָלט אַריינגעטריפט טראָפּנס בלוט אין דער צאַפּלדיקער בלויקייט. די שטיקער ליכט זענען געפאַלן אויף די אויגן-לעפלעך, געצונדן אָן אַ שיעור פייערדיקע פינטעלעך, כמיטגע בראַכט אַ פאַרבענקט געשריי פון אַ הענדלער מיט גרינס, וואָס

האָט זיך געטראָגן פון דער באַסטיל, זיך צערייסנדיק אין דער שטילקייט פון דער ביבליאָטעק:

— ראַנ־דאָ־לאַ — ראַנ־דאָ־אָ־לאַ־אַ! —

דאָס געשריי האָט זיך געוויקלט, מיטגעבראַכט אַ באַקאַנטן נאָמען און מרדכי האָט דערזען, ווי פּיקוס־די־מיראַנדאָלאַ, וועמענס נשמה האָט געלערנט קבלה אין בבל, קומט אָן אין אַ לויזן, שוואַרצן מאַנטל. די לאַנגע לאָקן איבער די אַקסלען. ער לייגט אַוועק זיינע זעכציק טעזיסן צופוסן דעם פּויבסט יוליוס, נעמט אויף זיך אַלע רייזע־הוצאות פון יעדן געלערנטן, וואָס וועט מיט אים עפנטלעך דעבאַטירן. קיינער פון פּויבסטס געלערנטע רירט זיך נישט פון אָרט. מרדכי רוקט זיך אַרויס, פאַרנויגט זיך פאַרן פּויבסט:

— כ׳נעם אָן.

דער ביבליאָטעקאַר איז אונטערגעקומען, געזען ווי אַ יונגערמאַן זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער אים אַ צופּ געטון פאַרן אַרבל און זיך אַנטשולדיקט.

מרדכי האָט געעפנט די אויגן. די העלקייט, וואָס האָט פאַרבונדן מיט יענע וועלטן, איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן און ער האָט אַ נישט־צופרידענער נאָכגעקוקט דעם פאַרשטויבטן ביבליאָטעקאַר.

פון ערגעץ אַ געסל האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן דאָס אָפּשטאַרבנדיקע געשריי פונעם הענדלער. די זון האָט זיך געזעצט. מרדכי האָט געקוקט אויפן ביבליאָטעקאַר, וואָס איז געזעסן אויף אַ קאַטעדרע אין מיטן לייען־זאַל, עפּעס אויסגעשניטן פון אַ צייטונג מיט אַ שער און געקלערט צי דער פריערדיקער ביבליאָטעקאַר, אדאַם מיצקעוויטש האָט זיך אויך אזוי געפּלאָנטערט צווישן די טישן און געשטערט מענטשן צו טראַכטן. ער האָט אַ קוק געטון אויפן אימפּעראַטאָר, זיך דערמאָנט אָן דער אָדע, וואָס מיצקעוויטש האָט פאַר אים געשריבן אין דער שפּראַך פון האָראַציוסן און ס׳האָט אים עפּעס באַנג געטון.

דער זייגער איז שוין באַלד געוועזן זיבן. ער האָט פאַרמאַכט דאָס בוך, זיך געחדושט, וואָס זיין באַקאַנטער, מיט וועמען ער האָט זיך געדאַרפט טרעפן פון פינף ביז זעקס אין דער ביבליאָטעק, איז נאָך נישטאָ. ער האָט גענומען אַרויסגיין. אין דעם לאַנגן, האַלב־פינסטערן קאָרידאָר מיט דער שטיינערנער שווינדל־טרעפּ איז געזעסן דער

„קאָנסיערזש", אויסגעשטופּט מיט אַ דראָט אָן אויסגעבויגענע פּיקע, ווי אַ פראַגע-צייכן און אַכטונג געגעבן, מען זאָל נישט מיטנעמען קיין ביכער פון דער ביבליאָטעק.

מרדכי איז געבליבן שטיין ביים אָפענעם פענסטער, אַריבערגעקוקט דעם פּלאַץ באַסטיל, וואו געסלעך און אונטערגעסלעך האָבן זיך אַריינגעשניטן אין דער ברייטער גאַס ריוואָלי, מיטגעבראַכט אַ שטראָם מיט מענטשן, און זיי צעגאָסן פון ביידע זייטן טראָטואַר. די שמאָלע אַלט-פראַנקישע הייזלעך פון „פּלעצל" האָבן זיך ווי צוזאַמענגערוקט, זיך צונויפגעגאָסן מיט דער גרויקייט פון אָוונט, אויסגעזען ווי געמאָלענע. די הייזלעך האָבן מרדכין דערמאָנט אָן וואַרשעווער „מקום" און ס׳האָט אויף אים אַ בלאָז געטון מיט דער היים. ער האָט דערפילט אויף זיך אַ האַנט און זיך אויסגעדרייט.

— ווּעסט מיר אַנטשולדיקן, מרדכי, וואָס כ׳האָב דיך געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן, — האָט זיך קאַהאַנע פאַרנויגט — כ׳האָב זיך צופעליק באַקאַנט מיט אַן אָפיציר, אַ געוויסן וויני, אַ פראַנצויז, אַ וואונדערבאַרער מענטש, זאָג איך דיר! ער האָט זיך אונטערגענומען איינצומושטירן הונדערט יונגעלייט, דורכצעגיין מיט זיי אַלע מיליטערישע איבונגען, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל זיין אַ גוטער זעלנער און אין דער זעלבער צייט זאָל ער אַליין קאָנען אָנפירן די קאָמענדע, ווען מען וועט דאַרפן. כ׳וויל, דו זאָלסט זיך פאַרשרייבן!

— שריי נישט אַזוי — האָט מרדכי זיך אַ קער געטון צום אַרויסגאַנג — דער „קאָנסיערזש" מיינט דאָך, אַז מיר קריגן זיך. זע, ווי ער קוקט אונז נאָך.

— וואָס, כ׳שריי? — האָט קאַהאַנע אַ שמייכל געטון, אָנגעכאַפּט מרדכין און זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס.

די ברייטע ריוואָלי האָט אויסגעזען יום-טובדיק. די טראָטואַרן האָבן געבלענדט פון צופיל ליכט, דערמאָנט אַ טאַנץ-זאַל. די בליץ-לאָמפּן איבער די געשעפטן האָבן געשריען, זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג, זיך אויסגעבויגן, ווי אַ האַלבער אָוואַל, אויסגעזען ווי אַ שנור אויפגעצילעוועטע לבנות. רויטע לעמפּלעך האָבן אויפגעפלאַמט, באַלויכטן די אויפשריפטן אויף די פענסטער פון קאַבאַרעטן, גערייצט, פאַרזיכערט, אַז די פאַנפאַראָנקעס פאַרשטייען אַלע לשונות.

אויף די טראָטואַרן אַרום די רעסטאָראַנען זענען מענטשן געמיטלעך געזעסן, געגעסן, געטרונקען און געלייענט ביים ליכט פון דער גאַס צייטונגען. אַרום די יובעליר-געשעפטן, ווי אין אַ כשוף-ראָד, זענען געשטאַנען אָן אַ שיעור מענטשן. יעדער דורכגייער האָט זיך מיטאַמאָל דערזען פון אַלע זייטן, געוואָרן, דאַכט זיך, דורכזיכטיק, געקוקט, ווי די אָנגעוואָרפענע בריליאַנטן בליצן מיט טראָפּנס פייער. איינגעשלאָפענע פאַרלאַנגען האָבן אָנגעהויבן ארויסשטעלן זייערע קעפּלעך, געוואָרפן מיט די גרינע אויגעלעך, זיך געקאָרטשעט און אין דער זעלבער צייט גרויס דרך-ארץ געהאַט פאַר די טראָפּנס פייער, וואָס האָבן זיך געצונדן אין גרין, רויט, זיך געלאָשן, ווידער אויפגעפלאַמט, זיך געשפיגלט אין די קלאָרע פערל, און צווישן די צאַפּלדיקע פייערלעך האָבן שטיקלעך רעגנבויגן שעמערירט.

מרדכי מיט קאַהאַנען האָבן געשוויגן, זיך איינגעדרייט צום „פלעצל", וואו אַ ייד איז געשטאַנען איבער אַ שטופּ-וועגעלע מיט ניס. ער האָט נישט אויפגעהערט צו רופן די דורכגייער, געשריגן אויף פראַנצויזיש, אויף יידיש:

— ניס, ניס, ניס! קויפט ני—ס!

און אַז ער איז מיד געוואָרן צו שרייען, און אַז אַ קונה איז נישט אונטערגעקומען, האָט ער געענדיקט מיט אַ ראש-השנה-ניגון:

— אוי, „וניסלעך" לכל עדת...

קאַהאַנע האָט זיך צעלאַכט. מרדכי האָט מיטגעלאַכט און אַליין נישט געוואוסט, פאַרוואָס ס'ווערט אים אומעטיק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— וואוהין גייען מיר?

— יאָ, כ'האָב דאָך גאָר פאַרגעסן. — איז קאַהאַנע אויך געבליבן שטיין, באַלד אַ שלעפּ געטון מרדכין און זיי זענען ווייטער געגאַנגען — מאָרגן פאָרט קורעשינאַ קיין ליעזש. ער וועט אָרגאַניזירן די דאָרטיקע פוילישע סטודענטן און זען ארויסצושיקן אַ פאַרטיע ביקסן. אָט האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו, וואו מען קלאָגט זיך, אַז אין דער ערשטער פאַרטיע האָבן העלפט נישט געטויגט. זיי האָבן געשיקט יוקס: ביקסן אָן לעכער, אָן צינגלעך, אַבי ארויסגעשיקט! כ'וועל מיטשיקן אַ בריוו צום קאַפּיטאַן גאָדעבסקי, אַ וואויל מענטשל...

— דו קענסט אים?

— פערזענלעך קען איך אים נישט. דאָס גיי איך טאַקע צו פאַר־ווידן. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן אַ בריוו, ס׳איז זיינס אַ גוטער באַקאַנטער...

— צום דיכטער?

— יאָ.

— פאַסט עס, איך זאָל מיטגיין? כ׳קען דאָך אים נישט!

— ס׳מאַכט נישט, מרדכי. נאָרוויד איז איינער פון די שענסטע און טיפסטע מענטשן, וואָס כ׳האָב ווען־עס־איז באַגעגנט. ער וועט דיר געפעלן. ער רעדט נאָר אַ ביסל צופיל, פאַרענדיקט יעדן שמועס מיט יעזוסן. אָט דאָ וואוינט, ער — האָט קאַהאַנע אָנגעוויזן אויף אַ הויז, וואָס איז געווען שמאָל און הויך — קום אַרויף!

מרדכי איז נאָכגעגאַנגען קאַהאַנען און וואָס העכער ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די טרעפּ, אַלץ שווערער זענען ביי אים געוואָרן די פיס. ער האָט געוואוסט, אַז ער גייט צו איינעם, וואו אין געווויסע קרייזן דערמאָנט מען אים צוזאַמען מיט מיצקעוויטשן און סלאָוואַצקין; גע־טראַכט, אַז ער, מרדכי, האָט זיך גאַרנישט געענדערט, אַז מיט דריי יאָר צוריק איז ער דאָך מיטן זעלבן דרך־ארץ אַריינגעגאַנגען צום קאָצקער רבין.

קאַהאַנע האָט אָנגעקלאַפּט. עס האָבן זיך געהערט טריט. באַלד האָט זיך אַ טיר געעפנט און אַ באוואַקסענער קאָפּ האָט זיך אַרויסגערוקט:

— אַ, פּאַניע קאַהאַנע... קומט אַריין! אַנטשולדיקט וואָס כ׳נעם אייך אויף אין דער פינסטער, כ׳צינד אָן אַ ליכט.

ער האָט גענומען פון פענסטער אַ ליכט, אָנגעצונדן, עס אַריינגע־שטעקט אין אַ מעשן לייכטערל און עס אַוועקגעשטעלט אויף אַ קליין טישל, וואו ס׳איז געשטאַנען די אָסטראָבראַמסקע הייליקע מאַמע.

— דאָס איז מיין קאָלעגע — האָט קאַהאַנע פאָרגעשטעלט מרדכין — באַקענט אייך, מרדכי אַלטער...

נאָרוויד האָט וואַרעם געדריקט מרדכיס האַנט און אַרויסגערוקט אַ שטול:

— זיצט, פּאַניע אַלטער... זייט היימיש. אָן צערעמאָניעס. דאָס וואָרט „פּאַניע“ איז אַן אַלטער פּוילישער מאַניר, נישט מער! מיגען מיין איך ברודער... מיט אַן אמת.

די עטלעכע ווערטער האָבן אָנגעיאָגט אויף מרדכין אַ וואַרעמקייט.

דאָס קליינע צימערל איז געווען אויסגעהאָנגען מיט בילדער, דערמאָנט אָן אַ מוזעאום. אין אַ זייט, צוגעדעקט מיט אַן איטאַליענישן טוך, איז געשטאַנען אַ סאָפקע. איבער דער סאָפקע אויף צוויי האָקעס האָט געהאָנגען אַ האַמאַק. דאָס צימערל האָט נור געהאַט דריי ווענט און דער שאַרפער ווינקל האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער באַלקן לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קעפּ.

נאָרוויד, אַ באַוואַקסענער, מיט אַ צעשויבערט בערדל, ס'העמד אויסגעשניטן, אַז ס'האַרץ האָט זיך אַרויסגעזען, האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון קריסטוסן, ווי מען מאָלט אים אין דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע. ער האָט אָוועקגעגעבן די איינציקע צוויי שטולן די געסט, זיי מכבד געווען מיט אַ צעעפנטן פּענכאַר טאַבאַק און אַליין האָט ער זיך פאַרקליבן אין ווינקל פון דער סאָפקע, געכאַפּט די פּיפקע, אָנגעלאָזט ס'צימערל מיט רויך און נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— הייסט עס מאָרגן פּאָרט קורזשינאַ... גוט, כ'האָב צוגעגרייט דעם בריוו פאַר אים, נור וואָס שטייט איר? זיצט און דערציילט, וואָס ס'הערט זיך! לויט די נייעס, וואָס דער „דזשעננניק פּאָזנאַנסקי" ברענגט, קאָן מען זיך ריכטן יעדן טאָג אויף אָן אויפשטאַנד. זאָלן די איבערפאַלן אין וואַרשע ווייטער אַזוי אָנהאַלטן, קאָן יעדן טאָג אויסברעכן...

— ס'וואָלט געווען אַן אומגליק, פּאַניע, — האָט קאַהאַנע אים איבערגעריסן — ס'פאַלק איז נאָך נישט צוגעגרייט! איב אונזער אַרבעט זאָל אָנגיין נאָך אַ יאָר, ווי זי גייט איצט אָן, בין איך זיכער, אַז מיר וועלן דעם מאָסקאָל פאַרטרייבן פון פוילן... איירָאָפּע איז מיט אונז! אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען פאַרשרייבן זיך יעדן טאָג צענדליקער פריי-ווילִיקע! כ'מיין, נישט פּאָליאַקן — ס'פאַרשרייבן זיך פראַנצויזן, איטאַלי-ענער, דייטשן — זענען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַ באַפרייט פוילן! און וואָס זאָגט איר, ווי קאַרל מאַרקס האָט זיך אָפּגערופן? כ'מיין דעם אויפרוף, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט אין לאָנדאָן צו העלפן פוילן. כ'האָב אייך געזאָגט, פּאַניע נאָרוויד, אַז יידן וועלן זיך אָפּרופן, נישט בלייבן הינטערשטעליק. איבער טויזנט יאָר צו לעבן אינאיינעם, צו אָטעמען דיזעלבע לופט, אָנקוקן זיך יעדן טאָג — דאָס אַליין שוין לאָזט

אָנזעבאַרע, טיפערע וואָרצלען, ווי די אויסגעראָלעכע סמנים פון אַ באָרד און אַ געגאָלט פּנים, וואָס וואַרפן זיך יעדן איינעם אין די אויגן! גלייך ווי יידן האָבן דערהערט, אַז מען גיט זיי גלויכע רעכט, האָבן זיי זיך אָפּגערופן, און ווי נאָך אָפּגערופן! דער וואַרשעווער ראַבינאַט וואָלט געדאַרפט זיין דער לעצטער און ער האָט זיך דער ערשטער גענומען באַטייליקן אין אַלע עפנטלעכע פּראָצעסיעס! אומעטום, וואו פּוילן איז געשטאַנען אין קאָן, האָט די ספר־תורה שלום געמאַכט מיטן צלם! מאָלט אייך אויף אַ מינוט — האָט קאַהאַנע פון באַגייסטערונג זיך אַזש אויפגעשטעלט — דער אמת־רעליגיעזער ייד, וואָס גלייבט מיט יעדן ציטער פון זיין נשמה, אַז ער איז דער „אתה בחרתנו" און זיין עובדה איז צו דינען און צו לויבן דעם יידישן גאָט אָן שום באַלוינונג, צו זיין גרייט יעדע מינוט צו שטאַרבן אויף „קדוש השם" — דער ייד האָט מיט אַ מאָל פאַרגעסן אַלע נגישות פונם פוילישן פאָלק און גענומען שענקען אין די קאָשציאָלן אַריין זילבערנע לייכטערס, קאַנדעליאַבערס..

נאָרוויד, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן איינגעוויקלט אין רויק, אויסגעזען ווי נישט קיין ערדיש פּנים וואָלט זיך אַרויסגעשיילט פון וואָלקנס, האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צו קאַהאַנען און אים אַרומגענומען:

— מיר האָבן פאַרגעסן די עוולות, דער פּאָליאַק וויל „יעדנאָשטש", וויל זען אינעם ייד אַ חבר, אַ גלייכן...

— דאָס זאָג איך דאָך — איז קאַהאַנע אים אַריין אין דערמיט — דאָס אויפהויבן זיך פון אַ פאָלק אויף אַזאַ מדרגה באַרעכטיקט אים צו זיין פריי...

— כ'גלויב -- האָט נאָרוויד פאָרטגעזעצט -- אַז ווי לאַנג אַ נביא וועט נישט זיין אָנערקענט אין זיין אייגענער שטאָט, ביי זיין אייגן פאָלק, קאָן דאָס פאָלק נישט ווערן פריי. דאָס איז דער אידעאַל, צו וועלכן יעדעס פאָלק דאַרף שטרעבן, דאָס איז זיין אויפגאַבע אין לעבן און דאָס האָט אויך פאַן יעזוס געמיינט. נור דורך ליבע וועט קומען די גאולה. איך בין טיף איבערצייגט, אַז ס'איז שעדלעך צו לערנען, דאָס יעדער יחיד דאַרף זיין גרייט אומצוקומען פאַרן פאָלק, ווען מען רעכנט זיך מיטן יחיד אינגאַנצן נישט. דאָס איז ריין־יידיש. פּאָליאַקן ווייסן פון אַ העכערן אמת, פון אַ „ליבערום וועטאָ", וואו פאַר איי־

נעם אַן אומשולדיקן דאַרף מען שטעלן אין קאָן ס׳גאַנצע פאָלק.

— מעגלעך, אַז דער „ליבערום וועטאָ" — האָט מרדכי זיך אָנגערופן — האָט אַוועקגעהרגעט פוילן...

— כ׳גלויב אויך אַזוי, — איז קאַהאַנע פאַרלאָפן נאָרווידן, וועלכער האָט ווייטער געוואָלט אַנטוויקלען זיין געדאַנק — טעאָריע אָן פּראַקטיק האָט קיין שום ווערט נישט! ביזן היינטיקן טאָג איז נאָך נישט געווען אַ פאָלק, ס׳זאָל לעבן לויט די טעאָריעס פון קריסטנטום און ס׳וועט נישט זיין! ווייל קריסטנטום קומט מיטן לעבן נישט אין באַרירונג. אַוועקצוגעבן דאָס לעצטע העמד דעם ערשטן נאַקעטן, צי די מעשה מיטן פּאַטש זענען שיינע זשעסטן, וואָס נור יחידים זענען אַמאָל פעהיק צו טון, אָבער ווי אַזוי פאַרווירקלעכט מען עס אין לעבן? ווייזט מיר אַ פאָלק, כ׳מיין אַ קריסטלעך פאָלק, וואו די עוואַנגעליע איז ביי אים אַריין אין בלוט, געוואָרן אייגנס מיטן אַלטעגלעכן לעבן? איר וועט נישט געפינען! זעט איר, ס׳גאַנצע יידישע פאָלק איז אַזוי ווייט נישט אַוועק, ווי אַ הלל, דערפאַר האָט מען געזען, אַז יושר און גערעכטיקייט זאָלן ווערן סינאָנימען מיטן יידישן כלל...

קאַהאַנע האָט געשפרייזט איבערן צימער, אַוועקגערוקט, וואָס ס׳איז אים געשטאַנען אין וועג, און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ נישט-פאַרענדיקטן בילד. יעזוס, אַ געקרייציקטער, וואָס איז געווען ענלעך אויף נאָרווידן, האָט אַראָפּגעקוקט פון לייוונט. קאַהאַנע האָט זיך אַ ווײַלע איינגעקוקט און באַמערקט:

— אויב דאָס יידישע פאָלק וואָלט נור געגעבן דער קריסטלעכער וועלט דעם צלם (פון וואָס מיר יידן זאָגן זיך אָפּ) וואָלטן די קריסטלעכע פעלקער דערפאַר אַליין געדאַרפט אונז בעסער באַהאַנדלען...

— וועגן דעם האָב איך אַמאָל געשריבן — האָט נאָרוויד זיך אָנגערופן און זיינע אויגן זענען געוואָרן גרעסער, געפינקלט אינם טונקעלן צימער — כ׳האָב אָנגעוויזן, ווי יעדעס פאָלק קומט מיט אַן אַנדער וועג צו דער קונסט, טראָגט אַריין זיין איך. דאָס יידישע פאָלק איז געקומען דורך לירִיק און תפלה צו גאָט... דערפון נעמט זיך דערוואַרטונג, האָפנונג... די אויגן קוקן אויס, זענען געווענדט צום הימל. „העננגען" — — — און דאָ קומט דער צלם. און אַז משיח איז געקומען, האָט איר, יידן, אים נישט געקענט פאַרטראָגן. נישט נור איר. גריכן האָבן אַפילו סאָקראַטעסן

נישט געקאָנט פאַרטראָגן, זיך געשראָקן, דער פילאָסאָף זאָל נישט איבערשטייגן דאָס פאָלק, פאַרטונקלען דעם כּלל...

— און דוקא מיר — האָט קאַהאַנע אים איבערגעהאַקט — וואָס האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן משיחן, האָבן געהאַט איבער זעקס און דרייסיק משיחים!

נאָרוויד האָט געצויגן די פּיפּקע און גאָרנישט געענטפערט. אין צימערל איז געוואָרן שטיל, אַן אומאַנגענעמע שטילקייט. פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט צייכנונגען, נישט-פאַרענדיקטע בילדער. אויף דער פּאָדלאָגע זענען געווען אָנגעוואָרפן ביכער, אַ וואַרשטע איבער אַ וואַרשטע, דערמאָנט אַן איינגעפאַלענע וואַנט. אויף אַ קליין טישל איז געלעגן אַן אָפענע עוואַנגעליע און אַ מאַנוסקריפּט, וואו אויפן שער בלאַט איז געווען געכתיבהט „קווידאַם” און מיט דראָבנע אותיות פאַרטייטשט אויף פּויליש — עמעצער, עפּעס דאָרט אַ מענטש.

מרדכי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען ביי אַ מענטשן אין די אויגן אַזאַ טרויער, ווי ער האָט איצט געזען ביי נאָרווידן. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס האָט אים געקאָנט אַזוי באַליידיקן, געהאַט פאַרדרוס, פאַרוואָס קאַהאַנע איז אים אַריין אין די רייד און ער, מרדכי, האָט ווייטער גענומען ציען דעם פאָדעם, אויפצעפּלאָנטערן די קנויל. וואָס, די יידן האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן משיחן? ער מיינט, אַז דער כּלל איז געווען וויכטיקער פאַרן יחיד? דאָס איז אמת אפשר מיט די אַלטע העברעער, נישט מיט אונז, דעם פאָלק פון משיחן...

קאַהאַנע איז צוגעגאַנגען צו נאָרווידן:

— אַנטשולדיקט.

נאָרוויד האָט פאַרלוירן אַ שמייכל געטון, אויפגעהויבן די גרויסע אויגן און אין זיי איז געווען עפּעס קינדישעס, נישט-דרייסטעס. ער האָט גענומען זיך אַרומקוקן און זיך פאַרענטפערט:

— כ׳קלער, מיט וואָס אייך מכבד צו זיין... פונקט איצט איז ביי מיר באָר נישטאָ אין שטוב...

ער האָט געכאַפּט דעם קאַפּעלוש.

— אָבער, פּאַניע, — האָט אים קאַהאַנע פאַרשטעלט דעם וועג און אַרויסגענומען פון זיין האַנט דעם קאַפּעלוש, — זייט אייך נישט מטריח.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפקע, געקוקט אויפן

ליכט, וואָס האָט זיך געשמאָלצן, און אָנגעהויבן רעדן. אין זיין שטים, אין דעם אַרט רעדן מיט משלים איז געווען עפּעס פון נייעם טעסטאַמענט. פיל מאָל איז שווער געווען צו כאַפּן, וואָס ער וויל. ער האָט פאַר־שפּיצט יעדן זאַץ און צווישן די שטעכערס האָט זיך געקנוילט אַן אייגנ־אַרטיק וואָרט, אַ טיף רעליגיעזעס...

— כ׳גלויב, — האָט זיין קול אָנגענעם געקלונגען, — אַז פון שאָ־פּענס קבר הויבט זיך אָן דאָס אמת־פּוילישע, דורך וואָס פּאָליאַקן וועלן אויסגעלייזט ווערן, קאָנען זאָגן דער וועלט, אַז דאָס האָבן מיר בייגע־טראָגן... איר האָט זיך אַמאָל צוגעהערט צו שאָפּענס מוזיק? אַ שטימונג, וואָס האָט קיין טאַטע, קיין מאַמע נישט, וואָס מען קען נישט אָנכאַפּן, וואָס באַלאַנגט צום גאַנצן פאָלק, האָט שאָפּען דורך אינערלעכע ליידן דערהויבן צום אייביקן, צו אַלמענטשלעכן... נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן! באַלד... כ׳מיין, געדאַנקען, וואָס זענען ווייט פון אונז, שוועבן ערגעץ אין פרעמדע וועלטן און ווייטן, בלויז דער אָפּקלאַנג פון זייער צאַפּלען און רייסן זיך, דער אָפּקלאַנג פון זייערע פליגלען דערגרייכט אונז—דאָס איז דער כשוף פון מוזיק. אַז זיי קומען צו אונז נענטער אין דאָס נאַקעטע אויג דערזעט זיי קוים—קומט דער מאַלער און כאַפּט זיי מיט אַ רעגנבויגן אויפן לייוונט אַרויף. און אַז זיי הויבן־אָן מיט זייערע לייכטע פליגלען קלאַפּן איבער געבעט־הייזער, איבער שלעסער, הויבן־אָן וואָרקען, ווי זיי וואָלטן געזוכט אַ נאַכטלעגער — קומט דער סקולפּטאָר און עפנט פאַר זיי אַ נעסט אין דעם שטילן אויסגעהאַקטן שטיין. דאָרט שלאָפן די געדאַנקען דורות־לאַנג, שפּינען זייערע חלומות, ווערן פיל מאָל פאַרגעסן, שטייען אָבער צוריק אויף תחית־המתים, ווען די געבעט־הייזער, די שלעסער ווערן חרוב און פון די חורבות וועבט דער דיכטער זיין לעגענדע... נור אַזוי־אַרום ווערן געשאַפן זאַכן...

נאָרוויד האָט גערעדט, דערציילט וועגן קראַשינסקין, וואָס איז מיט עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט געזעסן ביי דעמזעלבן טיש, וואו מרדכי זיצט, געלייענט „קווידאַם". ער האָט דערציילט וועגן שאָפּענען, וועגן סלאָוואַצקין, וועגן מיצקעוויטשן. ס׳האָט געקלונגען ווי אַ לעגענדע, כאָטש נעכטן האָבן זיי נאָך געטרעטן אויף דיזעלבע שטייגער, געזעסן אין צימערלעך, ווי נאָרווידס, און געשפּונען, אָפּגעהיט די לעגענדעס פון די חורבות, די לעגענדעס פון פּוילישן פאָלק און פון זיין חורבן.

אין צימערל איז געוואָרן טונקעלער. מרדכי האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך צוגעהערט צו נאָרווידן און פון די ווערטער זענען געוואָרן קלאַנגען, פאַרבן. ער האָט געזען דעם קאָפּ, וואָס האָט געהאַט אין זיך יענע שיינקייט, צו וועלכער די אַריסטאָקראַטן פון אַטענס האָבן תפילה געטון, געזען דעם בויגיקן יוליוש מיט די שוואַרצע פייערדיקע אויגן, מיט דער אָדלער-נאָז, ווי ער ליגט אַ טויטער. אויף אַ טונקעלער אָפּגעשאָסענער אָטאָמאַנע האָט זיך געצייכנט זיין ווייס איינגעפאַלן פנים; געהאַט אין זיך עפּעס פון געפייניקטן, פאַרוויטיקטן פוילן, און אַרום די בלומען-טעפּ, וואָס זענען געשטאַנען אויף די צעצפּנטע פענסטער, זענען וורובליעס געשפּרונגען, געצוויטשערט. מרדכי האָט געזען דעם פּאַן אַדאַם, ווי ער זיצט אין זיין אָנגעהייצט צימערל, דאָס רעקל אויסגעריבן, האַלט אַ סענקעוואַט שטעקעלע און שאַרט די קוילן אין אויוון. אַרום זיצן זיינע תלמידים און ער לערנט מיט זיי טאָוויאַנסקיס צוועלף עקרים. און הינטער דעם אַלעם האָט זיך געבלייכט נאָרווידס בר-כוכבא, אַ קליינער, אַ דאַרער, וואָס איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין רוים, און אַז ער איז אַוועק אָנפירן דעם אויפשטאַנד, האָט ער איבערגעלאָזט זיין „גלגול״ אין גלות, דער שונא זאָל זיך נישט כאַפּן, אַז ער פעלט.

שפּעט אין אָוונט האָבן קאַהאַנע מיט מרדכין זיך געזעגנט מיט נאָרווידן. זיי זענען געגאַנגען איבער האַלב ליידיקע געסלעך און געשוויגן. מרדכי האָט געהאַט פאַרדרוס, וואָס סלאָוואַצקי איז געשטאָרבן אין גלות, ערגעץ אין אַ דאַך-שטיבל. מיצקעוויטש האָט געמוזט פטרן זיינע בעסטע יאָרן אין דער אַרסענאַל ביבליאָטעק, קוים געקאָנט דערנערן זיין פאַמיליע. און נאָרוויד? נאָרוויד שלעפּט זיך לאַנד-איין, לאַנד-אויס, הונגערט. דעם אמתן נביא וועט ס׳אייגענע פאָלק ביים לעבן קיינמאָל נישט אָנערקענען... און מיר, יידן? לאַכט מען נישט פון משה העסן? שילט מען נישט סילוואַדאָרן מיט טויטע קללות?

אַ ווינטל האָט אַ בלאָז-געטון, אָפּגעפרישט. פון דער זייט, וואו די צוויי טורעמס פון דער קירך נאָטר-דאַם האָבן זיך געצייכנט מיט זייערע שפּיצן איבער די הייזער, האָט זיך צעקלונגען אַ גלאָק. די אָפּקלאַנגען האָבן אויפגעציטערט די לופט, אָפּגעהילכט איינער אין צווייטן.

קאַהאַנע האָט געציילט דאָס קלאַפּן פון זייגער. אַז ס'האָט אויפגעהערט און אין דער שטילער נאַכט איז נאָך געשטאַנען דער ציטער, האָט ער גלאַט אַ זאָג געטון:

— צען אַ זייגער.

ביידע האָבן געקוקט אין דער ריכטונג פון נאָטר-דאַם. געקלערט וועגן נאָרווידס „קווידאַם", וועגן זיין גרויסער ליבע צו בר-כוכבאן, און די קאַלטע שטילקייט פון דער קירך האָט איינגעגעסן גערוישט. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך געדריקט די הענט. קאַהאַנע האָט געפרעגט:

— גייסט אַ היים?

— כ'וועל צוגיין אין קעלער אריין, עפּעס עסן.

— מעגלעך, אַז איך וועל שפּעטער אויך צוקומען. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט.

קאַפּיטל 2

# אין קעלער

מרדכי האָט דורכגעקרייצט עטלעכע געסלעך, כמעט זיך נישט אומגעקוקט, ווען גאַסן-מיידלעך האָבן אים אָפּגעשטעלט און אַ הונגעריקער איז ער אַריין אין ווייַן-קעלער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים ערשטן ליידיקן טישל, באַשטעלט אַ בעפשטיק און זיך אַרומגעקוקט. אַ קלעפּיקע פּאַרע געמישט מיט רויך, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן קעלער, ווי אַ נעפּל, האָט פאַרשטעלט די פּנימער, בלויז דורכגעלאָזט געמישטע קלאַנגען פון פויליש, דייטש און פראַנצויזיש, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אַלע טישלעך. פּאַפּיראָסן האָבן זיך געצונדן, זיך געלאָשן, בולטער געמאַכט דעם נעפּל.

אַ הויכער, קורצזיכטיקער מאַן מיט שוואַרצע אונטערגעשוירענע וואָנסן האָט זיך צוגעזעצט צו מרדכיס טישל, אַוועקגעלייגט נעבן זיך אַ פּעקל מיט ביכער, זיך איינגעקוקט אין מרדכין און זיך באַגריסט אין דייטש:

— וואָס מאַכט איר, הער אַלטער

— און איר, פּאַניע ראַבינאָוויטש?

— מען אַרבעט צו ביסלעך.

— אַלץ אויף דער איבערזעצונג?

— ווייס איך... מיין מעדיצין נעמט ביי מיר צו אַ האַלבן טאָג. איצט דאָס ווערטערבוך? בלייבט ווייניק צייט אויף איבערצוזעצן...

— איר זעצט דאָך איבער כתובות?

ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ, אַרויסגענומען פון פּעקל מיט ביכער אַ דיק פאַרשריבן העפט, אים אונטערגעטראָגן מרדכין און אין דעם פאַרזאָרגטן פּנים איז געווען עפּעס פון אַ גוט־ייִנגל, וואָס באַרימט זיך, ווייל אויפנעמען.

— דאָס מאַך איך נאָטיצן, כ'קלייב זיך אָנצושרייבן אַ בוך איבער קריסטוסן.

— און דאָס הייסט ביי אייך ווייניק געאַרבעט? — האָט מרדכי גע־שמייכלט און באַוואונדערט זיין דראַבנעם כתב.

דער קעלנער איז אונטערגעקומען מיט בעפשטיק און געפרעגט ראַ־בינאָוויטשן:

— ווי שטענדיק, מאָסיע ראַבינאָוויטש?

ס'פּנים איז געבליבן רוהיק, בלויז דער טיפער קנייטש צווישן דעם שטערן און דער נאָז האָט זיך פאַרמאַכט.

מרדכי האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזער מיט רויטן וויין, אונטערגע־רוקט איינס ראַבינאָוויטשן:

— טרינקט!

— אַ דאַנק, כ'טרינק נישט!

דאָס אויג האָט זיך צוגעוואוינט צום נעפּל, וואָס איז געשטאַנען אין קעלער, און מרדכי האָט דערזען פאַרפלאַמטע פּנימער אין קאָנפּעדע־ראַטקעס, געזען דייטשן אין ווייכע אויבער־העמדער מיט איבערגעלייגטע קעלנער. פרויען זענען געזעסן מיט פאַרלייגטע פיס, פאַרזיכטיק געדרי־כערט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זיך אָפּצוברייען. יונגע ברונעטקעס, די פלעכטן געטורעמט אַרויף, האָבן זיך געשאַרט צווישן די טישלעך, זיך געטראָגן פון איין קני אויף דער צווייטער, און זייער פלאַפּל האָט געגלעט, עפּעס איינגערוימט, צענומען דעם עולם.

דער קעלנער האָט צוגעבראַכט ראַבינאָוויטשן אַ טעלער מיט אָפּ־פאַל פון קאַלבאַס און געשניטן ברויט.

מרדכי האָט געקוקט אויפן געוועזענעם ראש־ישיבה, וואָס קען אויף אויסווייניק בבלי און ירושלמי, ענדיקט מעדיצין, אַרבעט איבער אַ ווער־טערבוך אין פינף שפּראַכן, זעצט איבער כתובות, קלייבט זיך שרייבן אַ בוך איבער קריסטוסן און זיך געחידושט, וואָס דער אַסקעט, וועלכער באַנו־

בענט זיך יעדן טאָג מיט אַ שיסל אָפּפאַל אין טרוקן ברויט, דאַרף דאַכט זיך, גאָרנישט, אָט דער מענטש זאָל קיין גוט וואָרט פאַר קיינעם נישט האָבן און זיין מיט אַלעמען צעריסן.

— איר גלייבט טאַקע, פּאַניע ראַבינאָוויטש, — האָט מרדכי געשניטן דעם בעפשטיק, — אַז מען דאַרף איבערזעצן דעם תלמוד אין פראַנצויזיש?

— ווען כ׳וואָלט נישט געגלייבט, וואָלט איך עס נישט געטון! איר, הער אַלטער. האָט מיר נישט געדאַרפט שטעלן אַזאַ פראַגע! דאָס פּאַסט פאַר אַ שניאור זאַקס, צי פאַר אַ גאָלדבערג! — האָט ער בייז געענטפערט, פאַרטרונקען דעם קאָלבאַס מיט וואַסער און געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט, — זיי מיינען, די משכּילים, אַז די גמרא איז אַן אומגליק פאַרן יידישן פאָלק און איך בין איבערצייגט, אַז אויב יידן האָבן יאָ עפּעס געשאַפן, כ׳מיין ריין יידישעס, איז עס דער תלמוד! זיי מעגן זיך לאַכן, די גאָלדבערגס, האַלטן מיין אַרבעט פאַר אַ נאַרישקייט... איך ווייס אָבער אַז עס טוט זיי וויי! אַז מיין תלמוד וועט ערשיינען אין פראַנצויזיש, וועט ער נישט ביי איין מעקלער צונעמען די פּרנסה!

— וואָס מיינט איר?

— כ׳וועל אייך זאָגן, אַז איר לייענט רענאַנען. חידושט איר זיך, ווי נאָך קומט עס, אַז אַ גוי, וואָס איז בקי אין בבלי און ירושלמי, זאָל זיין אַ שונא ישראל? די היגע יידן צאַצקען זיך דאָך אַלע מיט אים! און איך זאָג אייך - דאָס איז אַ שונא-ישראל! ווי דער גויאישער קאָפּ האָט דאָס אויסגעפּטשעלט, אַז העברעאיש האָט זיך ניט מיט וואָס איבערצונעמען, אַז אַפילו אין פאַרגלייך מיטן יחוס פון די סלאַווישע שפּראַכן, איז העברעאיש אַן אויפגעקומען באַרבאַריש לשון! מיינט איר דאָך, אַז ער קען העברעאיש, הויבט זיך נישט אָן! כ׳בין אַן עדות - האָט ראַבינאָוויטש זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט. - כ׳האָב מיט מיינע אויגן אַליין געזען, ווי ער האָט מיט דער הילף פון ווערטערביכער איבערזעצט צוויי זייטלעך פון אַ „שאלות ותשובות” און ס׳וואָרט צוואה (ס׳האָט זיך געהאַנדלט ביי אַ חולה), וואָס האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, האָט ער יעדעס מאָל איבערזעצט: צואה. און אויף דערויף בויט ער זיינע שיטות! און מיט וואָס פאַר אַן אויטאָריטעט דאָס רעדט וועגן יידישע ענינים, באַנוצט זיך מיט פּסוקים, וואָס ר׳ בערעלע גאָלדבערג שטעלט אים צו. אַ טיפער

קאָפּ ז׳ער הער ב״ג, אַ מושלם, איר קענט דאָך אים. איר וועט ביי א׳ם נישט געפינען קיין פגימה, דען גיי זוך אַ פגימה אין אַ זעג? דער פּאַטער זיינער, גאָלדבערגס מיין איך, האָט באַדינט אַ פּוילישן פּריץ, געווען אַ פּאַכטער, און דער זון מעקלט מיט אַלטע כתב־ידן, זינגט דעמזעלבן „מה־יפית״ אין פראַנצויזיש. דידאַזיקע מעקלערס שמעקט נישט מיין איבערזעצונג!

אַ געפּוצטער יונגערמאַן איז אָנגעקומען, זיך באַגריסט מיט ראַבּינאָוויטשן. מרדכין איז געווען באַקאַנט דאָס פּנים, זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, וואו ער האָט עס געזען, און אַז דער יונגערמאַן האָט גענומען אַוועקגיין, האָט ער אים אָפּגעשטעלט:

— אַנטשולדיקט, זייט איר נישט קיין פלאָצקער?

— יאָ.

— שמואל?

דער פרעמדער האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן און אין זיין האַלטן זיך איז געווען קענטיק, אַז ער קווענקלט זיך, צי ער זאָל זיך לאָזן דערקענען. ער האָט מיטאַמאָל געמאַכט אַן איבערראַשט פּנים:

— אַ. כ׳האָב אייך קוים דערקענט... אויב כ׳האָב קיין טעות נישט... מרדכי אַלטער, יאָ? — האָט ער אים געדריקט די האַנט, — זענט איר שוין לאַנג אין פּאַריז?

— ס׳צווייטע יאָר.

— אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט! — האָט ער אָפּגעשטויבט מיט אַ נאָזטיכל דעם געזעס פון אַ שטול. זיך צוגעזעצט אויף אַ ווייל און אַראָפּגענומען דעם קאַפּעלוש — אינש באינש פּגע... ס׳איז אָבער אַ צופאַל, מ׳קען דאָ אָפּזיין יאָרן און זיך נישט טרעפן... איר רויכערט?

— ניין.

ער האָט אַרויסגענומען אַ סיגאַר, פאַררויכערט, געקוקט מיט אַ פאַרזשמורעט אויג אויף די קייטעלעך רויך. וואָס האָבן זיך גערעדלט איבער זיין קאָפּ, געטון עטלעכע צי און זיך נעפרעגט:

— וואָס טוט איר אין פּאַריז? איר לערנט?

— ניין.

— גלאַט אַזוי. — האָט ער אַ שמייכל געטון מיט ביטול און געוויזן אויפן אַרומיקן עולם — וואָס שרייען זיי אַזוי? איר זעט יענעם אין

דער פּעלערינע? ווי דאָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט? האַמלעט!

— איר קענט אים? — איז מרדכי אים אַריין אין די רייד

— איך דאַרף אים קענען? — האָט שמואל אַ צי-געטון דעם סיגאַר, פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג — מיט וועמען איר זאָלט דאָ נישט רעדן, איז ער אַ האַמלעט! יעדער איינער דאָ חלומט צו ראַטעווען אַ וועלט, איבערמאַכן די וועלט-קאַרטע און זיי ווייסן נישט, די האַמלעטס, אַז אַלע צרות קומען איבער זיי...

— איז וואָס? — האָט מרדכי זיך געחידושט.

— כ׳מיין, — האָט שמואל ווייטער גערעדט — יעדער איינער ווילט זיך שפּילן דעם העלד, חלומט צו ווערן אַ נאַפּאָלעאָן און אין אמתן זענען דאָך דאָס אַוואַנטוריסטלעך, אינטריגאַנטלעך... קוקט! צעפלאַמטע פּנימער, בלויע נעז, צעדרייטע שיך, אָן רעק, ווי איר וואָלט זיך נישט געפינען צווישן קינסטלער און כּלל-טוער. נור צווישן קעשענע-גנבים און גאָרגל-שניידער! די לופט דאָ... — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון פאַר דער נאָז.

מרדכי, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען איבעראַשט, זיך צוגעהערט צו זיין געוועזענעם רבין, וואָס איז געזעסן קעגן אים אַן אויסגעפוצטער, ווי פון דער נאָדל אַראָפּ, האָט זיך געכאַפּט, אַז אין אמתן איז שמואל געבליבן דער זעלבער משכיל, נור אַביסל פאַרגויאישט. שמואלס רייד האָבן אים אויפגערעגט, נישט געקענט פאַרטראָגן זיין צופרידענעם שמייכל און אים געפרעגט:

— און וואָס טוט איר?

— איך? איך בין באַשעפטיקט אין דער קייזערלעכער ביבליאָטעק.

— אַלס ביבליאָטעקאַר?

— ניין, כ׳לייען העברעאישע און אַראַבישע מאַנוסקריפּטן. איר האָט געהערט פון רענאַנען? איידער ער איז אָפּגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע, האָט ער מיך רעקאָמענדירט אויף דער שטעל. ביי מיין אַרבעט קאָן מען וואַקסן, מען דאַרף אָבער אַ סך לערנען און אַז מען פּטרט דאָ אין קעלער די צייט, קאָן מען העכסטנס ווערן אַ כּלל-טוער — — יאָ, ווער זאָל זיך ריכטן — האָט ער אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מרדכיס קני — איר געדענקט, ווי מיר האָבן זיך ס׳לעצטע מאָל געטראָפן אין קאָצק? ר׳ איטשע איז טאַקע רבי, האַ? איך אייל זיך — האָט ער זיך אויפגעשטעלט

אַון געגומען דעם קאַפּעלוש — קומט אַריבער צו מיר זונטאָג, וועלן מיר צוזאַמען עסן מיטאָג. דערנאָך וועלן מיר זיך איבערפאָרן אין בולאָנישן וועלדל אַריין... איר וועט זען דעם נייעם שלאָס, וואָס די ראָטשילדס האָבן אויפגעבויט... וועט איר קומען? אומבאַדינגט!

ער האָט אַרויסגענומען פון וועסטל-קעשענע אַ וויזיט-קאַרטע, געגעבן מרדכין און אים געדריקט די האַנט:

— אַדיע!

מרדכי איז געבליבן זיצן אַ פאַרזיזעגער, געהאַט דאָס געפיל ווי מען וואָלט אים איבערגוואַלט אויסגעטון צווישן מענטשן אַ נאַקעטן. ער האָט צעריסן די וויזיט-קאַרטע, צומאָל דעם נאָמען נישט איבערגעלייענט, געהאַט פאַרדרוס, פאַרוואָס ער האָט געשוויגן, געדאַרפט כאָטש אויסשמירן זיין העלן ראָק מיט אַ שטיק קאָלבאַס. איצט איז אים קלאָר געוואָרן, אַז שמואלס גאַנצער שמועס האָט געהאַט די כוונה צו ווייזן מרדכין, אַז פאַריז איז נישט קאָצק, וואו אומפעהיקייט, צעפוילטקייט שפּילן אַ ראָלע. אין קאָצק ביסטו, מרדכי, געווען מער יחסן. אין פאַריז אָבער ביסטו גאָרנישט. אַ מענטש אָן אַ נאָמען, אָן אַ פלאַץ אין דער געזעלשאַפט. און איך. שמואל, דער ישיבה בחור, וואָס האָט געגעסן ביי דיין זיידן אַ טאָג, פאַרנעם אַן אָרט. און אויב מען רעכנט זיך דערווייל מיט מיר נאָך נישט, וועט מען זיך רעכענען...

דאָס אַלץ האָט שמואל נישט געזאָגט, אפשר נישט געטראַכט. דאָס האָט מרדכיס צעהיצטער מח קאָמבינירט, געווען איבערצייגט, אַז אַזוי דאַרף שמואל טראַכטן עטלעכע מאָל אַ טאָג, זיך בלויז געחידושט, ווי אַזוי האָט שמואל געקאָנט אויף אַ ווייַלע צונעמען ביי אים דעם גלויבן, ווען שמואל אַליין האָט קיינמאָל קיין באַציהונג צו גלויבן נישט געהאַט.

זיין יוגנט האָט זיך גענומען וויקלען פאַר אים, ווי ער וואָלט געזעסן איבער אַ בוך מיט בילדער, געמישט און נישט איין מאָל זיך געפרעגט, צי דאָס האָט מיט אים פאַסירט. האָט זיך טאַקע דער פאָטער פון אים אָפּגעזאָגט, צעריסן זיינע בריוו, נישט געעפנטערהייט? און די מוטער? זי שיקט יעדע וואָך אַ קאַרטל מיט דיזעלבע געציילטע ווערטער — „מיין איינציקער זון, טו תשובה און קום אַהיים!”. די ערשטע צייט האָבן אים די קאַרטלעך שיער נישט משוגע געמאַכט. מיט אומגעדולד פלעגט ער אָפּוואַרטן יעדעס קאַרטל, און כאָטש דאָס שטיקל פאַפיר האָט אים פאַר-

פאָלגט, ווי אַ געהיים אויג, וואָס קוקט־נאָך יעדן טריט זיינעם, האָט ער פונדעסטוועגן זייער זיך געשראָקן, די קאַרטלעך זאָלן אויפהערן צו קומען. יעדע וואָך דאָסזעלבע קאַרטל מיט דעמזעלבן נוסח — טו תשובה און קום אַהיים! און ווען באַקאַנטע וואָלטן ביי אים נישט געשלעפט דאָס געלט, וואָלט ער אויפן דריטן חודש אַהיימגעפאָרן. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מען הויבט־אָן צו טון, זיך געשעמט צו דערציילן די לאַגע פאַר באַקאַנטע און באַשלאָסן, אַז ער איז נישט בעסער פון די טויזנט אַנדערע, וואָס געפינען זיך אויף דער סצענע, אַרום די שענקען, אויף די מערק. פאַר צוויי חדשים האָט ער קיין איין באַקאַנטן נישט געזען, גענעכטיקט יעדע נאַכט אויף אַ צווייטע טרעפּ, אויף אַן אַנדער באַנק. ער האָט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשטעלט, געלעבט פון וואָס עס האָט זיך געמאַכט, נישט געזען אין לעבן קיין יושר. מען טאָר נישט דורכלאָזן די קלענסטע געלעגנהייט. אויף יעדן טריט באַגלייטן דיך אָן אַ שיער גייציקע אויגן, וואַרטן, דו זאָלסט עפּעס פאַרזען, זיך אויסגליטשן, זיך נישט קאָנען פאַרטיידיקן — וועלן זיי אַרויס פון די באַהעלטענישן, קוקן מיט פרייד, ווי דו גייסט־אָפּ אין בלוט און דיך דערשלאָגן ביים קלענסטן ווידערשטאַנד. זאַטע, צופרידענע וועלן זיי אַוועק אין זייערע נאָרעס און נישט אויפהערן צו רעדן וועגן יושר.

און אַז די שנאה צום מענטש האָט זיך דורכגעברענט אין אים, איינגעזען דעם טעות, אין וועלכן ער לעבט, האָט ער זיך צוריק באַוויזן אין דער קאָלאָניע, אַ שוויגנדיקער, געלעבט מער מיט זיך, אין זיך. קיינער האָט נישט געוואוסט, וואו ער איז געווען, אַרויסגערופן מיט זיין האַלטן זיך חשד און ווען נישט קאַהאַנע, וואָלטן זיך אַלע דערווייטערט פון אים.

מרדכי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער זיצט מיט ראַבינאָוויטשן און זיך געוואָלט אַנטשולדיקן. ראַבינאָוויטש האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן דעם קאָלבאַס. געקוקט מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן אין אַ בוך, און אַ רויִקער, אַן אַרבעטזאַמער, וואָס גלויבט, אַז אויף אים שטייט די וועלט, געמאַכט נאָטיצן אין זיין דיקן שרייב־העפט.

מרדכי האָט אים נישט געוואָלט שטערן, זיך אַוועקגעשאַרט פון טישל און גענומען באַצאָלן דעם קעלנער.

אין דער טיר איז געשטאַנען אַ ברייטער מאַן מיט אַ לאַנגער

קאָרן-בלאָנדער באָרד. ער איז אַריין מיט אַ סוויטע, ווי אַ גענעראַל מיט אַ שטאַב.

פון די אַרומיקע טישלעך האָט מען אים באַגריסט, געמאַכט פון אַלע זייטן פּלאַץ, ער זאָל זיך צוזעצן. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אין ביזעם פון פאַרקנעפּלטן ראָק, מיט דער צווייטער האָט ער געקנייטשט אַ הענטשקע, געקוקט איבער אַלעמענס קעפּ, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף אַ פּלאַטפאָרמע, זיך געקליבן עפּעס זאָגן און באַוויליקט דעם עולם מיט אַ שמייכל.

דאָס איז געווען גענעראַל מיעראָסלאַווסקי, דער פּאָפּולערסטער מענטש אין דער קאָלאָניע, צו וועמען די יוגנט האָט אַרויפגעקוקט, געגלויבט, אַז ער וועט באַפרייען פּוילן.

קאָסטוש, דער פּאָעט פון דער קאָלאָניע — אַ קליין, עלטער מענטשל מיט אַ גרויסן קאָפּ און נאָך אַ גרעסרן בויך, האָט זיך אַרויסגעקייקלט אין זיך געמאַכט פּלאַץ מיט די קורצע עלנבויגנס. ער האָט זיך פאַרנייגט פאַרן גענעראַל מיטן גאַנצן שיק פון זיין פיגור, אַ הויב-געטון די אויגן צום סופיט, אַרויפגעלייגט אַ הענטל אויפן האַרץ און אָנגעהויבן:

Nad ludy i nad króle podniesiony
Na trzech stoi koronach, a sam bez korony
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
Z matki obcej — — — — — — —
A imię jego czterdzieści cztery.

אין דעם שמייכל אויף מיעראָסלאַווסקיס ברייטן, רוימישן פּנים איז געווען ביטול. ער האָט געקוקט אויפן קליינעם קאָסטוש, ווי אַ לייב קוקט אויף אַ מייזל, וואָס באַווייזט זיך מיט אַמאָל אין זיין שטייג. דער אַרומיקער עולם, אַ נייגיריקער, האָט זיך געשטופּט פון אַלע זייטן.

קאָסטושעס שטים איז געוואַקסן איבערן טומל:

— ווייסטו, פּאַניע לודוויקו, אַז דאָס מיינט מען דיך? דיך האָט אין זינען געהאַט אונזער גרויסער מייסטער מיצקעוויטש? ווען דו, פּאַניע לודוויקו, וועסט באַפרייען פּוילן, וועסטו זיך אַ הויבטון איבער דריי קרוינען — דער רוסישער, עסטרייכישער און דייטשער, און אַליין אַ רעפּובליקאַנער, ביסטו אָן אַ קרוין: דיין מאַמע איז אַ פראַנצויזין, אַ פרעמדע,

און דיין נאָמען איז נישט לודוויק, נאָר לודאָוויק, באַשטייט פון זיבן בוכ־שטאַבן, פון וועלכע די ערשטע אין רוימישע ציפערן איז פופציק. נעם אַראָפּ די איבריקע זעקס — בלייבט פיר און פערציק.

דער עולם האָט געשריגן, געפּאַטשט:

— בראַוואָ, קאַסטוש, בראַוואָ!

— לעבן זאָל גענעראַל מיעראָסלאַווסקי!

דער ביטול אויף מיעראָסלאַווסקיס פּנים איז נישט געוואָרן. די אויגן האָבן אַ בלישטש געטון מיט פריש געשניטן קאָרן, געגלויבט אין דעם מענטשלס נבואה און די לאַנגע באָרד האָט געאָטעמט מיט גבורה.

קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט צום בעל־הבית, וואָס האָט ניט געוואָלט ליידן די גוואַלדן, זיך נישט צוגעהערט צו עלטערע שלאַכטשי־צעס, וואָס האָבן טיפער אַרייגעלייגט די וואָנסן אין די גלעזער ווײַן, אין קופלעס ביער, געבורטשעט:

— אַ דעמאַגאָג! אַ דעמאָקראַט! עס ווילט זיך אים זיין אַ ראָ־בעספּיער, דער גאָרגל־שניידער!

קאַהאַנע איז געשטאַנען אָן אַ זייט, געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן אויף מיעראָסלאַווסקין, אויפגעכאַפּט יעדן קנייטש פון זיין פּנים, געפילט אין זיך די וואַרעמקייט פון זיין לאַנגער באָרד און אַלץ אַרום מיעראָס־לאַווסקין האט אין קאַהאַנען, ווי אין הונדערט אַנדערע יונגעלייט, אַרויס־גערופן אַ קינדערשע פרייד, בלינדע איבערגעגעבנקייט. ס'איז גענוג גע־ווען מיעראָסלאַווסקיס אַ צייכן, און מ'וואָלט זיך געוואָרפן אין יעדער געפאַר.

קאַהאַנע האָט דערזען מרדכין:

— ווי געפעלן דיר קאַסטושעס גימטריאות?

— ווי אַלע גימטריאות.

מרדכי איז געווען נישט אויפגעלייגט. קאַהאַנע האָט עס נישט באַ־מערקט די פרייד אין אים איז געוואַקסן, אויף אַ רגע נישט צוגעלאָזט, אַז איצט, ווען דער קעלער איז נאָך פול מיט מיעראָסלאַווסקין, קאָן עמע־צער זיין טרויעריק. פון גרויס שמחה האָט ער אַרומגענומען מרדכין:

— גוט, וואָס כ'האָב דיך געכאַפּט! העס וויל דיך זען!

— מיך?

— יאָ, קום צו אונזער טישל.

— מיט וועמען זיצט ער?

— מיט סיבילן.

מרדכי איז אים נאָכגעגאַנגען אין זיך געחידושט, וואָס דער איני־
צידענט מיט מיעראָסלאַווסקין איז אים, מרדכין, מער נוגע ווי קאַהאַנען.

קאַפּיטל 3

# משה העס

העסעס ברייטער שטערן, וואָס האָט זיך געוועלבט אַרויף, די טיפע ווינקלען, די זייער דינע, שוואַרצע האָר, דורכגעוואָרפן מיט גרוי, דער טרויער אין די געקניפּטע ברעמען — אַלץ האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן־אָנזעהעוודיקער געמאַכט זיין פיגור צווישן עולם אַרום די טישלעך. קעגנאיבער אים איז געזעסן סיביל איבער אַ שאָל קאַפּע. אַרום די בלויע אויגן און דעם קליינעם מויל — אַ האַרציקער שמייכל. פון די שווערע פלאַקסענע פלעכטן, וואָס זענען נאַכלעסיק געלעגן אַרום קאָפּ, ווי אַ פריש געשניטענער סנאָפּ שטרוי, האָט געשטראַלט מיט וואַרעמקייט. זי האָט אויסגעזען פיל יונגער פאַר העסן, זיך געהאַלטן איינפאַך, אויף אַ רגע קיינעם נישט געלאָזט פילן, אַז צווישן די מענער זיצט אַ דאַמע און פונדעסטוועגן האָט דער עולם אַרום טישל זיך געהאַלטן יונגער, געוואָלט געפעלן.

מרדכי האָט זיך צוגעזעצט, געקוקט אויף די טישלעך, וואו צייטווייליקע מלוכות פון כמעט גאַנץ אייראָפּע האָבן זיך געפונען. די מלוכות האָבן זיך דורכגערעדט איבער אַ גלאָז ווייַן, איבער אַ קופּעל ביר, געשלאָסן אָפּמאַכן, זיך געטיילט מיט שטיקער לאַנד, און אַז מען האָט נישט געקענט דורכקומען, האָט מען אויפגעהערט צו ריידן פראַנצויזיש. יעדע מלוכה האָט געשריגן אויף איר אייגן לשון, גענומען צו־הילף פלעשער, קופלעס, זיי געשליידערט איינע אין דער צווייטער. די שכנישע מלוכות

האָבן זיך באַלד אַריינגעמישט, געמוסרט די שלעגערס, אַז צווישן פאָלק און פאָלק מוזן עקסיסטירן דיזעלבע געזעצן פון עטיק און רעכט, ווי צווישן מענטש און מענטש, אַז אין קעלער זאָל גאַנץ אייראָפּע לעבן בשלום.

דייטשלאַנד, עסטרייך, פוילן — איין מלוכה נאָך דער צווייטער איז אונטערגעקומען צו העסן. מען האָט זיך געסודעט; זיך נישט באַנוגנט, וואָס מען האָט די דייטשע פילאָסאָפיע אויסגעביטן אויף דער ענגלישער עקאָנאָמיע, געזוצן, וואָס ברייטער פונאַנדערצעבלאָזן דאָס פייער, מיטצורייסן וואָס מער פעלקער, געהאָלפן העסן משפטן די אַלטע סאָציאַלע וועלט.

---

אַן עלטערער מאַן אין שוואַרצן, מיט אַ מעדאַל אין לאַץ, איז אויסגעוואַקסן ביים טישל און זיך עלעגאַנט פאַרנייגט.

— וואָס עפּעס אַזוי יום-טובדיק, פאַניע לובלינער? — האָט קאַהאַנע זיך געפרעגט.

— מיר האָבן נאָר-וואָס אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג, — האָט פון הינטער לובלינערס פלייצעס זיך אָפּגערופן אַ רירעווודיק מענטשל מיט אַ רוי אויסטערליש פּנים, ווי פון שטיקלעך ליים אָנגעוואָרפן — פאַן לובלינער האָט גענומען דעם עולם מיט שטורם, מען האָט אים געמאַכט אָוואַציעס. אַ קלייניקייט, ווי זאָגט פאַן לובלינער אַליין — די וועלט ליגט היינט אין די הענט פון די לודוויקס — לודוויק באָנאָפּאַרטע, לודוויק קאָשוט, לודוויק מיעראָסלאַווסקי און לודוויק לובלינער.

לובלינער האָט זיך געדרייט די געדיכטע, גרויע וואָנסן, וואו ס'האָט זיך געפלאָנטערט אַ צופרידן שמייכעלע, באַטראַכט זיין דורכזיכטיקע האַנט, וואו אויף איינעם פון די פינגער האָט זיך געדרוקט אַ נייַ חופּה-וקידושין-פינגערל. ער האָט אונטערגעטראָגן העסן אַ קול-קורא צו די פוילישע יידן און גערעדט האַלב-דייטש, האַלב-פראַנצויזיש:

— דאָרט, אין פוילן, שלאָגט מען זיך און מיר דאָ שפּילן זיך אין פּאָליטיק. אין דעם איין-און-דרייסיקסטן יאָר האָב איך זיך נישט אַרומגעשלעפּט אין די פּאַריזער קאַפעען... זיך געשלאָגן אין סטאַטשעק ביי וואַרשע... זיי לאָזן מיך נישט, דאָס יונגוואַרג לאָזט מיך נישט, טענהן, אַז איך בין דאָ בילכער...

— אַודאי בילכער! — האָט דאָס מענטשל אַ שאַר־געטון מיט די הענט איבער זיינע שטייפע, נישט־יידישע האָר, וואָס זענען נישט געשטאַנען און נישט געלעגן, זיך געוואַקלט אין מיטן קאָפּ ווי אַ בעזעמל — פרעגט מיך, ווי לאַנג מיינט איר איז, ווי כ׳האָב זיך געשלאָגן הינטער מאָקאָוו?

ער האָט זיך אַ רוק געטון צום טיש.

— לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס וואָלט לובלינער דאָרט געקאָנט טון? העכסטנס זיין אַ שלעכטער אָפיציר! אין פאַרגלייך מיט די רוסן זענען מיר אַלע שלעכטע זעלנער, אַלא וואָס דען? דער אימפּעט טראָגט אונז, אָדער ווי איר רופט עס דאָ — די אידעע.

— יאָ, יאָ! — האָט לובלינער געשמייכלט, — בלום אַרבעט, שפּאַצירט גאַנצע טעג פון האָטעל לאַמבערט צו די קאַרדיע...

— ער איז אויף קעסט ביי פּרינץ טשאַרטאָריסקי און ביים פאָלקס־קאָמיטעט, — האָט ד״ר בעניאָווסקי, אַ זעקספּוסיקער גרייז, אָנגעטון ווי אַ קאָזאַצקער אַטאַמאַן, זיך אָנגערופן, — בלום באַלאַנגט צוביידע פּאַרטייען: ער איז אַ „ווייסער״ און אַ „רויטער״.

— אַז כ׳האָב אין מאָקאָוו אויסגעהאַלטן אַלע פּוילישע אָפיצירן מיט ווייַן—דאָס דערמאָנט קיינער נישט, אַז כ׳האָב איבער פּוילן געמוזט עוקר־מדינה זיין, איבערגעלאָזט אויף הפקר אַ פאַמיליע, אַ ווייַן־שענק, הייזער,— האָט בלום געערעדט אין חלל אַריין, און ס׳איז שווער געוועזן צו זאָגן, צי די אויגן שמייכלען ביי אים, צי זיי זענען אין כעס, — און איר, פּאַניע ד״ר, מאַכט מיר אַ שלעכטן שם. כ׳האָב נאָך ביי טשאַרטאָריסקין קיין שטיצע נישט גענומען, כ׳בין שטענדיק געוועזן מיט אייער פאָלקס־קאָמיטעט. וואָס מיינט איר, כ׳בין וורובלעווסקי, צי שיקאָרסקי? ניין, בלום איז שטענדיק געוועזן אַ „רויטער״!

— טאָ פאַרוואָס זיצט איר דאָ, אין פּאַריז, הער בלום? — האָט סיביל זיך אָנגערופן, — פאַרוואָס פאָרט איר נישט אַהיים זיך שלאָגן?

מיט איין שורים איז בלום געשטאַנען ביי מאַדאַם העס. פאַרגעסן וואָס ער האָט נאָר־וואָס געזאָגט און גערעדט, וואָס ס׳איז אים געקומען אין מויל־אַריין:

— פאַרוואָס איך פאָר ניט? כ׳פאָר מיטן ערשטן טראַנספּאָרט, מאַדאַם העס. וואָס? דאָ בלייבן, גיין יעדן טאָג אין קאָמיטעט אַריין און

וואַרטן אויף שטיצע? נישט פאַר מיר, נישט פאַר בלומען... בלום האָט געבלוטיקט פאַר פוילן און ער איז עס גרייט ווייטער צו טון...

— בראַוואָ, בלום! — האָט לובלינער אים געקלאַפּט איבער די פּלייצעס, — אַלע ביים טיש זענען עדות, אַז כ'וועל דיך האַלטן ביים וואָרט, פאַרסט צוריק מיט דער ערשטער פּאַרטיע!

— בלומס אַ וואָרט איז גענוג, פּאַניע לובלינער, — ער איז באַגלויבט אָן עדות! און ווער, מיינט איר, האָט פאַרטריבן פון מאַקאָוו די קאָזאַקן? פרעגט שיקאָרסקין. איך, בלום, האָב זיי פאַרטריבן!

אַן אויפגערוימטער, וואָס מען הערט זיך צו אים צו, האָט בלום זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און זיך איינגעגאָסן אַ גלאָז ווײַן:

— ס'איז אפילו נסך, פּאַניע קאַהאַנע, נור גאַרנישט... לחיים פאַר אַ באַפרייט פוילן! לחיים!

— אַ קאָמישער, דער הער בלום! — האָט זיך העס אָנגערופן.

— פאַר אַזאַ פאַרשוויז דאַרף מען זיך היטן! — האָט סיביל אַרייַנגעוואָרפן.

— ער איז נישט שעדלעך! — איז מרדכי אַריין אין דערמיט — אַ מענטשנס פּאַטריאָטיזם באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט פּוילישע אָפיצירן געגעבן ווײַן אָן געלט. דאָ הויבן זיך אָן זיינע פאַרדינסטן פאַר פוילן. בענקט, מסתמא, אַהיים און דערווייל נעמט ער שטיצע ביי ביידע פּאַרטייען. איז אַ „רויטער” און אַ „ווייסער”, און ער איז ניט דער איינציקער, ס'איז געוואָרען אַ נייע פּרנסה אין la petit Pologne.

העס האָט ערשט איצט דערזען מרדכין, געמאַכט פּלאַץ צווישן זיך און סיבילן:

— קומט אַהער אַ ביסל נענטער, הער אַלטער! ווען איך ווייס, אַז איר שטאַמט פון חסידים! כ'בין נישט איינשטימיק מיט מיין פריינט גרעץ, אינגאַנצן נישט איינשטימיק. כ'גלויב, אַז נור דורך חסידיזם קענען די פאָלקס־מאַסן אין די סלאַווישע לענדער צוריק אויפלעבן, אויב זיי ווילן נישט אָפּפאַלן פון יידנטום, ווי די רעפאָרמערס. איז עס אמת, הער אַלטער, אַז חסידים לעבן אין אַ געוויסער מאָס סאָציאַליסטיש? זאָגן זיך דוטאָ וואו קאָן זיין אַ רייד וועגן ווילדקייט, ווען מענטשן זענען פעהיק צו אַזאַ מאָראַל און אַזאַ באַגייסטערונג?

העס האָט נישט געוואַרט אויף מרדכיס אַן ענטפער, זיך איינגעהערט

צו אַן אומבאַקאַנטן, וואָס איז אונטערגעקומען, און מיט אַמאָל זיך אַ דריי־געטון צו סיבילן:

— דו קענסט דאָך דעם הער אַלטער?

— געוויס, געוויס, — האָט סיביל געשמייכלט, — פאַרוואָס זעט מען אייך אַזוי זעלטן, הער אַלטער? קאַהאַנע האַלט אין איין דערציילן וועגן אייך. קומט אַמאָל אַריבער.

— וואָס איז דאָ וועגן מיר צו דערציילן, מאַדאַם? אַזעלכע ווי איך זענען פאַראַן אין די טויזנטער.

— ערשט דאָ, הער אַלטער, אין דעם טימל הויבט מען אָן צו בעני־קען נאָך אַ מענטש.

— וואָס מיינט איר, מאַדאַם?

— וואוינען מיר אין דער „קאָמונע", וואו אויבן־אויף האָבן מענטשן אַלץ דערגרייכט. אין דער „קאָמונע" טיילט מען זיך מיט דער דירה, מיטן ביסן. מענטשן האָבן, דאַכט זיך, דערגרייכט דאָס גלייכגעוויכט און אין דערזעלבער צייט איז איינער אַזוי ווייט פון דעם צווייטן, גאַנצע וועלטן טיילן זיי פונאַנדער. נעמט העסן, נעמט באַקונינען, נעמט דעם פרומען שאַנדע, דעם מיסטיקער פּיערמישל — דאָס זענען אינסטיטוציעס, סיסטעמען, אפשר לעגענדעס, אָבער פאַר קיין פאַל נישט קיין מענטשן, וואָס וועלן זיך אַמאָל צונויפלעבן, איר שמייכלט, הער אַלטער, און איך זאָג אייך, אַז מען איז שטענדיק פאַרנומען מיט פּגלקער, הערט מען אויף צו זיין אַ מענטש.

סיביל האָט זיך צעוואַרעמט פון די אייגענע רייד. אין אירע שיי־נע אויגן האָט אויפגעטיקט אַ שיקל, וואָס מען זעט ביי מענטשן מיט באַהאַלטענע חטאים. די מענטשן זענען קיינמאָל נישט זיכער מיט זיך און אַז זיי באַקומען דעם שיקל, האַלטן זיי זיך מיט אים דאָס גאַנצע לעבן. סיביל האָט זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט, צי מען הערט נישט אונטער, און אַ פרעג־געטון מרדכין פון דער זייט:

— איר האָט לאַנג געאַרבעט ביי דער סענאַ?

— צוויי חדשים.

— ווי האָבן זיי אייך אויפגענומען — כ'מיין, די „אונטער־וועלט"?

— צום ערשט — קרים, ווי נישט אַ גלייכן. דערנאָך, אַז כ'האָב

איינעם גוט צעשלאָגן, איז מען געוואָרן „בלאַט" מיט מיר

— זיי האָבן דאָך זייער עטיק לובלינער האָט זיך צוגעזעצט צו העסן;

— וואָס זאָגט איר צום קול־קורא?

— איך בין נישט קיין ייד און כ'שעם זיך מיט אייער קול־קורא! — האָט בעניאָווסקי זיך אָנגערופן

— וואָס מיינט איר? — האָט לובלינער זיך אַ הייב־געטון און צוריק זיך אַוועקגעזעצט.

— איר, פאַניע לובלינער, האָט פאַר די דרייסיק יאָר, זינט דעם ערשטן אויפשטאַנד, גאָרנישט געלערנט! — האָט בעניאָווסקי געזאָגט מיט אַ זיכער קול און אין זיין בליק איז געווען עפּעס, וואָס באַפעלט. — איז דאָך אייער פריינט לעלעוועל שוין אין די דרייסיקער אַרויס מיט אַ מאַניפעסט צו די יידן. וואו עס רעדט זיך נישט בלויז וועגן בירגער־רעכט, נאָר ער זאָגט צו. אַז פּאָליאַקן וועלן העלפן באַקומען פאַר יידן פּאַלעסטינע און איצט. נאָך דרייסיק יאָר קומט איר מיטן אַלטן פּזמון פאַרזיכערט אייערע ברידער, אַז ביים פריץ וועט זיין פּרנסה. מיין קול־קורא צו די יידן האָט דער שלאַכטע נישט געשמעקט, כאָטש כ'האָב מער פּויליש בלוט פאַר אייך און לעלעוועלן צוזאַמען. און דיזעלבע שלאַכטע. וואָס האָט אַזוי מורא, דאָס פּוילישע הארץ זאָל נישט פאַריידישט ווערן, האָט דוקא אויסגעקליבן אייער אויפרוף. זיי ווילן, יידן זאָלן זיך איבערגעבן פּוילן מיט לייב און לעבן און אין דערוועלבער צייט הערן זיי נישט אויף צו רייצן לעשנאָווסקין פון „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ". און דער הינט אָן ציין בילט, כאָפּט די „ושידקעס" פאַר די פּאָלעס!

— און איר, פאַניע לובלינער, גלייבט נאָך אַלץ אין אַסימיליאַציע? — האָט קאַהאַנע אים געפרעגט.

— ווען כ'וואָלט נישט געגלייבט, פאַניע קאַהאַנע, וואָלט איך נישט געווען אין פּאָלקס־קאָמיטעט, נישט פאַרנאַכלעסיקט מיין אַרויפגעאַרבעטע פּראַקטיק. איר ווייסט דאָך, אַז כ'בין אַן אַדוואָקאַט.

— זיך אין אין פּאָלקס קאָמיטעט און גלייב נישט אין אַסימילאַציע! — האָט קאַהאַנע געשמייכלט.

— איז עס טאַקע אַן עולה פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן אייך צוריינגענומען!

— און איך פאַרזיכער אייך, פּאַניע לובלינער, אַז אפילו דער שמד-צעטל וועט אייך נישט העלפן!

— אָבער, פּאַניע קאַהאַנע, וואָס רעדט איר? פּוילן איז נישט דייטשלאַנד! פּוילן האָט קיינמאָל נישט געוואָלט שמדן יידן, און יידן האָבן שטענדיק געהאַט אין פּוילן רעליגיעזע פרייהייט...

העס האָט זיך כמעט נישט אָנגערופן, געזעסן מיט זיין קלוגן שמייכל, געווען זיכער, אַז זיינע תלמידים וועלן לייכט בייקומען לובלינערן.

מרדכי האָט פון דער זייט געקוקט אויף בעניאַוווסקין. דער געוועזענער קאָזאַצקער אָפיציר, וואָס איז ביי אַסטראַלענקאַ אַריבער צו די פּאָליאַקן, זיך געשלאָגן פאַר אַ באַפרייט פּוילן — האָט אים אימפּאָנירט. בעניאָווסקי האָט זיך אין אויסלאַנד אויסגעלערנט יידיש, זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק וועגן אַ יידישער אַרמיי, וואָס זאָל אָפּנעמען ארץ-ישראל. מרדכי האָט אין בעניאָווסקין געזען דעם ייד. ער איז איינשטימיק געווען מיט העסן, אַז צווישן אַלע מאָדערנע קולטור-פעלקער געפינען זיך יחידים, וואָס פאַרטרעטן דעם ייד און דעם גרעק, באַגריפן, אַז וואָס פאַרן גרעק איז ר ו י ם, איז פאַרן ייד צ י י ט.

— איך בין איינשטימיק מיט העסן, — האָט קאַהאַנע איבערגעריסן לובלינער, — מען האָט ווייניקער פיינט דעם יידישן גלויבן, ווי די יידישע ראַסע, און אַזוי לאַנג ווי די יידישע געקרויזטע האָר וועלן זיך נישט אויסגלייכן, די נעז קורצער ווערן, וועט די שנאה צום ייד אָנהאַלטן. ווי לאַנג דער יידישער טיפּ וועט בלייבן דערזעלבער, איז אייער אַרבעט, פּאַניע לובלינער, אַרויסגעוואָרפן!

— קאָן מען זאָגן אויף בעניאָווסקין, אַז ער איז אַ ייד? — האָט לובלינער געוואָלט צונישט מאַכן קאַהאַנעס טענות.

— צום באַדויערן, בין איך עס נישט, — האָט בעניאָווסקי געשמייכלט.

- אויב מיר האָבן צו פאַרדאַנקען אונזער אומשטערבלעכקייט דער יידישער רעליגיע,-האָט אונזער גלויבן צו פאַרדאַנקען זיין אומשטערבלעכקייט דער יידישער ראַסע און איר פרוכטבאַרקייט! כראַביאַ

שימאַנאָווסקי איז שוין אַ גוי פון דריטן דור און ווי טיפּיש יידיש ער זעט-אויס! און נעמט דעם רוסישן פירשט ריקאָוו מיטן פּנים פון אַ מאָנגאָל, וואָס האָט חתונה געהאַט, פּאַניע לובלינער, מיט אייער קוזינע, און זייערע קינדער זענען דאָך אמתע יידעלעך! ווען נישט דער טיף אונזערער, וואָלט שוין פון אונז לאַנג קיין זכר נישט געבליבן!

— דאָס אַלץ האָט אָבער גאָרנישט צו טון מיטן פּוילישן אויפשטאַנד, — האָט הער געשמייכלט, אַ צופרידענער מיט קאַהאַנע, — נישט בלויז פּוילישע יידן, נור יידן פון דער גאַנצער וועלט, דאַרפן זיין די ערשטע צו העלפן פּוילן, זיך באַפרייען.

סיביל האָט זיך אַ בויג-געטון צו העסן:

— דו ווייסט, מאָזעס, דער הער אַלטער פּאָרט זיך אָנשליסן אָן אויפשטאַנד.

העס האָט פּאָטערלעך אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מרדכיס אַקסל:

— ווען פּאָרט איר, הער אַלטער?

— ווען מען וועט רופן!—און מרדכי האָט זיך פאַררויטלט.

— כ׳בין אייך מקנא, מיט אַן אמת מקנא! — האָט העס נישט אַראָפּגענומען די האַנט פון מרדכין, — איבער אַ פערטל יאָרהונדערט, ווי איך שלעפּ זיך אַרום איבער אייראָפּע, אַגיטיר, אונטערדריקטע פעלקער זאָלן זיך באַפרייען און אַליין בלייב איך שטענדיק אָן אַ זייט. אַזוי איז געווען אין דייטשן אויפשטאַנד, אין אונגאַרישן, אין איטאַליענישן. כ׳הויב-אָן צו טראַכטן, אַז מיר זענען גאָר קיין רעוואָלוציאָנערן נישט. ס׳איז, ווייזט אויס, אַ גרויסער אונטערשייד צווישן אַן אונטערדריקטן, כ׳מיין: אַ מענטש פון דער מאַסע, וועמען די נויט טרייבט, ער זאָל זיך באַפרייען, און אַן אינטעליגענט, וואָס קומט מערסטנס פונעם שונאס לאַגער, קומט, ווייל זיין שכל איז מחייב. — דערפון אַזוי פיל פראַזן און אַזוי ווייניק ממשותדיקעס.

— און איך האַלט, — האָט דאָס קליינע מויל ביי סיבילן זיך אַ שניר-געטון און צווישן די פלעכטן האָט געפלייצט ליכט, — אַז דו, וואָס האָסט קיינמאָל נישט אָנטייל-גענומען אין אַן אויפשטאַנד, ביזט פונקט אַזוי וויכטיק, ווי קאָשוט, ווי גאַריבאַלדי...

— נאָך גוט, וואָס דו האָלסט פון מיר, סיביל, — האָט העס גע־שמייכלט.

צוויי פּאָליאַקן זענען אונטערגעקומען, אַוועקגערופן לובלינערן, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, נישט פאַרשטאַנען דעם יונגען דור. בלום האָט זיך מיטגעשאַרט.

סיביל האָט זיך אויפגעשטעלט. מרדכי האָט איר געהאָלפן אָנטון דעם אויבערמאַנטל. זי האָט זיך אַ קער געטון צו קאַהאַנען:

— ברענגט מיט זיך דעם הער אַלטער!

— גוט, מאַדאַם.

מרדכי האָט זיך מיט קיינעם נישט געזעגנט און איז אַרויס אויף דער גאַס

ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם פּאַנטעאָן, די קירך פון הייליקן סטעפאַן, איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם קוואַרטאַל „לאַ פּטי פּאָלאָן" און זיך געפונען אין אַ שטילער געגנט ביי דער סענאַ.

ס'איז געוואָרן פינסטער. דאָס פינסטערניש האָט זיך אַוועקגעשטעלט צוויי איילן פון מרדכין, אים געמאַכט אומבאַהאָלפן. ער איז געשטאַנען פאַר דער מחיצה, זיך נישט באַנוגנט מיט די צוויי איילן, זיך געפלאָנ־טערט: וואו איז דער זין? אין דער נקודה, וואָס רעדלט זיך צווישן זיינע אויגן, דערציילט, אַז זי איז גאָטס טייערסטע מחשבה. זי איז אַלץ און זי איז גאָרנישט: אין דער נקודה דאַרף מען זוכן דעם סוד?

דער הימל, דורכגעוואָרפן מיט איינציקע שטערן, איז נידריק גע־האַנגען. אַן אָפּגעהאַקט פישער־געזאַנג האָט זיך אַ ווײַלע געקייקלט, נישט געוואָרן אין דעם געררויש פון וואַסער, וואָס האָט זיך געפּליעסקעט אָן די גליטשיקע שטיינער. ס'איז נאָך שטילער געוואָרן.

מרדכי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט איין פוס אָן דעם שטיינערנעם פּאַרקאַן, וואָס אַרום דער סענאַ, נישט באַמערקט, ווי מענטשן מיידן אויס דעם פּלאַץ, שרעקן זיך פאַר אים און גייען איבער אויף דער אַנדערער זייט.

ער האָט געקוקט פאַר זיך. אַ רגע, צוויי, דריי. איבער אַ מינוט. ער האָט אַריבערגעקוקט די פינסטערניש, די צעשוואומענע שאָטנס און פאַר זיינע אויגן האָט זיך געשפּרייט אַ חלל אָן אַן אָנהייב, אָן אַ סוף. אין דעם חלל זענען אָנגעוואָרפן וועלטן. אַ וועלט איבער אַ וועלט, אַ וועלט איבער אַ

וועלט. און פון דעם קאָסמישן לעבן האָט זיך געריסן דאָס אָרגאַנישע. העכער, העכער. די לופט איז פול געוועזן מיט מעשה־בראשית. אַלץ־האָט געפלאַטערט, געאָטעמט. מיליאָנען איבער מיליאָנען. און איבער, דעם אָרגאַנישן לעבן, אויפן שפּיץ פון העכסטן באַרג, זיצט דער מענטש זיצט דער ייד, שמידט די געטלעכע התגלות. רופט פעלקער צו מלכות המשיח — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

מרדכי האָט זיך אומגעקוקט, פאַר אים איז געשטאַנען בלום, אַ נישט דרייסטער, אַ דערשלאָגענער, דאָס פּנים נאָך מיאוסער.

— וואָס עפּעס איינער אַליין, פאַניע אַלטער? כ׳מיין, זענט איר נישט פון די פּלאָצקער אַלטערס?

— יאָ.

— ווער עמעצער גלויבן אין דער היים, אז אַלטערס אַ זון... כ׳מיין מיט אייער פאָטער שמט דאָך פוילן און דאָ... מוטשעט מען זיך! איר זענט נישט איין־און־איינציק, פאַניע אַלטער! אָט וואַלגער איך זיך אַרום צווישן גוים און אין דער היים איבערגעלאָזט אַ פאַמיליע, אַ געשעפט... אַלץ אויף הפקר! ווייסט איר, וואָס טוט זיך אין דער היים? איינמאָל אַ ווירטשאַפט! יעדער שוסטער־געזעל טוט זיך אָן אויפן אַרבל אַ קאָקאַרדע, קריגט אַ חתימה און גייט צו יידן נאָך געלט! כ׳האָב איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט זעקס קינדער... וואָס הויבט מען אָן צו טון?

— איר ווילט אַהיים פאָרן?

— אוודאי וויל איך!

— רעדט מיט קאַהאַנען.

— ער שיקט דאָך מיך זיך שלאָגן!

— וואו דען זאָל ער אייך שיקן?

— ביש פאַר מיינע כחות!

— טאָ פאָרט צום ווייב!

— וועט דאָך פאַניע מיך אַרעסטירן!

— טאָ זיצט דאָ!

— מיר ווייסן, — האָט בלומס רוי פּנים זיך אַ קאָרטש געטון — אליין זיצט איר אין די ווין־קעלערס...

— ווער?

בלום האָט איינגעצויגן דעם האַלז. די אויגן זענען כמעט ווי נישט געוואָרן צווישן די אויפגעשוואָלענע שטיקער פּנים און די שפּעלטלעך האָבן אי געשמייכלט, אי געקוקט נעבעכדיק. ער האָט זיך עטוואָס צוגע- בויגן, אָנגענומען מרדכין פאַר אַן אָרבל:

— פאַר וועמען, פּאַניע אַלטער, זאָל איך זיך שלאָגן? פאַר שי- קאָרסקין? צי ווראָבלעווסקין? זיי צאַפּן מיר דאָס בלוט, דאָס בלוט צאַפּן זיי מיר! נעכטן, כ׳קום אַהיים — כ׳וואוין דאָך אין דעם אימיגראַנטן-הויז — אויפן טיש שטייט ווייַן, קאָלבאַס, מען לאָזט זיך וואוילגיין... זיי האָבן מיך פאַרבעטן. שכנים, גיי זאָג זיך אָפּ! טענהן אַזוי אויך — יידן שעמען זיך מיט אונז! האָב איך גענומען אַ גלאָז ווייַן, פאַרביסן מיט קאָלבאַס און געפּילט, ווי די אויגן קריכן מיר פון קאָפּ! כ׳בין נישט פרום, פּאַניע אַלטער, נאָר חזיר איז חזיר, מעג עס אַפילו זיין אין פּאַריז! גלייך ווי די ערלים זענען געוואָרן בגילופין, האָט מען זיך גענומען טשעפּען צו מיר, מיך גענויט צו זינגען מה־יפית... בקיצור, ס׳איז אַזוי- ווייט דערגאַנגען, אַז שיקאָרסקי און ווראָבלעווסקי האָבן זיך אַוועקגע- שטעלט איבער מיר מיט אָנגעלאָדענע פּיסטאָלעטן און מיך גענויט — ס׳איז אַ חרפה צו ברענגען איבערן מויל — מיך גענויט, כ׳זאָל זיי דער- ציילן וועגן מיין חתונה, איר ווייסט וואָס איך מיין... כ׳האָב געזען אין זייערע שיכורע אויגן, אַז מיין לעבן הענגט אויף אַ האָר, אַז די מערדער קאָנען יעדע מינוט אויסשיסן. האָב איך דערציילט, וואָס ס׳איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. כ׳האָב געזען, ווי די שכורים פּלאַצן פון געלעכטער, האָט מיך מיט אַמאָל אַזאַ צער אָרומגענומען, אַז כ׳האָב זיך צעכליפּעט ווי אַ קינד, בין אַראָפּ אין מיטן נאַכט אויף דער גאַס, גע- שוואוירן, מיין פוס זאָל מער דאָס הויז נישט איבערטרעטן... נו פּאַניע אַלטער. — האָבן די ליפּן זיך ביי אים געבלעזעלט, — דאַרף איך פאַרן זיך שלאָגן?

מרדכי האָט באַלד נישט געענטפערט. עפּעס האָט זיך איבערגעריסן ביי אים אין מח. ער האָט געזען, ווי די מיאוסקייט איז ביי בלומען נישט געוואָרן, זיך באַהאַלטן צווישן די קנייטשן פון פּנים און אין די אויגן האָט געלויכטן דער „ניצוץ אלוה”.

— נישט אַלע פּאָליאַקן זענען אַזוי, בלום.

— אַלע!

— נישט אַלע, נישט! און מיט אַזעלכע שכּורים דאַרפט איר נישט וואוינען!

— וואו דען זאָל איך וואוינען? געלט האָב איך נישט! כ'בין געווען גליקלעך, אַז זיי האָבן מיך אַריינגענומען! איצט אָבער וועט מיין פוס זייער שוועל נישט איבערטרעטן! ווען כ'האָב אַ פראַנק, וואָלט איך דאָ אין ווײַן-קעלער געבליבן שלאָפן...

מרדכי האָט אים געגעבן אַ פראַנק, געזען ווי די מיאוסקייט קריכט צוריק אַרויס פון די קנייטשן, צעלייגט זיך איבער דעם פּנים, פאַרלעשט דעם „ניצוץ" אין די אויגן און די אומגעלומפערטע פיגור פאַרשווינדט אין דער נאַכט.

דער זייגער פון אַ קירך-טורם האָט געשלאָגן צוועלף. די נאַכט האָט מרדכין אַ צי-געטון, זיך געוואָלט באַהאַלטן אין דעם חושך, ווייט פונם מענטש, וואו די וועלט איז גרויס און ליידיק און די ליבע צום חבר וואַקסט מיטן שטח.

קאַפּיטל 4

## פּאַריזער נעכט

מרדכי האָט דורכגעקרייצט דעם פּלאַץ די-מאַרשע, וואו ס'איז געווען שטיל, ווי ביינאַכט אויף אַ דאָרף. ביי סען-קאַטערין איז אים אַנטקעגנגע- קומען אַן עלטערער מאַן מיט אַ יונג מיידל. דער מאַן האָט אַ כאַפּ גע- טון דאָס מיידל אויף די הענט, ווי מען כאַפּט אַ קינד און איז פאַר- שוואונדן מיט איר אין אַ קאָרידאָר.

מרדכי האָט נאָכגעקוקט דאָס פּאָרל, באַטראַכט דאָס שמאָלע הויז, אָן אַ קאָליר, ווי ס'וואָלט געווען דורכגעזאַפּט מיט רעגן און רויך, אי- בערגעלייענט די רויטע ווערטער „האָטעל קאָט ד'אָר" אויף דעם קיילעכ- דיקן פאַררויכערטן לאַמטער, וואָס האָט געהאַנגען ביים אַריינגאַנג, און זיי איבערזעצט אין יידיש — דער גאָלדענער ברעג.

גרויע שטיקער האָבן זיך געדוקט פון די פינסטערע צונויפגעפרעסטע האָטעלן, פון די פאַרהאַקטע לאָדנס, געבליבן ליגן אין דער ליידיקער, שמאָלער גאַס. און די פאַררויכערטע, רויטע פייערלעך פון די לאַמטערנעס האָבן דערציילט וועגן „גאָלדענע פאַוועס", „גאָלדענע רעגנבויגנס", „גאָל- דענע ימען".

ער איז אַריין אין בולוואַר סען-זשערמען. פּאָרלעך האָבן שפּאַצירט הין און צוריק, ווי דער אָוונט וואָלט זיך איצט אָנגעהויבן. אַ נייגערי- קייט צום שפּאַצירנדן עולם איז געוואַקסן אין אים. ער האָט אויפגעכאַפּט אַ שמייכל פון אַ פרוי און זיך געחידושט, וואָס צווישן באַקאַנטע באַפאַלט

באַפֿאַלט אים תמיד אַן אומעט, און אויפֿגעלייגט צווישן פֿרעמדע און פֿאַר דער לעצטער צייט איז אים אַמבעסטן מיט זיך אַליין. ער האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם נאַכטיקן גערויש, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון די בולוואַרן, פֿון די פֿינסטערע געסלעך, פֿון די נאָך פֿינסטערע ע קירכן. ער איז זיכער געווען, אַז די שטומע געבעט־הייזער מיט די שפּיצן, וואָס רייסן זיך אין די וואָלקנס, רעדן זיך דורך אויף זייער לשון. אָט גייט ער און הערט זיך איין צום קלאַפּן פֿון אַן אינערלעכן ריטם, וואָס זינגט אין אים. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין פּאַריז, זענען אים די גאַסן ליבער געוואָרן. אין די קילע נעכט, ווען ס׳איז קאַלט געווען צו שלאָפֿן אויף אַ טרעפּ, האָט ער זיך געשלעפּט גאַס־אויס, גאַס־איין, דערקענט אַ פּאָליציאַנט אָן די טריט, געקענט אונטערשיידן אָן דעם ריח, צי אַ בעקער באַקט געבייטלט ברויט, צי זעמל, געוואוסט, ווי פֿרי יעדעס געשעפֿט עפֿנט זיך.

ער איז געגאַנגען און געקלערט וועגן די פּאַריזער נעכט, דרייסט זיך איינער אַליין אַרום אין אַ שטומער וועלט פֿון הייזער און שאָטנס, טראָגסט זיך איבער דער שטאָט, גייסט פֿאַרביי די טורעמס פֿון נאָטר־דאַם, דעם קופּאָל פֿון פּאַנטעאָן, דעם קייזערלעכן פּאַלאַץ. די שטומע שטיינער דערציילן וועגן לודוויק דעם ניינטן, וואָס האָט געהייסן צונויפֿנעמען אַלע גמרות פֿון פֿראַנקרייך און זיי עפֿנטלעך פֿאַרברענען אויף דעם פּלאַץ, וואו ער, מרדכי, שטייט איצט.

אַרום די געביידעס שאַרן זיך שאָטנס, בויגן זיך איבער דיר, ברענגען־מיט פֿון דער פֿינסטערניש פֿאַרשטיקטע קולות.

מרדכי קוקט זיך אַרום, וויל זען, צי די דאָמיניקאַנער רוקן זיך נישט אַרויס פֿון הינטער דעם קייזערלעכן שלאָס.

ער זעט קיינעם נישט. די זעלנער, וואָס שטייען אויף דער וואַך, שפּאַצירן הין און צוריק מיט די ביקסן אין די הענט, די אַלטע ביימער, וואָס אַרום, וויגן די נאַקעטע צווייגן, קרעכצן און צווישן די פֿליגלען פֿון די געביידעס הערט זיך אַ פּייף, ווי די שטומע שטיינער, וואָס ווייסן אַלץ און שווייגן, וואָלטן געגעבן אַ געהיימען צייכן, מען זאָל זיך היטן. עס עפֿנט זיך אַ טירל און עס קומט אַרויס דער משומד דונין. נאָך אים אַ פּראָצעסיע פֿון דאָמיניקאַנער. דער משומד האָט

באַזיגט דעם לעצטן פון די בעלי-תּוספות, דעם גרייז-גראָען ר׳ יחיאלן. פון הינטער די פינסטערע געביידעס לויפן-אָן פאַרבלוטיקטע יידן, שרייען מיט נישט קיין מענטשלעכע קולות און דאָס פעבל, ווילד פון פרייד, צווינגט זיי צו קוקן, ווי מען פאַרברענט די גמרות. אויפן זעלבן אָרט וואו דעם רמב״מס געגנער האָבן געהייסן פאַרברענען דעם ״מורה-נבוכים״ און דאָס אַש האָט נאָך געגליט — האָבן געפלאַקערט טויזנט גמרות׳ די פייערדיקע אותיות האָבן געהילט די שטאָט אין פלאַמען, געוויינט — דאָס איז די תּורה און דאָס איז איר שכר! נישט געקאָנט צוזען, וואָס עס וועדט פון גאָטס וואָרט, געוואָלט אָפּווישן די שטאָט, האָט זיך דערהערט אַ בת-קול: — דאָס צאָל איך אָפּ מיינע קינדער — מדה כנגד מדה! נישט צוליב אייך וועל איך בויען דאָס הויז ישראל, נאָר צוליב מיין הייליקן נאָמען, וואָס איר פאַרשוועכט, וואוהין איר קומט!

און אין דעם בת-קול, צווישן די געשרייען, האָט זיך געפלאָנטערט דער ניגון פון דער ישיבה, וואו דער גרייז-גראָער ר׳ יחיאל האָט געלערנט מיט זיינע הונדערטער תּלמידים, געלערנט פון אויסעווייניק, אָן גמרות, אויפגעהאַלטן ס׳פייער.

די שווערע, אַלטע געביידעס שטייען פון דורות אָנגעזאַפּט מיט בלוט, טראָגן אין זיך דעם יאָמער פון די געפייניקטע יידן.

פון דער סטנאַ האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער, הייזעריקער קוויטש, ווי דאָס געשריי פון אַ מעווע. מרדכי האָט גענומען גיין גיכער, געזען ווי פאַרבייגייער מיידן אים אויס, שרעקן זיך, ווען ער, מרדכי, האָט געבענקט, שטאַרק געבענקט נאָך אַ מענטש. די טריט האָבן זיך איינגעזאַפּט אין דער פינסטערניש, וואָס האָט זיך געקנוילט פון טייך. די קלאַנגען זענען צעשוואומען און עס איז געוואָרן אַזוי שטיל, ווי דער לעצטער פאַרבייגייער וואָלט אָפּגעשלאָסן מרדכין איינעם אַליין אין דער גרויסער שטאָט.

וואו איז ער? וואָס טוט ער דאָ? דרייט זיך אַרום צווישן שאָטנס און אָפּקלאַנגען, פירט מיטן פינגער און מיינט, אַז ער זעט פאַר זיך מענטשן, רעדט מיט זיי, באַפעלט. די הונדערט טויזנט שטומע הייזער מיט זייערע שאָטנס, וואָס ווייסן זיי וועגן אים, מרדכין? ווער דאַרף אים האָבן?

קיינער, קיינער!

און פון דער פינסטערניש האָט זיך אַרויסגעשיילט דאָס פּאַרוויינטע פּנים פון זיין מאַמען — זון, קום אַהיים און טו תשובה! און איבער אַלעם האָט געשוועבט פּעליציעס צעשטראַלט געזיכט, ווי אַ צעפּלאַמטע זון איבער אַן אויסגעקוילעטע שטאָט מיט מענטשן...

מרדכי האָט אויפגעציטערט, פאַרביסן די ליפּן. די קעלט האָט אים דורכגענומען, אויסגעפרוירן דעם מאַרך און ס'איז אים מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי ווינטיק, ווי מען וואָלט צעעפנט אַלע קעמערלעך ביי אים אין קאָפּ. ער האָט זיך געקאָרטשעט, זיך געוויקלט אין דער אייגענער נשמה, מער נישט געחלומט וועגן אַ וואַרעם בעט, געחלומט וועגן אַ פינסטערן קאָרידאָר, וועגן אַ טרעפּ הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר. און אַז ער האָט באַגעגנט זיינס אַ גלייכן, איז אים געוואָרן וואַרעמער ווי ער וואָלט געטראָפן אַן אַלטן באַקאַנטן, כאָטש ער האָט אים געזען דאָס ערשטע מאָל. מען טיילט זיך מיטן טאַבאַק, מיטן ביסן, מען רעדט זיך אָפּ די הערצער און מען צעגייט זיך.

אין איינער פון די נעכט האָט מרדכי באַגעגנט סעסיליען — אַ קראַנק מיידל מיט שמאָלע פּלייצעס, ווי ביי אַ קינד. וואו איז זי איצט?

פון אַ זייטיק געסל האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ עורה פּאָליציאַנטן, זיך צעשאָטן איבערן בולוואַר אין אַ האַלבן קרייז. עס איז געוואָרן אַ געלויף. מיידלעך, וועמען נאָך צוועלף ביינאַכט איז נישט דערלויבט געווען צו שפּאַצירן אָן מענער, האָבן זיך געוואָרפן פון אַלע זייטן, געוואָלט אויסמיידן די געפאַר. איידער מרדכי האָט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, זענען עטלעכע מיידלעך אים באַפאַלן, געכאַפּט אונטערן אָרעם, זיך גע-טוליעט צו אים, זיך געבעטן, ער זאָל זיי באַשיצן, זאָגן, אַז דאָס זענען זיינע באַקאַנטע, אויב אַ פּאָליציאַנט וועט זיי אָפּשטעלן... אַ, דער מאָסיע איז אַ גוטער... מאָן שער... מאָן שער...

און אַז די פּאָליציאַנטן זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן די מיידלעך זיך צעשיט מיט אַ געלעכטער איבערן בולוואַר, געוואָרפן מרדכין קושן און זיך געלאָזט צו אַן אָפענער קירך, וואו דער אַריינגאַנג האָט זיך געשאָטנט אין דעם גלימער פון אַן אייל-לאָמפּ, זיך געעפנט, ווי אַ טיפע קוים באַלויכטענע הייל.

אין דעם אַריינגאַנג האָבן די מיידלעך אַרומגערינגלט אַ באַוואַק-סענעם מאַן, וואָס אין זיין הילוך האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט

באַר-וזאָס אַרויס פון אַ פאַרשטויבטער נישע. מרדכי האָט דעם פּרטויל דערקענט אָן דער פיגור. ס'איז געווען נאַרוויד.

— ווער ביסטו, באַוואַקסענער?

— ער איז אַ דיכטער!

— אודאי אַ מאַלער!

— כ'בין אַ קריסט — האָט נאַרוויד גוטמוטיק געזאָגט.

— ער איז אַ נביא!

— קום מיט מיר, נביא — האָט אים איינע גענומען אונטערן אָרעם.

— גיין, מיט מיר קום!

די מיידלעך האָבן געגלעט זיינע לאַנגע האָר, געלאַכט, ווען ער האָט זיך געבעטן ביי זיי:

— קינדער, כ'בעט איך, רייכערט נישט אין גאָטס הויז.

— וועסטו גיין מיט אונז?

— כ'זועל אַלץ טון, קינדער, אַבי רייכערט נישט.

— איך פאָלג — האָט איינע אַ שיק געטון דעם פּאַפּיראָס אין דער גאַס אַריין און זיך נעשטעלט פאַר אים ווי אַ געהאָרכזאַמע שילערין.

— איך אויך!

— גוט, גוט! איצט, קינדער, לאָמיר קניען, מיר זענען אַלע זינדיק, אַלע.

די מיידלעך, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם פרעמדן, האָבן איינציקווייז זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן שטיינערנעם אַריינגאַנג, געשטאַנען אויף די קניען און זיך געצלמט מיטן אומבאַקאַנטן.

— וויפיל פאַרדינט יעדע איינע? — האָט נאַרוויד זיך געפרעגט.

— ווי איינער איז באַשערט.

— און אַז איך וועל אייך געבן אַלץ, וואָס כ'האָב, איר זאָלט אַהיים גיין, זיך מער היינט נישט אַרומשלעפן איבער די גאַסן, וועט איר עס טון?

זיי האָבן זיך צעלאַכט.

— כ'האָב דרײַסיק פראַנק, קינדער.

— ביסטו דאָך אַליין אַן אָרעמאַן?

— איך? איך בין רייך, קינדער.

— טאָ פאַרוואָס גיסטו אונז אַזוי ווייניק?

— נישט געלט, קינדער, מאַכט רייך, נישט געלט!

די האָבן זיך אויפגעשטעלט, געפלאַטערט אַרום גאָרווידן טויי פייגל, זיך געטיילט מיטן געלט, זיך געסודעט.

מרדכי האָט נאָכגעקוקט די קליינע אָפּגעפּודערטע מיידלעך, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן בולוואַר, ווי פאַרשטעלטע קינדער, נאָכגע-קוקט דעם בוואַקסנבעם נאָרוויד און דאָס געזאַנג אין אים האָט ווידער אָנגעהויבן וואַקסן.

עפּעס רויעס האָט זיך געריסן אין אים. ער איז מער נישט געווען אַליין, געגאַנגען אין דער נאַכט און דאָס פינסטערניש האָט אויפגעוויכטן אין מרדכין.

ער איז פאַרבייגעלאָפן זיין אייגן הויז.

די „קאָנסיערזשקע״, וואָס איז געזעסן אין לויזע, שוואַרצע קליי-דער אין אריינגאַנג פון הויז און זיך צונויפגעגאָסן מיט דער קאָליר פון דער טיר, האָט אים נאָכגעשריען:

— מאָסיע אַלטער!

ער האָט זיך אויסגעדרייט, זיך געכאַפּט וואו ער געפינט זיך און מיט אַ שמייכל זיך באַגריסט·

— גוטן אָוונט, מאַדאַם!

— וואו לויפט דער מאָסיע אַזוי שפּעט?

כ'האָב זיך פאַרטראַכט און נישט באַמערקט, אַז כ'בין פאַרביי-ראָס הויז.

— איך, דאַנקען גאָט, האָב קיין צייט נישט צו טראַכטן, מאָסיע. אַז כ'קוק אַמאָל אַריין אין מיין מאַנס ביבל, נעמט מיר שווינדלען פאַר די אויגן און כ'דרעמל גלייך איין. אַ פּנים, נישט יעדער קאָפּ, מאָסיע, איז באַשאַפן געוואָרן צו טראַכטן... מיין מאַן לייענט אַלע טאָג פאַרן שלאָף די ביבל און ווי נאָר ער דרימלט איין, נעמט ער אַלץ איבערדערציילן... אַז כ'האָב מורא צו ליגן נעבן אים! ער קאָן נאָך פון קאָפּ קומען... כ'זאָג אים — ביסט דאָך נישט קיין גלח! אַ „קאָנ-סיערזש״, אַז ער לייענט די ביבל זונטאָג, איז גענוג.

מרדכי האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון דער רעדעוודיקער קאָנ-סיערזשקע און וואו ער האָט זיך נישט אַ קער געטון, געוואָלט אַריין אין פאַרהויז, האָט זי אים פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג מיט איר ברייט קלייד

און נישט אויפגעהערט אים צו דערציילן וועגן די שכנים. ער האָט אָבער איבערגעריסן די רייד:

— איז פאַראַן אַ בריוו פאַר מיר?

— נישטאָ, הער אַלטער, — האָט זי זיך אַ שטעל געטון מיט די הענט פאָדבאָקעס, אים דורכגענומען מיט אירע קעצישע אויגן — געווען אַ בריוו פאַר מאַדמואַזעל טערעז. דער בעל הבית וויל, זי זאָל ליידיק מאַכן דאָס צימער און איר האָט דאָס געדאַרפט זען, ווי זי האָט געמאַכט „אייגעלעך" צו אים.

— זי צאָלט דען נישט?

— פאַרוואָס זאָל זי נישט צאָלן? כ'האָב געזאָגט דעם בעל הבית, אַז כ'וויל נישט האָבן אין הויז אַן אַרומלויפערקע — אַ מיידל, וואָס שלאָפט בייטאָג און שלעפט זיך אַרום גאַנצע נעכט... און דאָס רימט זיך נאָך, אַז זי איז אַ קאַטויליש... זי אַרבעט קיינמאָל נישט. האָט אַ פול צימער מיט פאַרפומען און פודער, און איצט אירע קליידער? סאַמעט און זייד, ווי זי וואָלט געווען אַ רייכע טאָכטער... מיר ווייסן, מאָסיע, וואו די „נאַכט-פייגל" נעמען דאָס, מיר ווייסן...

— איר האָט דאָך מיר אַליין געזאָגט, מאַדאַם, אַז מאַדמואַזעל טערעז שפּילט אין וואָדעוויל?

— און איר מיינט, מאָסיע, אַז אַן אמתע קאַטוילין וועט זינגען אין אַ וואָדעוויל, זיך ווייזן פאַר מענער אין קורצע, דורכזיכטיקע קליידלעך? מאַנסבילן אָבער זענען נישט קיין איבערקלייבער, גענוג אַ טערעז און זיי גייען אַלע אַרום אָן קעפּ! איך וועל זען, זי זאָל דאָ מער נישט וואוינען! בין איך נישט גערעכט, מאָסיע? זינגט גאַנצע טעג און מיין מישעל זינגט נאָך אירע שטיק!

— וואָס ווילט איר, מאַדאַם — האָט זיך מרדכי אָנגערופן—טערעז איז אַן אָרעם מיידל, אַז זי איז יונג, זינגט זי...

— און אויב דער מאָסיע מיינט, אַז איך בין אַלט, האָט ער אַ טעות — האָט זי מרדכין אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט — אַז מיר זאָלן נאָכקוקן די מעטריקעס, ווייס איך נישט, צי טערעז איז נישט עלטער פון מיר! אַז דאָס האָט נישט גאָט אין האַרצן. טראָגט אַ קליידל ביז צו די קניעלעך, שמירט און פודערט זיך... און די האָר, מיינט דער מאָסיע, זענען אירע? ווי כ'זע, וויל דער מאָסיע אַרויפגיין צו זיך אין צימער,

גוט, כ׳וועל אָנצינדן די לאַמטערנע און אים אַרויפפירן...

— אַ דאַנק, מאַדאַם, כ׳וועל טרעפן אין דער פינסטער, באַמיט אייך נישט... אַ גוטע נאַכט, מאַדאַם...

— ס׳מאַכט נישט, מאָסיע... אַ גוטע נאַכט...

מרדכי איז געלאָפן איבער די שטיגן, זיך געדרעדלט אויף די שווינדל-טרעפ, געמאַכט צוויי, דריי טרעפן מיט איין שפרייז, ווי מען וואָלט זיך געיאָגט נאָך אים. ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין צימערל, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער איינציקער שטול, וואָס איז געשטאַנען ביי זיין טישל און געוואָלט אויפכאַפּן דאָס געזאַנג, וואָס האָט זיך געריסן אין אים, גייענדיק אַהיים. און וואָס שטאַרקער ס׳איז געוואָרן דער פאַרלאַנג צו באַפרייען זיך פון אַן אינערלעכן דרוק, וואָס איז געוואַקסן אין אים, אַלץ צעשווימענער איז דאָס געזאַנג געוואָרן, זיך אַרויסגעגליטשט און דער מח האָט אָנגעהויבן געשווילן מיט ליידיקייט. די נאַכלעסיק-פאַרוואָרפענע הענט האָבן געטריפט מיט פיין, מיטגעשלעפט דעם קאָפּ און ער איז געבליבן זיצן ווי אין אַ הינער-פּלעט. אַלץ אין אים האָט זיך גערויכט, צונויפגעשמאָלצן די נשמה מיטן חומר און אין דער מטושטשקייט האָבן שטיקלעך ליכט זיך געפּעדלדלט. שפּעט אין דער נאַכט האָט ער אָנגעצונדן אַ ליכט, זיך געזעצט איבער אַ העפט און גענומען שרייבן.

קאַפּיטל 5

# קידוש השם

די נאַכט, אָן שטערן, אָן לבנה, האָט שעהן זיך געראַנגלט מיט פאַרפלאַמטע שאָטנס, זיי בייגעקומען איינציקווייז, זיי צעלייגט אַרום לייי־דיקע פעסער ווייך, אַרום צעברענטע פייערן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין לעשן, זיך געצויגן פון מאַרק ביז הינטער דער שטאָט.

אַ שטומקייט האָט געשוועבט איבער דער ערד, וואו מיליאָנען געפּעניטעטע פאַרלאַנגען האָבן געדרימלט אין צעפּאַרעטע לייבער, געוואַרט אויפן מאָרגן, ווען מען וועט ברענגען אומגליקלעכע.

הענט אַרום אַקסל, פיס צווישן פיס, האָריקע טאַטואירטע בייכער. קלאַפּטער־פּלייצעס איינגעלאָפן אין קאָרטש.

די לופט, צעשוואָלן פון פלייש און לייב, האָט איינגעזאַפּט אומבאַהאָלפענע שטיקלעך נשמה, וואָס האָבן זיך געריסן מיטן הויך פון צעעפנטע מיילער, אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון אַ געהיימער וועלט.

צווישן די אויסגעלאָשענע פייערן איז די נאַכט געוואָרן פינסטערער און געדיכטער.

דער שלאָף האָט איבערגענומען די ממשלה, זיך געוויגט מיט זיינע חלומות אין דעם חושך, איבערגעשטעלט טייכן, בערג, שטעט און וואָס דיקער די וואַנט פון דער תפיסה, וואָס טיפער די צעל אונטער דער ערד, אַלץ לייכטער איז זיי דער שלאָף בייגעקומען, געשפּרייט זיינע פליגל מיט מער פרייד.

די תּפֿיסה, שוואַרץ פֿון יאָרן און רעגן, האָט זיך געהויבן איבער דער שטאָט, ווי אַ שטיק צונויפֿגעפּרעסטע נאַכט. דער הילך, וואָס האָט געהאָנגען איבער דעם מאַרק, איבער די גאַסן, איז נישט דערגאַנגען צו דער תּפֿיסה און די קלאַנגען, וואָס זענען אַהין פֿאַרבלאָנדזשעט, האָבן זיך צעשלאָגן אָן די קאַרניזן, אָן די נישט געהאַקטע שטיינער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעפּרעסט פֿון דער שווערער געבײַדע ווי בײַכער, ווי אײַנגעמויערטע לײַבער.

צווישן די פֿײַכטע ווענט האָט געבלאָזן מיט דער קילער שטילקייט פֿון אויסגעשעפּטע ברונעמער, קעלטער געוואָרן, וואָס טיפֿער מען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער שווינדל-טרעפּ.

אין אַ צעל, אויף אַ הילצערנער נאַרע, איז געלעגן אַ קנויל חושך. טיף אין דער צעל האָט זיך געשנירלט אַ דין, בלוילעך פֿלעמל, געטריבן דאָס פֿינסטערניש אונטער דער נאַרע, אין די ווינקלען. דאָס פֿלעמל האָט זיך געהויבן פֿון צווישן די אײַנגעמויערטע שטיינער, זיך געקײַקלט, זיך געהעקלט, געשמאָלצן באַהאַלטענע כּחות, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער שעה, געגאַרט נאָכן וואָרט.

די מחשבה האָט קיין קיום נישט ווען זי איז נאַקעט, צעפֿלאָסן, קאָן נישט אײַנהאַלטן איר ליכט, גאָטס ליכט, בענקט נאָך אַ לבוש, נאָכן וואָרט. זי גיט זיך איבער דעם מענטש, העלפֿט אים בויען וועלטן, זעט דער מענטש זאָל זיך מיט איר, מיט דער מחשבה, פֿאַרגלײַכן מיט גאָט, פֿאַרמעסטן מיט אים.

די באַהאַלטענע כּחות האָבן געקלאַפּט מיט זייערע פֿליגל אַרום דעם קנויל מיט חושך, האָט דאָס פֿינסטערניש זיך גענומען שיילן, אַ הויט נאָך אַ הויט. און אַ ליכטיקייט, דאָס יונגע ליכט פֿון באַגינען, האָט אַ פֿאַל געטון איבער דער נאַרע, געשלאָגן העכער און העכער ווי אַלע שליוזן וואָלטן זיך צעבראָכן און די פֿרייד איז געלעגן אין דער פֿלייצונג.

אותיות האָבן זיך געצייכנט — אַ פּאַלאַץ נאָך אַ פּאַלאַץ, געגאַרט נאָך די געלייטערטע כּחות, ווי דער גוף בענקט נאָך דער נשמה.

אויף די ברעטער איז געשלאָפֿן שלמה מולכו מיטן פּנים צו מזרח, אײַנגעזאַפּט אין זיך דאָס ליכט פֿון דער וועלט. ער האָט געאָטעמט לײַכ־

טער ווי אַ קינד און אַרום די פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך געקניפּט אי צער אי פרייד

אַ דורכזיכטיקייט האָט אים אַרומגענומען, אויסגעטון פון דער אַרומיקייט, אים איבערגעטראָגן אין אַ וועלט, וועמענס אָפּשיין איז דער קוואַל פון יעדן לעבעדיק באַשעפעניש — איז מולכו געוואַקסן מיט דער קלאָרער מחשבה, דערזען אַ געשטאַלט, דערהערט אַ קול און זיך טיף פאַרבייגט:

— רעד, מיין האַר, דיין קנעכט הערט!

מולכוס „מגיד" איז געשטאַנען איבער אים. אַ הויכער, אַ ליכ־טיקער, געשפרייט פון ברייטע אַרבל דינע, איידעלע הענט, זיי גע־וויגט ווי פלאַנצן, געוואָרן איינס מיט די בלוילעכע פלעמלעך, וואָס האָבן זיך געשניטן פונם חושך.

יצחק, אַ געבונדענער, איז געלעגן אויף שטיינער. די אויגן, די ליפּן, דאָס גאַנצע פּנים — אַלץ האָט געלויכטן און זיך פאַרגאַנגען אין די בלויע פלעמלעך, זיך געצויגן, ווי דינע, ווייטע קלאַנגען. און דער הלל איז פול געוואָרן מיט אַ פאַרבאָרגן פייער, וואָס ברענט און ברענט נישט אויס.

אַ זיכערקייט פון אַ קינד, ווען די מאַמע שטייט איבער אים אין חלום, פירט אים איבער אומבאַקאַנטע ווייטן, האָט זיך געוויקלט אַרום מולכון.

דעם „מגידס" ווייסע אַרבל האָבן זיך צעפלאַדערעט מיטן פלאַטער פון פייגל, זיך צעלייגט איבער מולכון, ווי ברייטע פליגל, אים געהויבן העכער און העכער. ער האט איינגעזאַפּט אין זיך אַ וועלט נאָך אַ וועלט. דער גוף איז געוואָרן לייכטער, דינער — אַ בלוי ווינטל אַרום דער אייגענער נשמה.

דער „מגיד" האָט זיך איבערגעבויגן, איינגערוימט מולכון:

— אַ צער, אַ גרויסער צער, ליגט איבער דער וועלט. זעסט, ווי דאָס פייער פון דער עקדה האַלט זיך אין איין זעצן, ווערט קלענער? אַ וועלט לעבט אין דעם זכות פון די מעשים־טובים, וואָס זאַמלען זיך אַרום דער עקדה. אָן ליבע, אָן מעשים־טובים קאָן די וועלט קיין קיום נישט האָבן. דער מענטש איז בטבע שלעכט, ווערט פאַרצערט פון רשעות און ווען נישט דער צדיק, וועמענס מעשים זענען בלויז ליבע, וואָלט די וועלט

שוין לאַנג חרוב געוואָרן. הייב אויף די אויגן, מולכו, וואָס זעסטו?

— לינקס זע איך אַ טראָן, ווייס, ווי שניי, און רעכטס — בלוי ווי סאַפּיר.

— דער ווייסער מולכו איז דער טראָן פון גערעכטיקייט, און דער בלויער — פון רחמים. די וועלט איז זינדיק, מולכו, די וועלט איז שלעכט, גאָט זיצט אויפן טראָן פון גערעכטיקייט און וויל די וועלט אומברענגען, איז געבוג, ער זאָל דערזען דאָס טליענדע אַש אונטער יצחקן און ער ווערט בלויז רחמים. דאָס אַש פון דער עקדה לעשט זיך, מעשים-טובים ווערן אַלץ ווייניקער. דאָס רשעות זאַפּט-איין ליבע און איבער דער וועלט גייט איבער אַ קרירה. מען דאַרף זען, מולכו, דאָס פייער אַרום דער עקדה זאָל גרעסער ווערן. וואָס מער מעשים טובים, וואָס מער ליבע — די וועלט מוז אַ קיום האָבן.

דאָס בלוי, דורכזיכטיקע ווינטל, וואָס האָט געפלאַטערט אַרום מולכוס נשמה, האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם „מגידס" קדושה און ער האָט זיך צעוויינט פון גרויס פרייד:

געלויבט ביסטו גאָט, וואָס האָסט מיר צוגעטיילט דעם כבוד צו ווערן דיין קרבן.

מולכו האָט צעעפנט די אויגן און ווי אַ פעלז, וואָס רייסט זיך אָפּ פון אַ שפּיץ באַרג, שלעפּט מיט אין תהום אַריין ביימער, שטיקער ערד—אַזוי האָט מולכו מיטגעבראַכט פון די אומבאַקאַנטע וויטן דאָס פייער, וואָס גאָט אַליין צינדט-אָן אין אַ מענטש, ער זאָל נישט בלייבן קיין שאָטן.

ער איז געבליבן זיצן אויף דער נאַרע.

וויטן האָבן אויפגעבליצט. אַ רינג אין אַ רינג, געוואָרן קלענער, איינגעלאָפן, און ער, מולכו, וויגט זיך צוזאַמען מיט דער צעל, באַלד וועט זיך דאָס אויך אָפּשטעלן.

דער זייגער פון תפיסה-טורעם האָט געשלאָגן, געקייקלט פון דער הייך שטיקער צייט. דאָס חושך האָט אויפגעציטערט — גלין-גלאָן. זיך געטראָגן פון איין טורעם צום צווייטן, אויסגעשלאָגן יעדע רגע פון מענטשנס לעבן — אַלץ פאַרגייט, אַלץ פאַרגייט.

ער איז אַראָפּ פון דער נאַרע, צוגעגאַנגען צום שמאָלן פענסטער מיט די אייזערנע שטאַכעטן, געקוקט אין דער געדיכטער פינסטערניש, וואָס איז געהאָנגען איבער די אויגן — אַ תפיסה איבער אַ תפיסה.

— — — ס׳איז נישט געווען קיין בראשית, קיין לעבן. גאָרנישט, גאָרנישט. גאָט האָט זיך נאָר-וואָס דערנענטערט צום תוהו-ובוהו, געגאַרט נתגלה צו ווערן. האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ פּינטע-לע, די מחשבה זיינע, און ס׳איז געוואָרן בראשית.

ס׳בלוט ביי מולכון איז געלאָפן פון די שלייפן. נישטאָ קיין הימל, נישטאָ קיין ערד. אַ תהום אָן אַן אָנהויב, אָן אַ סוף, אַ גאָרנישט. און אין דעם גאָרנישט קאָרטשעט זיך פון צער די נשמה. שפּאַרט פאַנאַנ-דער די ווענט, האָט קיין שליטה נישט איבער זיך.

— כ׳זוך דיך, גאָט. כ׳בין יעדע רגע גרייט איבערצולאָזן אויף דער ערד מיין גוף. נישט אין גוף איז מיין גבורה. דיינע קינדער ווייסן, אַז דו ליידסט, אַז דו וועסט זיי אַרויסנעמען פון גלות צוליב דיין פאַר-שוועכטן נאָמען, אַז דו קאָנסט אָן זיי נישט לעבן, ווי זינדיק זיי זאָלן אפילו נישט זיין. און פינדעסטוועגן, גאָט, בין איך נישט דער איינציקער, וואָס איז גרייט צו שטאַרבן פאַר דיר. נישט טויזנטער, נישט צען טויזנ-טער, אַ גאַנץ פאָלק שטייט מיט אויסגעשטרעקטע העלזער — וואו נעמט מען די זכיה פאַרברענט צו ווערן אין דיין נאָמען, גאָט?

דער הילך פון ווייטע קולות האָט זיך צעשלאָגן אָן די ווענט. מולכו איז אַוועק פון פענסטער און אַן אויסגעצויגענער געבליבן שטיין אין מיטן צעל.

די ליידיקייט אַרום איז געוואָרן טיפער — אַ תהום. די אַקסלען, שמאָלע, האָבן זיך אַ הייב געטון, דינער, דינער — אַ פאַרשפּיצטע פייל, און אין דער דינקייט איז געוואַקסן פיין און גבורה.

נישט אַלץ איז דער שם-המפורש, אפילו נישט דער פון צוויי און פערציק אותיות. און אַז מען דערמאַנט אַ וואָרט אין אַ געלייטערטע גע-שטאַלט רופט זיך אָפּ, באַהעפט זיך מיטן שורש, איז וואָס? ס׳בלייבט אַלץ דער טיפער צער, דער תהום, וואָס האָט קיין פורעם נישט, נישטאָ קיין וואָרט פאַר אים. מעגסט טאַשירן די אותיות — דעם אָנהייב מיטן סוף, דעם סוף מיטן מיטן, היפּער-איבער, לאָז אַרויס, שטעל-איבער, קאָמ-ביניר און דאָס נישט-דערזאגטע, דאָס, וואָס ס׳צווייטע וואָרט וויל קלאָר מאַכן, שלעפּט-מיט ס׳דריטע, ס׳פערטע און דאָס פאַרשוויגענע צעוואַקסט זיך איבער דער גרויסער וועלט אין „רואה-ואינו-נראהס" — פאַר די ריזן איז יעדער קלאַנג שטום און בלינד. זיי דאַרף מען זוכן אין דעם

צוק פון אַקסל, אין דעם קאָרטש פון גוף, אין דער אייגענער אומבאַ-האָלפנקייט.

מולכו דאַרף נאָר ווען — — — אַ צי מיטן שטערן, אַ צענעם מיט די הענט — — — און — — —

— ווי דו, גאָט, האָב איך מיטן בלויזן בליק אָפּגעשטעלט דעם טיבער, ווען ער איז אַרויס פון די ברעגעס. ס'איז דאָך גענוג, כ'זאָל צעשפּרייטן די הענט און די ווייטסטע מחשבה זאָל בלייבן הינטערשטעליק. מיין לינקע האַנט שטעקט אינם עבר און די רעכטע שליידערט וועלטן-רוקט זיי איבער אויף טויזנטער יאָרן. ס'טראָגן זיך יאָרן, שטעלן זיך אויף אַ רגע נישט אָפּ. עלטערן זיך נישט און וואוהין גייען זיי? וואוהין, גאָט?

דעם הייסן קאָפּ האָט ער אַריינגענומען צווישן די פלאַכן פון די הענט, זיי אָנגעשפּאַרט אָן די נאַסע ווענט און אַזוי געבליבן אין אַ ווינקל אַ געבויגענער.

די שמאָלע פּלייצעס האָבן זיך געטורעמט. דאָס אָטעמען, אַ פאַרשטיקטס, איז געקומען מיט אַ ברומען, זיך געהויבן איבער דער צעל, זיך געראויכערט, ווי די ערד ניסן-צייט, ווען טיף אין אירע גע-דערים רייסט זיך אַ פּליסיק פייער, שפּאַרט זיך מיט קנוילן פאַרע, וויל דורכברעכן די קאָרע.

— באַווייז דיך, גאָט, דאָס איינע מאָל, דאָס לעצטע מאָל. אַ פאַרשפאַר-טער בין איך געזעסן אין רוים, געקוקט ווי דער המון קומט-אָן פון אַלע זייטן, קען זיך ניט דערוואַרטן, מ'זאָל מיך פאַרברענען און מיט קולות באַ-פאַלט ער די תפיסה. כ'בין זיי אַנטקעגן געגאַנגען אַ רוהיקער, ווייל דיין וואָרט, גאָטס וואָרט, האָט געברענט אין מיר ווי אַ פייער, דער המון האָט אויפגעבראָכן די טיר, אַ כאַפּ געטון מיין פלאַשטש, און איך, אַ נאַקע-טער, בין געגאַנגען ביז די קנעכלען אין בלוט און דיין שטים, גאָט, האָט געשרפעט אין מיר:

— וי לקרתא דמחייבתא! וי לקרתא דמחייבתא!

— פאַרלאָז מיך נישט, גאָט, זיי מיט מיר, ווי דו ביזט געווען מיט שמשונען, ווען די שונאים האָבן אים די אויגן אויסגעשטאָכן.

דאָס אָטעמען איז איבערגעגאַנגען אין אַ שטום געזאַנג, געקומען

דורכן פאַרמאַכטן מויל, ווך דער נאָז, געקומען מיט יעדן ביין אוןביינדל.

ער האָט פאַרצויגן אַרום זיך דעם פּלאַשטש און זיך צוגעשפּאַרט אויף דער נאַרע.

אַ העלקייט האָט זיך געשוימט אונטער זיינע פיס, געשניטן אַ וועג און אַ וייל ליכט האָט זיך געטראָגן אויף אַ פּריער, געפירט אי־בער באַרג און טאָל, זיך אויף אַ רגע נישט אָפּגעשטעלט.

פון אַ טייכל האָט געשלאָגן מיט אַ קלענער ליכט, פאַרגרעסערט די העלקייט, געצונדן די לופט מיט גאָלדענע און זילבערנע פייערלעך און דאָס טייכל איז אַזוי פיל ליכט נישט פול געוואָרן.

אַ מיידל אין קאָלירטע פּלאַכטעס איז געשטאַנען אין מיטן וואַסער. די האָר, שווארצע, האָבן געשימערט מיט זון און צווישן די פינגער — איידעלע פאַרוויינטע פינגער — האָבן געפלאַטערט פלעמלעך:

— משיח קומט! משיח קומט!

די פּלאַכטעס אַרום דעם מיידל זענען געוואָרן שמעלער, זיך גע־הילט אין אַ בלויקייט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, זיך געצוי־גן צום גרויסן ליכט:

— כ'קאָן מער נישט וואַרטן!

— וואָס טוסטו איינע אליין אין די בערג, דבורה?

— כ'וואַרט אויף משיחן, שלמה, כ'וואַרט אויף דיר!

— ער וועט קומען, כּלה מיינע, ער וועט זיין מיט דיר.

— ס'נעמט אַזוי לאַנג — — —

— מער בטחון, דבורה.

— אַז די וועלט איז זינדיק — — —

— זי דאַרף אַ קרבן, דבורה.

— אַ קרבן? כ'האָב מורא — — —

— שרעק נישט, דבורה, הלואי וואָלט גאָט מיך אויסגעקליבן. ער האָט אָבער חשובערע — ר' יוסף קארו — גאַנץ צפת איז חשובער.

— טאָ קום נענטער, חתן מיינער, שווענק־אָפּ דעם שווערן וועג פון דיינע מידע פיס.

הענט ציען זיך, שליידערן שטיקער ליכט און טענער, מיליאָ־נען טענער וויקלען זיך אַרום דער ערד, ווי רעגנבויגנס.

די אייזערנע טיר פון דער צעל האָט זיך געעפנט, אַריינגעלאָזט אַ געבויגענע געשטאַלט, צוריק זיך פאַרמאַכט און אין דעם פאַרשטיקטן חלל זענען געשטאַנען ווערטער:

— נישט לענגער פון פינף מינוט!

דער פרעמדער האָט אָפּערגענומען פון הינטערן מאַנטל אַ לאַמטערן. זי אָנגעשטעלט אין אַלע זייטן ביז דער שיין איז געפאַלן, ווי אַ בייז אויג, אויף מולכון.

ער האָט זיך אויפגעזעצט.

דער פרעמדער האָט אים דערזען, איז צוגעגאַנגען און דערלאַנגט אַ פּעקל:

— טוט אייך איבער, ר' שלמה מולכו, שוין. מיר האָבן געציילטע מינוטן. ביים אַרויסגאַנג וואַרט אויף אייך אַ וואָגן מיט פערד.

— כ'וועל נישט אַנטלויפן, ר' יוסילמאַן!

— מען וועט אייך פאַרברענען, ר' שלמה!

— מען האָט שוין מולכון נישט איינמאָל פאַרברענט און ער רעדט מיט אייך.

— דער קעניג איז אַן אכזר!

— די אינקוויזיטאָרן אין רוים זענען נישט קיין קלענערע!

— מיט אייער קומען נאָך רעגענשבורג האָט איר פאַרערגערט די לאַגע פון יידן.

— מסתמא האָט אַזוי געדאַרפט זיין, ר' יוסילמאַן!

— אין וועמענס נאָמען רעדט איר עס?

— אין נאָמען פון גאָט.

— מיט אייער האַלטן זיך שטעלט איר אונז אַלעמען אין געפאַר.

— און איר, ר' יוסילמאַן, פאַרלענגערט די גאולה.

— דאָס ווייסן מיר נישט!

— דאָס זאָג איך אייך. אייערע מעשים פאַרשטאַרקן דעם שעבוד-מלכיות. דאָס שלעכטס פונם עגל רעדט פון אייך אַרויס. וואָס פאַר אַ ווערט האָט אייער לעבן, ס'לעבן פון אַ קנעכט, ווען זיין האַר איז אין גלות?

— מיט וואָס קאָנט איר מיר פאַרזיכערן, ר' שלמה, אַז איר זייט געשיקט פון גאָט?

— נאָך היינט, נאָך היינט אין דער פרי, ווצט איר עס זען, ר׳ יוסילמאַן.

— כ׳קען לענגער דאָ נישט בלייבן, ר׳ שלמה, די געפאַר איז גרויס, דער קעניג האָט מיר געהייסן פאַרלאָזן די שטאָט.

מולכו האָט זיך אַ רוק געטון צום פענסטערל, וואו פאַסיקלעך באַגינען האָבן געגרויט, אָפּגעטיילט זיין קאָפּ פון די אַקסלען און אויגן. גרויסע נישט-באַוועגלעכע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעלויכטן פון שוואַרצע באַקן-קרייזלעך, זענען געפאַלן אויפן געבויגענעם יוסילמאַן, אויף זיין קאַלירטע לאַטע.

— אַ שליח-מצוה ווערט נישט געניזוקט, ר׳ יוסילמאַן.

— גאָט זאָל זיין מיט אייך, ר׳ מולכו.

די טיר האָט זיך שווער געעפנט, זיי צעשיידט און מולכו האָט לאַנג געקוקט אויפן אָרט, וואו יוסילמאַן איז געשטאַנען, געהערט, ווי זיינע טריט צעשווימען אין דער שטילקייט פון קאָרידאָר. ס׳פענסטערל האָט קוים אַ ציטער געטון. אַ וואָגן איז פאַרבייגעפאָרן. ס׳איז געוואָרן נאָך שטילער.

דער באַגינען האָט איבערגעטראָגן די אייזערנע שטאַכעטן אויף דער וואַנט אַרויף, וואָס קעגנאיבער דעם פענסטער, זיי אויסגעצויגן, געשניטן אין קוואַדראַטן.

אַ פויגעלע איז געשפרונגען פון אַ קעסטעלע אין אַ קעסטעלע, זיך געפלאָנטערט צווישן די אייזנס, אויסגעזען, אַז ס׳קאָן נישט אַרויס.

מולכו האָט זיך געיאָגט נאָכן פויגעלע. ער האָט געטשאַטעוועט מיטביידע הענט, זיי מיט אַמאָל פאַרמאַכט און איז געבליבן שטיין מיט גאָרנישט.

אַ וואָכעדיקייט האָט זיך געלייגט איבער אים. ער האָט באַדויערט, פאַרוואָס ער האָט דורכגעלאָזט אַזאַ געלעגנהייט—זיך געקאָנט ראַטעווען פון טויט. אַלץ אין אים האָט געוויינט, געזוכט אין אַרומיקן חושך גאָט. און די צעל, וואו דער פרימאָרגן האָט זיך געלייגט איבער די ווענט, איבערן דיל, אויסגעשניטן אַ דריי-עק אויף דער נאַרע, האָט איצט אויסגעזען פינסטערער, ווי ביינאַכט.

דער הונגער האָט גענאָגט, געטריבן פון אים גאָטס וואָרט.

ס׳לעבן, מולכוס גאַנץ לעבן, האָט זיך געדרייט פאַר די אויגן,

ווי אַ שטויבעלע, זיך געריי‍צט מיט אים, וואָס ער נעמט זיך איבער מיט דער מחשבה, ווען דער גוף קאָן צומאָל נישט בייקומען דעם הונגער

ער האָט זיך געשלאָגן אָן די ווענט, אָן די ברעטער פון דער נאַרע, זיך געקאָרטשעט, ווי אַ וואָרעם. דערזען, ווי די רשעות, וואָס פאַרבייט פליגל אויף פיס, קריכט־אונטער אויף אַלע פיר, איז ער אויפגעשפרונגען, אָנגעכאַפּט די רשעות פאַרן גערדיק, איר געשריען אין פרצוף אַריין:

— ס׳איז שקר! דער גוף קאָן זיך פון אַלעם באַפרייען, פון אַלעם! מען דאַרף נאָר האָבן גאָט אין האַרצן!

ער האָט זיך מער נישט געטראָגן מיט פאַרמאַכטע אויגן איבער דער צעל־קפיצת הדרך האָט צענומען די ווענט, באַפרייט פון שטח. „גימטריאות, צרופים, תמורות” האָבן פאַרוואָרפן בריקן, געצייכנט פי־גורן, אויסגעשטעלט „שמות”, קאָמבינירט אותיות, געוויקלט פאַר די אויגן פייערדיקע אלף־ביתן און איבער אַלעם איז געשטאַנען מולכו, געפלאָכטן און געשמידט די געהיימע כחות, געשטראַלט מיט גאָטס גייסט, גערעדט מיט גאָטס וואָרט און אַלץ, אויף וואָס זיין הויך איז געפאַלן, האָט באַקומען לעבן.

נישט געאײַלטע שלעסער האָבן געקרעכצט. דער הילך פון שווע־רע טריט האָט מיטגעבראַכט דעם קלומפּער פון קייטן, וואָס איז געקומען פון דער הויך, פון דער טיף, געקומען אָן אַ קול.

מולכו האָט נעהויבן דעם קאָפּ, געמיינט, עס עפנט זיך ערגעץ אַ טיר. די צעל אַ פינסטערע, אַן איינגעלאָפּנע האָט אים פאַרשטעלט די ראיה. פון שוואַכקייט האָט ער זיך צוגעזעצט אויף דער נאַרע, געקוקט אויף די „שמות” אויף די גימטריאות, וואָס האָבן אויסגעהויל־טע זיך געוואַלגערט אַרום זיינע פיס, געקוקט אויף זיי, ווי אויף שונאים. ער איז אויפגעשפרונגען מיט אַ געשריי, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין אַלע פיר ווינקלען, באַהאַלטן דאָס פנים צווישן די נאַסע ווענט, ווי אַ קינד באַהאַלט דאָס פנים אין קישן פאַר אַ פאַרזעעניש, און מיט צעשפרייטע הענד געטריבן פון זיך די טומאה:

— גאָט פאַרלאָז מיך נישט!

אַ שליסל האָט זיך צוויי מאָל איבערגעדרייט און אין דער אָפענער

מיר איז געשטאַנען אַ קאַרדינאַל אין רויטע קליידער, מיט אַ ביבל אין דער לינקער האַנט.

מולכו האָט זיך אַ הויב געטון. דאָס צעווייטאָקטע פּנים האָט זיך געליײטערט. די אויגן — טיפֿע, פֿאַרשאָטנטע וואַסערלעך — האָבן אויפֿגעבליצט מיט שטילער גרויסקייט, מיט דרך־ארץ באַגעגנט דעם קאַרדינאַל.

— ווייסטו, דיאָגע פּירעס, וואָס ס'ערוואַרט דיך?

— כ'ווייס, קאַרדינאַל.

— אין נאָמען פֿון קעניג בין איך געקומען, דיאָגע פּירעס. נאָך נעכטן האָט דער קעניג דיך געהייסן פֿאַרברענען. כ'האָב זיך קוים ביי אים אָפּגעבעטן, עס געטון צוליב דעם הייליקן פֿאָטער פֿון רוים. כ'ווייס, אַז קלעמענס דער זיבעטער וועט האָבן עגמת־נפֿש. ער וויל נישט דיין טויט, גלויבט, אַז דו וועסט תּשובֿה טון. צוריק ווערן אַ קריסט. טו עס צוליב אונזער פֿאָטער, טו עס צוליב אונזער האַר יעזוס, וואָס איז אומגעקומען פֿאַר אונזערע זינד — - פֿאַר אַלעמענס זינד — — — — — — — — טו תּשובֿה און ער וועט דיר מוחל זיין — — —

— מיר, יידן, נעמען נישט אָן יעזוסעס קרבן, מיר האָבן אונזער אייגענעם.

— וועמען?

— אונזער קרבן איז יצחק.

— יצחק איז קיינמאָל נישט אומגעקומען — האָט דער קאַרדינאַל אים איבערגעהאַקט.

— דער מענטש איז זינדיק — האָט מולכו גערעדט זיינס — גייט איבער די קנעכלעך אין בלוט און אויב דער צדיק וועט זיך נישט מקריב זיין, וועט דער זינדיקער אינגאַנצן אומקומען.

— גערעכט, דיאָגע פּירעס, גערעכט, אַזוי דאַרף רעדן יעדער גאָטספאָרכטיקער קריסט.

— דאָס רעדט אַ ייד.

פּלעמלעך האָבן אויפֿגעלויכטן אין מולכוס פֿאַרשאָטנטע אויגן, דערציילט, אַז קיין זאַך גייט אים נישט אָן, ווען ער, מולכו, טראָגט אין זיך גאָטס וואָרט.

ער האָט לייכט אָנגענומען דעם קאַרדינאַל פֿאַר אַ האַנט, אים אַ צי געטון צום פֿענסטערל.

אַ המון מיט הייליקע פענער האָט זיך געקליבן פאַר דער תּפיסה, מענטשן אָפּגעריסענע, האַלב נאַקעטע, אויגן הונגעריקע, פּנימער זינדיקע, האָבן אי חוצפּהדיק, אי איבערגעשראָקן זיך געדרייט צווישן המון, געשטאַטעוועט אין די ווינקלען, ווי היימלאָזע הינט אַרום יאַטקעס. זיי האָבן איבערגעשראָקן די טויבן, וואָס האָבן געוואָרקעט אַרום דעם תּפיסה-קלויסטערל.

בעטלערס האָבן געקניט אַרום דעם האַלב-איינגעפאַלענעם קלויסטערל, געקושט די שטיינערנע ווענט, וואו הייליקע, ענלעך צו די בעטלערס, האָבן זיך אַרויסגעפּרעסט אינם פּרימאָרגן-שימער. פון אַלטקייט האָט זיך ביי אַ הייליקן אויסגעקרישלט דער קאָפּ, ביי אַ צווייטן — די פיס. דער שלאַנג האָט זיך געצויגן מיטן עפּל און וואו חוה איז אַמאָל געשטאַנען, האָט זיך געגרויט אַ לאָך, וואו אַ בעטלער האָט פאַנאַנדערגעבונדן זיין זעקל.

— פאַר זיי, פאַר דעם פעבל, גייסטו זיך מקריב זיין — האָט דער קאַרדינאַל געוויזן אויפן המון.

מולכו האָט נישט געענטפערט, בלויז די אויגן, פאַרצערטע אויגן, האָבן געקוקט אויפן קאַרדינאַל, און אין דעם צער איז געווען אַזאַ ביטול פאַר דער אַרומיקייט, אַז דער קאַרדינאַל האָט זיך אַ רוק געטון אויף צוריק, אויסגעשעפּטן אין דער לופט אַ צלם:

— גאָט זאָל זיין מיט דיר!

אַ מחנה איבערגעשראָקענע טויבן האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן אַזוי נאָענט פון פענסטערל, אַז דער ווינט פון זייערע פליגל האָט געקילט מולכוס צעשטראַלט פּנים.

— נישטאָ קיין גרעסערע פרייד, ווי אומצוקומען פאַר גאָט!

דער גרויער קאַרדינאַל האָט אים אַרומגענומען:

— דערמאַן מיך צום גוטן.

דער וועכטער, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין דער קוים-צעעפנטער טיר, איבערגעגעבן די נייגיריקע באַדינער מיט אַ וואָרט, מיט אַ צייכן, וואָס עס קומט פאַר אין דער צעל — האָט אַן איבערראַשטער מיטאַמאָל פאַרטרויט, אַז דער הייליקער קאַרדינאַל האָט זיך צעקושט מיטן פאַרשאָלטענעם כּשופמאַכער.

דאָס נייעס האָט זיך באַלד צעשפּרייט איבערן קאָרידאָר, איז זיך צעפלויגן צווישן דעם דרויסיקן המון.

אַן אומבאַקאַנטער, מיט אַ צעקנייטשט, באַקעט פּנים, די באָרוועס פּיס שוואַרץ ווי די ערד, איז אויסגעוואַקסן אויף עטלעכע אַקסלען, און ווען אַרום איז שטיל געוואָרן, האָט דער פרעמדער געוויזן אויפן פּייער, וואָס האָט זיך געהויבן פון מאַרק:

— און איר, נאַראָנים, גלויבט, אַז גאָטס שליח וועט פאַרברענט ווערן? זיין שאָטן, דעם שליחס שאָטן, וועט איר אַריינוואַרפן אין פייער! דער שליח אַליין וועט בלייבן, איז דאָ צווישן אייך. זיין וואָרט, גאָטס וואָרט, וואָס בויגט זיך נישט פאַרן קעניג, פאַרן פּויבסט, טראָגט צווישן אייך דער גאָטספאָרכטיקער מאַרטין. זעט בעסער, די שטאָטישע קאַליקעס זאָלן זיך צוזעצן ביי דער תּפיסה. פון זיין בלויזן ריר הויבן בלינדע אָן צו זען, הינקענדיקע — צו גיין.

— וועט ער טאַקע נישט פאַרברענט ווערן? — האָט זיך עמיצער פון המון אָנגערופן.

— אַז מען שמירט זיך אויס מיט סאַלאַמאַנדראַ-בלוט, ברענט מען נישט, — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— וואו קריגט מען סאַלאַמאַנדראַ-בלוט?

— ביים אַלטן רופא, וואָס שטייט מיט זיינע קרייטעכצער ביים קלויסטערל.

— גוטע מענטשן, לאָזט דורך!

— לאָזט דורך אַן אָרעמען קאַליקע! — פון אַלע זייטן האָבן זיי זיך געשפּאַרט צו דער תּפיסה, זיך צעזעצט אַרום דעם געשניצטן אייזערנעם טויער. איינער האָט צוגעבונדן אַן אַרבל, דער צווייטער — אַ הויז, געהאַלטן גרייט די אַרומגעביסענע קנאָכן.

די טויערן האָבן זיך געעפנט.

די קאַליקעס האָבן זיך אַ לאָז געטון אין דעם אַריינגאַנג, ווער מיט אַן אויפגעהויבענער קוליע, ווער מיט אַ פאַרוואַקסענעם קנאָך. נאָך זיי דער המון מיט קולות, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן שטורמען די שווערע געביידע.

אויף די טרעפּ איז געשטאַנען מולכו.

דער המון איז צוריקגעפאַלן, זיך געבויגן, ווי אַ פינסטערע כמאַרע.

עשטאַנגנען איבער אַ רגע אין אַ קלעם, געהאָנגען צווישן טויער און תּפיסה און מיטאַמאָל, ווי פון זיך, האָט די מענגע זיך צעשניטן אויף צווייען, געמאַכט פּלאַץ פאַר מולכון.

אין קייטן, מיט אַ שלאָס אויפן מויל, ער זאָל נישט קאָנען רעדן צום המון, איז מולכו פאַמעלעך אַראָפּ פון די טרעפּ. פוןביידע זייטן זענען נאָכגעגאַנגען פעטע קלויסטער-ברידער מיט יראת-שמים-פּנימער.

— הייליקער, האָט רחמנות!

— דערלייזער!

בלינדע האָבן געצויגן דאַרע הענט פון אויסגעוואַקסענע אַרבל. לאָמע האָבן פאַנאַנדערגעבויגן די פיס, מאָמעס האָבן זיך געשטופּט מיט שלאַק-דיריקע קינדער, זיך געבעטן ביי מולכון:

— זע, דער הייליקער ציריל, דער ממונה איבער קאַליקעס, זאָל אונז העלפן!

מולכו, געוויקלט אין פּלאַשטש, האָט געקוקט פאַר זיך. איז מיטגע-ריסן געוואָרן מיט דער גרויסער פרייד, וואָס האָט געקוואָלן אין אים, זיך אים אַנטקעגן געטראָגן פון די ענגע, געהויקערטע געסלעך, וואו געוועלבטע טויערן, אַרומגעזעצט מיט קאַליקעס, האָבן אים באַגעגנט.

די פרייד האָט אים געמאַכט שמעלער, דינער, אַראָפּגעוואָרפן אין גיין איין לבוש נאָכן צווייטן, און דער גוף — אַ בלויז פלעמל אַרום דער נשמה—האָט זיך אַ הויב געטון איבער די מענגעס מענטשן, מער נישט געפילט דעם קלימפּער פון די קייטן אַרום די אייגענע פיס. די הענט — ווייסע, איידעלע הענט — האָבן מיטן בלויזן ריר אַראָפּגענומען ביי בלינדע הייטלעך פון די אויגן, זיך געצויגן אין דעם פרישן פרימאָרגן, זיך געצויגן צו דער עקדה, וואָס האָט זיך געוויגט פאַר זיינע אויגן, געטריבן מיט בלייע פלעמלעך דאָס רשעות פון דער וועלט, געוואָרן איינס מיט די פלאַמען, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט אין מיטן מאַרק, גע-וואַרט אויף אים, אויף מולכון.

---

קאַפּיטל 6

## טערעז

אַז מרדכי האָט אויפגעהערט שרייבן, האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. ער איז געבליבן זיצן איבערן טיש, זיך נישט געקאָנט אָפּטיילן פון די אָנגעשריבענע בויגעלעך פּאַפּיר, וואָס האָבן געאָטעמט דורך אים, דורך מרדכין. דאָס לעבן, וואָס האָט זיך געפּאָרעמט אונטער די בלעטלעך, איז געווען אַ שטויבעלע פון דער אַרומיקער אומענדלעכקייט. אין דעם שטויבעלע איז געלעגן מרדכיס גאַנצע גבורה. די אומענדלעכקייט, וואָס איז געבליבן אַ נישט-געצוימטע, האָט זיך געטראָגן אויף אים פון אַלע זייטן. ער האָט דערפילט די אייגענע אָנמאַכט, אַ שאַר געטון פון זיך די בלעטלעך פּאַפּיר און אָנגעשפּאַרט זיך אָן דעם ווענטל פון שטול. ער האָט געקוקט אין די פּאַסעקלעך ליכט, וואָס האָבן זיך געזיפּט דורך די שויבן און, זיצנדיק, זיך געגנומען אויסטון.

אין קאָרידאָר האָט אַ קלאַפּ געטון אַ טיר. מרדכין איז איינגעפאַלן, אַז מאַדמואַזעל טערעז איז נאָר וואָס אַהיים געקומען. ער האָט געהערט, ווי איבער דער וואַנט טוט זיך עמעצער אויס, לייגט זיך אין בעט אַריין און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן.

שטיקלעך געדאַנקען אָן אַ צוזאַמענהאַנג זענען אָנגעלאָפן, זיך נישט געלאָזט לאַנג פאַרטראַכטן איבער אַ זאַך, מיטגעשלעפּט טערעזען און פרישע געדאַנקען זענען אָנגעלאָפן.

אַ האַלב-אויסגעטוענער האָט מרדכי זיך אויסגעצויגן אויפן בעט און איז באַלד איינגעשלאָפן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיטן געדאַנק, אַז ער האָט נאָר-וואָס

אײַנגעדרימלט. ס'איז געווען גרויסער טאָג. אין דער צעעפנטער טיר איז געשטאַנען טערעז אין אַ קורץ אונטער־קלײדל ביז צו די קנעכלעך. די פרעמדע פלעכטן זענען נאַכלעסיק געפאַלן איבער די אַקסלען, איבער דער פאָדלאָגע, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעריסן און דאָס פּנים איז געווען אויסגעשמירט מיט בלוט. די בלויע פאַרנעבלטע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף מרדכין, האָבן, דאַכט זיך, גאָרנישט געזען, טעמפּ געגלאָצט, ווי אײנער, וואָס קומט־אויף פון די פּאַליקע.

ס'בלוט אין מרדכין האָט געפרירט, געווען זיכער, אַז מען האָט טערעזן געשטאָכן. ער איז אַראָפּ פון בעט:

— וואָס האָט געטראָפן? וואָס איז אײַך, מאַדמואַזעל?

זי האָט נישט געענטפערט, געקוקט מיט אויסגעלאָשענע אויגן, גאָרנישט געזען און אינסטינקטיוו דערפילט אַ מענטש נעבן זיך. זי האָט זיך צוגערוקט, אַרומגענומען מרדכין און אויפגעציטערט. די קלײנע נאָז איז געוואָרן לענגער, ווײַסער ווי דאָס פּנים, אָפּגעשטאָרבן. און צווישן די פאַרשאַרצטע ליפּן האָט אַ שטיקל פאַרגליווערטע צונג נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן דורך די פאַרהאַקטע צײן:

— מאָן שער... מאָן שער...

מרדכי האָט זי אַוועקגעזעצט אויפן בעט, איר געגעבן אַ ביסל וואַסער, גענומען וואַשן ס'פּנים, געוואָלט וויסן, וואו זי איז פאַרוואונדעט און זיך געכאַפּט, אַז ס'בלוט גײט גאָר בײַ איר פון די צײן.

ביסלעכווײַז איז די טעמפּקײט פון אירע אויגן צעשוואומען, די ווײַסלען האָבן זיך אויסגעקלאָרט און דאָס פּנים איז געוואָרן אַזוי בלײך, זוי מען וואָלט ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון דאָרט אויסגעצאַפּט.

די שײנע טערעז, מיט וועלכער דאָס גאַנצע הויז אויף סענזשארמען האָט געקלונגען און נישט אײן טיר האָט זיך געעפנט, ווען זי איז געגאַנגען איבער די טרעפּ, דיזעלבע טערעז איז איצט געלעגן בײַ מרדכין אַ צעבראָכענע מיט אויסגעלאָשענע אויגן. אַרום די אויגן איז דער פּודער מיט דער שמינקע פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, געשטאַנען אין די קנײטשן, ווי צעקרישלטע שטיקלעך קאַלך אין די שפּאַלטן פון אַן אַלטער געבײדע.

זי האָט דערצײלט אַן אַלטעגלעכע געשיכטע פון אַ פאָטער אַן אַלקאָהאָליקער, אַן עפּילעפּטיקער, וואָס האָט קײנמאָל נישט דערנערט די פאַמיליע, נור נאָך צעטרענצלט, וואָס די קינדער האָבן פאַרדינט. די

קינדער האָבן זיך געהאָדעוועט אין גאַס און אַז זיי זענען אונטער־געוואַקסן, האָבן זיי געירשנט דעם פאָטערס קרענק. זי, טערעז, איז נעכטן אַהיים געקומען אַ מידע, געוואוסט, אַז זי גייט עס קריגן און ווי נור זי האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, גענומען זיך אויסטון, אויפ־שנורעווען די שיך, האָט זי דערפילט אַ מיש אין קאָפּ און האָט אַ פאַל געטון מיטן פּנים אויף דער פאָדלאָגע. אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז איר געווען דושנע, נישט געהאַט קיין לופט צו אָטעמען און גענומען זוכן אַ טיר אַראָפּצוגיין אין גאַס. זי האָט געפרובט אַלע טירן אין קאָרידאָר. מרדכיס איז נישט געווען פאַרשלאָסן.

טערעז האָט אויפגעהערט רעדן און זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן. יעדע זאַך האָט זי איבערראַשט, ווי זי וואָלט געקומען פון אַן אַנדער וועלט. די אויגן האָבן קיין געגנשטאַנד נישט געקאָנט אַרומנעמען מיט אַמאָל, בלויז אויפגעכאַפּט די טיילן, אויף וועלכע איר בליק איז געפאַלן. דער מוח איז געווען מטושטש, די געדאַנקען זענען זיך צעקראָכן, ווי איבערגעזונקטע שטרויען.

ס'האָט גענומען אַ ווייל ביז טערעז האָט אויסגעפונען, אַז זי ליגט ביי אַ פרעמדן מאַנסביל אויפן בעט, זיך דערמאָנט, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, באַטראַכט איר אייגענעם הילוך. זי האָט פאַרבראָכן די לאַנגע, בלאַסע פינגער און אומבאַהאָלפן, ווי אַ קינד, זיך פונאַנדערגעוויינט:

— מיין גאָט, וואו בין איך, וואו?

זי האָט שטיל געוויינט. און אַז דער פאַרדרוס און חרפה, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום האַרץ און געקוועטשט, זענען פון די טרערן ווייכער געוואָרן, איז מרדכי אונטערגעקומען און זי אָנגעהויבן באַרוהיקן:

— ערגערט אייך נישט, מאַדמואַזעל, איר זייט ביי אַ שכן. ליגט רוהיק, דאָס וויינען איז איבריק, ס'רעגט אייך נור אויף. אויב איר פילט זיך נישט באַקוועם אין מיין געגנוואַרט, זאָגט, גיי איך אַרויס.

— אָ, מאָסיע — האָט זי אויסגעשטרעקט צוויי ווייסע הענט — לאָזט מיך נישט אַליין, כ'בעט אייך... אויב מעגלעך, עפנט אַ פענסטער, ס'איז מיר אַזוי דושנע...

ער האָט געעפנט אַ פענסטער. די בינטלעך ליכט, וואָס זענען געפאַלן אויפן קופאָל פון פאַנטעאָן, האָבן געריסן די אויגן, געצונדן פלעמלעך אין די שויבן פון די אַרומיקע הייזער, זיך געשפיגלט אין די וואַסערלעך, וואָס זענען געבליבן אין די אויסגעגעסענע פלעצער

פון דער הילצערנער גאַס, נאָכדעם ווי די „קאָנסיערזשען״ האָבן זי אָפּגעשוואָנקען. די קאַלירן האָבן זיך געביטן, זיך צעשפּליטערט און פאַר די אויגן האָבן זיך געטראָגן גאָלדענע פּליטערלעך, וואָס וואַרעמען נישט. דאָס קלאַפּן פון שווערע פערדישע פּאָדקאָוועס האָט געהילכט מיט אַ ליידיקייט איבער דער הילצערנער גאַס, זיך אויסגעמישט מיטן געשריי פון די הענדלערס, וואָס האָט אַרויפגעפּראַלט, און דער הימל, אַ קאַלטער, אַ ריינער, איז געהאָנגען נידריק.

מרדכי האָט צוגעשטעלט טיי און זיך גענומען פאַרענטפערן, וואָס זיין בעט שטייט נישט ביים פענסטער.

– אויב איר וועט מיר ערלויבן, רוק איך גלייך איבער דאָס בעט צום פענסטער.

– אָ, זאָל זיך דער מאָסיע נישט באַמיען... ס'איז אַזוי אויך לופטיק... דער מאָסיע מאַכט טיי? גוט! אויב ס'וועט אים נישט שווער זיין, ליגט אין מיין צימער אויפן טיש אַ זעקל מיט פּאָנטשקעס, פרישע פּאָנטשקעס, וואָס כ'האָב מיט זיך געבראַכט פון דער גאַס... כ'מיין...

– אין געגנטייל – האָט מרדכי זיך אַ כאַפּ־געטון און זיך אַליין געחדושט, וואָס ער איז היינט אַזוי אויפמערקזאַם, אַן אמתער קאַוואַליער.

טערעזעס צימער, האָט אים שטענדיק געלאָקט, דערמאָנט אַ באַלויכטן פענסטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן ראָלעט. דאָס אומבאַוואוסטע הינטער דעם ראָלעט לאָזט דיך נישט גלייכגילטיק. דאָסזעלבע געפיל האָט מרדכי יעדעס מאָל געהאַט, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען טערעזעס טיר.

איצט, אַז טערעז האָט אים אַליין אַריינגעשיקט צו זיך, איז ער מיט אַ יונגעלשער פרייד אַרויס פון זיין צימער און אַז ער האָט אָנגענומען די האַנטאַבע פון איר שלאָס, האָט אים עפּעס פאַרדראָסן און אין דערזעלבער רגע האָט זיך גענומען דרייען פאַר אים מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט איין געשעעניש נאָך דעם צווייטן, ווי אַ ריזיק ראָד מיט פאַרביקע שפּיצן וואָלט זיך פאַרבייגעטראָגן, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ ווינט און אין דער פּוסטקייט איז געשטאַנען אַ שמייכל.

– נו, איז וואָס? נו, איז וואָס?

ווען נישט דאָס ווייסע הימל־בעט מיט די ראָזע פאַרהענגלעך, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן צימער, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז

דאָ איז אַן אויסשטעלונג פון יאַפּאַנעזישע זאַכן. אַלץ אין צימער איז געווען קליין. דער טיש, די בענקלעך, אַפילו די שאָלן האָבן מער אויסגעזען, ווי צום שפּילן זיך פאַר קינדער, איידער צום טרינקען פון זיי.

אַן איידעלער ריח, וואָס איז שווער אים אָנצורופן ביים נאָמען, ווי דער ריח פון אַ בריף, וואָס מען באַקומט פון אַ געליבטער דאַמע, האָט אַ בלאָז געטון אויף מרדכין.

ער האָט גענומען פון טיש דאָס זעקל מיט פּאַנטשקעס, זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט און איז אַרויס.

פּאַר די עטלעכע סעקונדן, וואָס מרדכי איז נישט געווען, האָט טערעז זיך אויפגעקעמט די האָר, זיך אַרומגעוואַשן, און גראַציעז, ווי קיין זאַך וואָלט נישט פּאַסירט, גענומען אָנגיסן טיי. און ווען נישט די פלעקן אויף אירע באַקן, וואָלט אינגאַנצן נישט געווען קענטיק, אַז דאָס פּנים מיט די אויגן איז נאָר-וואָס געווען צעקנייטשט און אויסגעלאָשן.

זי האָט צעריסן דאָס פּאַפּירענע זעקל. די פּאָנטשקעס האָבן זיך צעשיט איבערן טיש, אָנגעפילט דאָס צימער מיטן ריח פון פרישע געבעקס. זי האָט דערלאַנגט מרדכין אַ גלאָז טיי:

— ביטע, מאָסיע, די פּאָנטשקעס זענען זייער געשמאַק...

זיי האָבן געגעסן און נישט אויפגעהערט רעדן. מרדכי האָט געזען, טערעז זאָל פאַרגעסן, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, זיך געוויצלט און יעדעס מאָל, ווען זי האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיך, האָט מרדכי זי פאַררעדט, אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש. זי האָט געלאַכט, די פלעקן אויף די באַקן זענען פאַרשוואונדן, די קנייטשן האָבן זיך אויסגעגלייכט און אינגאַנצן איז זי יונגער געוואָרן.

מרדכי האָט געטראַכט, אַז טערעז דאַרף געפעלן. זיך בלויז געחדושט, ווי נאָך די אויסגעלאָשענע אויגן האָלטן זיך אין איין בייטן — זענען טעמפּ און שלאָגן מיט וואַרעמקייט, און אין דער וואַרעמקייט פלאַמט יעדע רגע אויף אַ בייזער, שיקעלדיקער בליק פון אַ חולה-נכפה, וואָס מאַכט דיך ציטערן.

---

טערעז האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן באַגעגנט אַ מענטש, וואָס איז גוט צו איר און וויל דערפאַר גאָרנישט. די ערשטע צייט האָט אַזאַ באַציהונג זי אַ ביסל געשראָקן, נישט געווען זיכער, וואוהין דאָס קאָן פירן, ערוואַרט יעדן טאָג, עס זאָל עפּעס געשען, און אַז עס

זענען דורך עטלעכע וואָכן און קיין זאַך האָט נישט פּאַסירט, האָט אַ בלינדע דאַנקבאַרקייט, וואָס איז אַזוי זעלטן בײַ מענטשן, נאָר בײַ הינט פֿון איידעלער פּאָראָדע זעט מען זי — אַזאַ איבערגעגעבנקייט, מיט וועלכער מען שטעלט זיך נישט אָפּ פֿאַר קיין געפֿאַר, זיך אויפגעוועקט אין איר.

טערעז האָט באַמערקט, אַז מרדכין געפֿעלט נישט, וואָס זי שלעפּט זיך אַרום בײַנאַכט אין קאַבאַרעטן, אין קאַפֿעען. ער האָט עס איר קיינמאָל נישט געזאָגט. זי האָט עס אָבער דערפֿילט און כאָטש עס איז איר שווער געווען צו בלײַבן אָוונט אין שטוב — דער קאַבאַרעט, דער קאַפֿע זענען געווען די איינציקע פּלעצער, וואָס האָבן אַרײַנגעגעבן אַ תּוך אין איר לעבן, געהאַט פֿאַר איר מער באַדײַטונג, ווי רויך פֿאַר אַן אויסגעהונגערטן רויכערער, ווײַל זי האָט פֿון די נאַכטפּלעצער אויך חיונה געצויגן — איז זי פֿונדעסטוועגן צוויי, דרײַ מאָל אַ וואָך געבליבן אין איר צימערל. זי האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין, בשום אופֿן נישט געוואָלט ווײַזן מרדכין, אַז זי טוט עס צוליב אים.

מרדכיס אָפּגעלאָזט צימערל, וואו שווערע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין שפּינוועבס, געהויערט אויף די ווענט, אין די ווינקלען — דאָס צימערל האָט אין די אָוונטן געקראָגן אַן אַנדער אויסזען, ווי ס'וואָלט באַקומען אַ תּיקון. עפּעס ווײַבלעכעס האָט טערעז מיט זיך מיטגעבראַכט, וואָס האָט ווייכער געמאַכט די אָנגעכמורעטע פּנימער. די שווערע געדאַנקען זענען געוואָרן באַוועגלעכער און פֿון יעדן ווינקל האָט אַרויסגעקוקט אַ פֿרויען־האַנט און דערצו נאָך אַ פֿאַריזער, וואו יעדער פֿאַלד אין איר קלייד, יעדער קנייטש אין קאַפּעלוש האָט נשמה, דערציילט, אַז דאָס איז נישט געמאַכט געוואָרן, עס איז פֿאַרטראַכט און געשאַפֿן געוואָרן אין אַ קליין צימערל אונטער די חלומות, אַז היינט — מאָרגן וועט פֿאַריז ליגן בײַ אירע פֿיס.

די גאַנצע ליבע, וואָס זי האָט געהאַט צו מרדכין און אים נישט געזאָגט דערפֿון, האָט זי אַרײַנגעלייגט אין זײַן צימערל. פּעליציעס קופּער־שטיך, וואָס מרדכי האָט געקראָגן בשעת ער האָט פֿאַרלאָזט קאָצק, האָט טערעז אויפֿגעזוכט צווישן זײַנע אַלטע זאַכן. זי האָט דערשפּירט, אַז דאָס איז נישט קיין שוועסטער און דער קופּער־שטיך איז נישט געוואָרען. זי האָט אויפֿגעזוכט דבורהלעס אַ בילד, זיך דערוואוסט בײַ

קאַהאַנעץ, אַז ס'איז מרדכיס מוטער, האָט זי עס איינגערעמט אין שוואַרצן סאַמעט און עס אויפגעהאָנגען אין אַ ווינקל, ס'האָט נאָר געפעלט אַ לעמפל, דבורהלע זאָל אויסזען ווי אַ היילִיקע.

דאָס איידעלע פּנים מיטן געשפּיצטן שטערן-טיכל, דער האַלדז מיט פּערל, די הערמיל-ווייסע פינגער פון די צונויפגעלייגטע הענט – אַלץ האָט געאָטעמט מיט אַ דורכזיכטיקער צוריקגעהאַלטנקייט.

טערעז האָט זיך געגומען קעמען, ווי דבורהלע, און אין דער פריזור איז געווען אַזאַ צעפּאַטלטע שיינקייט, אַז מען האָט אויף אַ רגע נישט געקאָנט זאָגן, זי שפּילט. אַזוי פיל נאַטירלעכקייט איז געווען אין איר האַלטן זיך.

מרדכי האָט ווידער געגומען אויסמיידן דעם וויין-קעלער, באַקאַנטע. גאַנצע טעג איז ער געווען פאַרנומען מיט מיליטערישע איבונגען, דורכ-געגאַנגען מיט קאַפּיטאַן וויווי אין אַ משך פון דריי חדשים פלוטאָנס מיליטעריש סיסטעם. צומייסטן רעקרוטן זענען געווען פּוילישע סטודענטן, וואָס האָבן אויפגעגעבן די לעקציעס, זיך געריכט, דער אויפשטאַנד זאָל אויסברעכן יעדן טאָג.

עס איז פאַרביי אַ וואָך נאָך אַ וואָך.

מרדכי האָט זיך אַרומגעזען, אַז טערעז האָט אין די אָוונטן איי-גאַנצן אויפגעהערט אַרויסצוגיין, אויסגעפּונען, אַז זי נעמט אַהיים זיידענע קישנס אויסצוהעפטן און ווי שפּעט ער זאָל נישט אַהיים קומען, איז שטענדיק צוגעגרייט פאַר אים אָוונט-ברויט. אים איז קשה געווען, ווי נאָך דאָס זעלבע מיידל, וואָס האָט נישט געוואוסט, צי זי זינדיקט, זאָל אין תוך זיין אַזוי מאָראַליש און מוטערלעך, אַזוי אויס-גערעכנט און פּראַקטיש און דאָס טייערסטע ביי איר זאָל ווערן אַן אייגענע היים, אַ נעסט, וואו אַ פרעמד אויג זאָל זיך נישט אַריינרייסן.

זי האָט קיינמאָל וועגן אירע באַציהונגען צו מרדכין נישט גערעדט, עפּעס אַזוי קונציק און פּשוט אַלץ צוגעגרייט, ווי ס'וואָלט אַנדערש נישט געקאָנט זיין. מרדכי האָט אָנגעהויבן זיך פילן מער ווי באַקוועם אין דערהיים און דאָס עסן אין אַ וויין-שענק איז אים אויסגעקומען שווערלעך.

דאָס רוהיקע היימישע לעבן האָט אויף טערעזן געווירקט צום בעסערן. דאָס מאָגערע פּנים איז פולער געוואָרן, אויסגערוטער. דער

בערוועזער ציטער אין די אויגן איז כמעט פֿאַרשוואונדן און דורך דער גאַנצער צייט, וואָס זי האָט זיך געקענט מיט מרדכין, האָט זי אַפֿילו איינמאָל נישט באַקומען די פֿאַליקע.

גאַנצע טעג ביי דער אַרבעט האָט זי געחלומט וועגן די ליפּאָוצער וועלדער, געזען אויסגעהונגערטע, פֿינקלדיקע אויגן, געהערט דאָס קנאַקן פֿון וועלפֿישע ציין. זי האָט איינגעהזרט יידישע ווערטער, געוואָלט דערמיט געפֿעלן מרדכיס מוטער, וואָס האָט פֿון דעם פֿאַרשאָטנטן ווינקל אַזוי צנועהדיק געקוקט אויף איר. ביי טערעזען איז אויסגעקומען, אַז מרדכי איז אַ פּרינץ, וועמעס עלטערן וואוינען אין א שלאָס. דער שלאָס שטייט אין א פֿאַרשנייטן וואַלד, וואו מענטשן גייען אַ קיילעכדיק יאָר אין בערישע פּעלצן, טרינקען הייסן טרון. קיין פֿרעמדער קאָן דאָרט נישט צוקומען. מרדכי, זייער איינציקער זון, הונגערט אין פּאַריז, איז צעקריגט מיט די עלטערן. זיי ווילן, ער זאָל אַהיים קומען, און ער, מרדכי, האָט זיך פֿאַרליבט אין אַן אָרעם מיידל, טערעז הייסט זי.

און אַזוי האָט זי אַריינגעהאָפּטן אין די זיידענע קישנס אירע מיידלשע פֿאַרלאַנגען, געחלומט און געהאָפֿטן, אויסגעפּלאָכטן און אויסגעבעט איר נעסט מיטן שענסטן, וואָס זי האָט אין זיך געהאַט, געוועבט אַ וואַנט צווישן איר צימער און דער דרויסנדיקער וועלט.

זי האָט פֿאַרגעסן, אַז זי זיצט, ווי טויזנט אַנדערע טערעזעס אין אַ מעבלירט צימערל, נישט געזען, ווי די פֿאַרשנייטע פּעלדער טיילן זי אָפּ פֿון די קאַבאַרעטן, אַרויפֿגעקוקט צו דבורהלען, זיך געבעטן ביי איר, דער חלום זאָל מקוים ווערן.

## קאַפּיטל 7

# ערב אויפשטאַנד

אַרום זיבן אין דער פרי איז מרדכי ווי זיין שטייגער אַראָפּ פון בעט, זיך איינגעוואַשן און דורכגעמאַכט אַלע מיליטערישע איבונגען. אַ פרישער האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין זיין חדר, זיך איינגעהערט, ווי די גלידער צעשפּילן זיך ביי אים, קוועלן־אָן, ווי אַ לויפנדיק וואַסער, ווען מען פאַרמאַכט די שליוזן. אין דרויסן האָט געשפּריצט אַ פעברואַר־רעגנדל, וואָס איז מער ענלעך געווען אויף אַ שניי, וואָס צעגייט בשעתן פאַלן. איבערן בולוואַר, שוואַרץ פון נאַסקייט, האָבן זיך פויל געשלעפּט דורכגעווייקטע פערד, איינגעקאָרטשעטע מענטשן, קולות זענען צעשוואומען אין דער נאַסער לופט, זיך טעמפּ געקויקלט איבער די דעכער.

אַ בייסיקע קעלט האָט זיך פאַרקליבן אין חדרל, שטאַר געמאַכט די פיס, די הענט, געקראָכן איבער דעם חוט־השדרה, געבויערט. מרדכי האָט אָנגעפּאַקט אַן אייוועלע האָלץ, אונטערגעצונדן, געשפּרייזט איבערן חדר און זיך צוגעהערט, ווי איבער דער וואַנט גרייט טערעז צו אָנבייסן.

אַז ער האָט געטראַכט וועגן טערעזן, איז אים שטענדיק געקומען אויפן זינען העסעס ווייב, סיביל, ער האָט זיך געשעמט צו ציען דעם פאַרגלייך און ניט ווילנדיק, איז דער געדאַנק, ווי פון זיך, אויסגעוואַקסן, געזען אין דעם גויאישן מיידל אַן אַנטיטעזע.

אים איז נמאס געוואָרן צו זיין אין פּאַריז, וואו קיין יידיש לעבן איז כמעט ווי נישט געווען. די אינטריגעס, וואָס זענען אָנגע־

גאַנגען אין די קאָלאָניעס, האָבן דערעסן, די עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן אים יאָ אינטערעסירט, זענען פּונקט ווי ער געשטאַנען אָן אַ זייט, קיין דירעקטע שייכות נישט געהאַט צו די פּלענער, מיט וועלכע די קוואַרטאַלן פון די עמיגראַנטן זענען פול געווען. נאָרווידן האָבן די פּאָליאַקן דערווייטערט און אויף העסן האָבן די ראַדיקאַלע דייטשן געקוקט, ווי אויף אַן עובר-בטל. און ווען קאַהאַנע וואָלט נישט פאַרבויגן זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, וואָלט מען אים אויך דערווייטערט. זיי זענען קיינמאָל נישט זיכער געווען מיט אים. אַז מען האָט אים געשיקט אין אַ שטאָט אַריין אָרגאַניזירן סטודענטן, האָט ער נאָר געקענט רעדן אַ גאַנצן אָוונט וועגן דעם ציפער „פיר און פערציק", וואָס אין מיצקעוויטשעס „דזשאַדי", און גערעדט האָט ער אַזוי, אַז מען האָט זיך געמוזט צוהערן צו אים, געשאַפן אַרום זיך אַ לעגענדע. ער איז איבערגעוואַקסן די אָרגאַניזאַציע און מען האָט אים נישט געקענט דערווייטערן.

זינט מרדכי האָט אָנגעהויבן גיין אויף מיליטערישע איבונגען, האָט עס אים געצויגן אין וואַלד אַריין. ער האָט געבענקט אַ היים, געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס גרייט ער זיך צו דער רייזע, נאָכגעפאָלגט, וואָס עס קומט פאַר אין פּוילן. לויט די נייעס, וואָס קאַהאַנע האָט געבראַכט פון מיעראָסלאַווסקיס לאַגער, האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז דער אויפשטאַנד קאָן אויסברעכן יעדן טאָג. ביז דער לעצטער מינוט האָט ער אַפילו אַ רגע נישט געטראַכט, וואָס עס וועט זיין מיט טערעזען. איר ליבע האָט אים נישט פאַרפליכטעט, זיך נישט געלייגט איבער אים, קיינמאָל נישט געהערט פון איר, אַז ער דאַרף זיך מיט איר רעכענען, און ווי ער האָט נישט געהאַנדלט — איז אַלץ גוט געווען. אַזאַ באַציהונג פון איר האָט פאַרגרעסערט די התחייבות פון זיין זייט. ער האָט אין דעם נישט געזען קיין צופאַל, וואָס אויף די טונקעלע וועגן פון זיין לעבן באַווייזן זיך פרויען, איינע געלייטערטער פון דער צווייטער.

די קאַרטלעך, וואָס זענען אָנגעקומען פון דער מוטער פאַר די גאַנצע דריי יאָר קיין איין וואָך נישט פאַרפעלט, — די קאַרטלעך האָבן אים פאַרבונדן מיט דער היים, פאַרזיכערט, אַז קיין ענדערונג איז דאָרט נישט פאָרגעקומען, אַנדערש וואָלט דאָך די מוטער אים געשריבן, און אַז אַ מרה-שחורה האָט זיך פאַרקליבן אין אים, געטענהט, אַז קיין קאַרטלעך וועלן מער נישט קומען, ער מעג איינפּאַקן די זאַכן און

אַהיימפאָרן — דעמאָלט פלעגט ער אַרומגיין אין גרויסע יסורים, קיינעם נישט זען, זיך קויקלען אויף דער פאָדלאָגע אין זיין אָפּגעשלאָסן צימערל, רעווען, זיך פייניקן אַ טאָג, צוויי, אַ וואָך, ביז אַ קאַרטל איז געקומען. ער האָט באַשלאָסן צו לאָזן וויסן דער מוטער, זי זאָל מער נישט שרייבן — ער פאָרט אַ היים זיך אָנשליסן אָן אויפשטאַנד.

טעג גאַנצע איז ער אַרומגעגאַנגען מיט זיך, נישט געזען קיין שוועריגקייטן. די גאַנצע זאַך האָט ביי אים אויסגעזען אַזוי פשוט, פאַרגעסן, אַז די ביקס שפּילט אויך אַ ראָלע אינם אויפשטאַנד. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען דער מענטש, דער יחיד, וואָס טוט-אויף וואונדער, קומט-ביי דעם שונא.

מיטן בליק האָט ער איבערגעשטעלט אין צימער דאָס מעבל, די ווענט, פאַרוואַנדלט דאָס חדר אין אַ שלאַכט-פעלד. איבער די ווענט ציען זיך מחנות, זעען זיך קוים אַרויס פון די וואָלקנס שטויב. ער רייט צווישן זיי, מושטירט, באַפאַלט דעם שונא. ער האָט פאַרגעסן, אַז די פויערים-אומרוען זענען אים איבערגעוואַקסן און געחלומט, אַז איצט איז דאָ אַ מעגלעכקייט, כּמעט געוועון זיכער. ביי דעם פונקט האָט זיך זיין צעהיצטער מח תּמיד אָפּגעשטעלט, קיינמאָל נישט געמאָלט עפּעס ממשותדיקעס, נישט אפּגעהאַקט דעם געדאַנק די פליגל, נישט אָנגעצייכנט דעם וועג, איבערגעלאָזט אַ ליכטיקן שטח אָן אַ סוף, וואו מען קאָן זיך אַריינוואַרפן מיט לייב און לעבן. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. באַלד איז אים באַפאַלן אַ גלייכגילטיקייט, פאַרטריבן איין חלום נאָך דעם צווייטן און אין גרויען חלל האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אותיות ווי פון רויך:

— נו, איז וואָס? נו, איז וואָס?

מען האָט אָנגעקלאַפּט.

קאַהאַנע איז אַריין, נאַכלעסיק אַ וואָרף געטון זיין פּילצענעם קאַפּעלוש, אויפן טיש, אונטערגעטראָגן מרדכין אַן אויפרוף:

— לייען!

— ווידער אַן אויפרוף?

— יאָ. די טעג פאַרלאָזן מיר פּאַריז.

— מיט אַן אמת?

— לייען.

— ווען האָט דער אויפשטאַנד אויסגעבראָכן? — האָט מרדכי גענומען לייענען און דערפילט דאָס אייגענע האַרץ.

— שטייט דאָך, דעם צוויי און צוואַנציקסטן יאַנואַר. ס'האָט זיך שוין געגרינדעט אַ פאָלקס-רעגירונג. רוסיש-פּוילן איז איינגעטיילט אין פינף מיליטערישע לאַגערן. לאַנגעוויטש הערשט איבער דער לינקער זייט ווייסל, איבער די איבריקע טיילן האָבן צו זאָגן — לעוואַנדאָווסקי, פּאָדלעווסקי — מענטשן, וואָס האָבן זייערע בעסטע יאָרן פאַרבראַכט אויפן שלאַכט-פעלד. אין דער נאַכט פון צוויי און צוואַנציקסטן יאַנואַר זענען „אונזערע" באַפאַלן אַלע רוסישע גאַרניזאָנען און אומעטום כמעט מיט ערפאָלג. אַ דעלעגאַציע איז נעכטן אָנגעקומען פון וואַרשע און איבערגעגעבן די דיקטאַטור מעראָסלאַווסקין.

מרדכי האָט פון גרויס איבערראַשונג אויפגעהערט צו לייענען, געעפנט ס'מויל און גאָרנישט געענטפערט.

— הייסט עס, מרדכי, מיר פאָרן — האָט קאַהאַנע אויף אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט - און טאַקע באַלד! מעגלעך נאָך די וואָך!

— כ'וואָלט זייער געוואָלט פאָרן מיט דיין פּאַרטיע — האָט מרדכי זיך אָנגערופן.

— העכסטנס קאָנסטו פאָרן מיט מיר — האָט קאַהאַנע אַ כאַפּ געטון זיין קאַפּעלוש און אים געוואָרפן אויפן בעט — קיינע פּאַרטיעס וועלן מיר נישט שיקן. אַלע גרענעצן זענען פול מיט רוסישע שפּיאָנען. מיר וועלן פאָרן צו צווייי, צו דריי, אַזוי אַז מיר זאָלן זיך נישט וואַרפן די שפּיאָנען אין די אויגן.

מרדכי, וואָס האָט זיך כמעט נישט צוגעהערט צו קאַהאַנען, זיך געוואָלט עפּעס קלאָר מאַכן, האָט זיך אָנגערופן:

— זענען מיר כאָטש גרייט?

— וואָס מיינסטו?

— מען האָט געפּלאַנט, דער אויפשטאַנד זאָל אויסברעכן אין צוויי יאָר אַרום, אַמשנעלסטן אין אַ יאָר אַרום, און מיט אַמאָל אומגעריכטערהייט...

— דאָס מיינסטו? — האָט קאַהאַנע געריבן איין האַנט אין דער צווייטער, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט אָנוואַרעמען — מיר האָבן זיך נישט געקאָנט העלפן! ווען מיר וואַרטן לענגער, וואָלט מען אונז אינגאַנצן דערשטיקט! די פּעטליע, וואָס דער רוס האָט פאַרוואָרפן אַרום אונזער האַלז, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרציען פון אַלע זייטן און עס האָט פיל נישט געפעלט, מען זאָל אונז אינגאַנצן דערשטיקן!

— האָט מען כאַטש אויפגעקויפט גענוג געווער? — האָט אים מרדכי איבערגעהאַקט.

— ס'איז אַ חרפה צו דערציילן — האָט קאַהאַנע שטילער גערעדט — איינגאַנצן האָבן מיר איינגעקויפט אַרום ניין טויזנט ביקסן. אַלע פּלענער איבערצופּאַלן די רעגירונגס־קאַסעס האָבן זיך נישט איינגעגעבן, די קריגערייען צווישן די „ווייסע" און די „רויטע" האָבן אַזוי צעטומעלט די מוחות, אַז דאָס פאָלק האָט אינגאַנצן אויפגעהערט בייצושטייערן. ווייסטו כאָטש, וויפיל גילדן מיר האָבן געהאַט אין דער קאַסע ערב דעם אויפשטאַנד? טרעף! פיר הונדערט טויזנט פּוילישע גילדן. אַ פינפט חלק, וואָס דיין מחותן שטראַל פאַרמאָגט!

— אין דעם אַלעם איז שולדיק מעראָסלאַווסקי, — האָט מרדכי באַמערקט.

— ס'הויבט זיך נישט אָן! מענטשן פאַרגינען נישט, טענהן, אַז מעראָסלאַווסקי דאַגהט נור פאַר זיך און — עס איז אַ ליגן! די קנאה רעדט פון זיי אַרויס! אַזוי צי אַזוי דאַרף מען זיין גרייט און אויב ס'וועלן זיין גענוג פּוילישע הענט אויפצוקלויבן די שטיקער אייזן, וואָס וואַלגערן זיך אויף די היימישע פעלדער און זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם שונא — וועלן מיר אים פאַרטרייבן פון פּוילן! האָסט געלייענט דעם אויפרוף? דאָס פויערים־פאָלק איז באַפרייט, נישטאָ מער קיין „פּאַנשטשיזנא", יידן האָבן אַלע רעכט און איצט דאַרף מען זען, וואָס מער מענטשן זאָלן זיך אָנשליסן אָן אונז! און אויב מיר וועלן זיך אַ וואָרף טון אויפן שונא, פון דער ווייסל ביז דער דווינע, מיט אַמאָל, ווי אַ שטורם, ווי אַ געדיכטער וואַלד — וועלן דעם שונאס ביקסן און האַרמאַטן נישט דורכברעכן אונזערע צענדליק טויזנטער פּיקעס, קאָסעס, ווידלעס און צעפּעס!

טערעז האָט אָנגעקלאַפּט דורך דער וואַנט — דער אָנבייסן איז פאַרטיק.

— קום, קאַהאַנע, מיר וועלן איבערבייסן.

— כ'איל זיך, אַ דאַנק. היינט ביינאַכט האָבן מיר אַ שטיקל שמחה, צוליב אונזער אָפּפאָר. געציילטע מענטשן. זאָלסט אומבאַדינגט קומען, הערסט, מרדכי.

— ביי אייך?

— יאָ, אין דער „קאָמונע", וואו מיר וואוינען.

אַז קאַהאַנע איז אַוועק, האָט מרדכי אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן

צימער. די שטימונג איז געוואַקסן. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער פאַרלאָזט שוין פּאַריז. נייע פּלענער האָבן זיך געוויקלט, געטאַשעוועט, מיטגעבראַכט אַ בילד נאָך אַ בילד. פון די דערפער האָבן זיך געצויגן פּאַרטיעס פויערים. די לופט איז געווען פול מיט קאָסעס, ווידלעס, דרענגער. די באַגייסטערונג ביים פאָלק איז געשטיגן, באַוויזן איין וואונדער נאָכן צווייטן. האָט אַ דראַנג געשאָסן, אַ קאָסע באַמבאַרדירט און דער ווייסער אָדלער האָט געפלאַטערט איבער יעדן שטעטל, איבער יעדן דערפל. ייד, קריסט — אַלע האָבן פאַרלאָזט די הייזער, פאַרשלאָסן די קראָמען, זיך געקליבן אין די וועלדער און אויפן ישוב זענען געבליבן ווייבער און קינדער.

ביי מרדכין האָט אַלץ אויסגעזען אַזוי איינפאַך. מען האָט אַרומגע־רינגלט דעם שונא, ווי יעגער רינגלען־אַרום אַ וואָלף, צי אַ וואַלד־חזיר, טרייבן אים פון זיין באַהעלטעניש מיט דרענגער און גלעקלעך. ער האָט געליטן, וואָס ערגעץ אין אים באַהאַלט זיך אַ מנוולע, וואָס האָט קאָנצענטרירט דעם שונא אין מיטן שלאַכט־פעלד, צעשלאָגן דאָס פּוילישע מיליטער און געזען, אַז ער, מרדכי, דער איינפאַכער זעלנער, זאָל האָבן אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצורוקן אין פראָנט, וואַקסן. און באַלד נעמט קלינגען מיט אים קרוין־פּוילן — ער ,מרדכי, האָט צעשלאָגן דעם שונא, אים פאַרטריבן און באַפרייט פּוילן.

שעהן האָט ער געשפּינען זיין גרויסקייט, זיך געפּלאָנטערט אין די חלומות, איינער פאַנטאַסטישער פון דעם צווייטן, און ביים סוף פון יעדן חלום איז אַרויסגעשוואומען דער ייד, אַ שטאָלצער, וואָס האָט די גלייכבאַרעכטיקונג נישט באַקומען, ווי אַ נדבה פון אַ ברייט־האַרציקן שלאַכטשיץ, עס געקויפט מיט זיין בלוט און געהאָלפן זיין שכן, דעם פּאָליאַק, זיך צו באַפרייען. און יעדעס מאָל, ווען מרדכי האָט דערפירט זיין חלום צו אַ געוויסן פונקט, איז אים באַפאַלן דיווירקלעכקייט, אַן אָפּגעריסענע, אַן אָפּגעשליסענע, הויט און ביינער, און אַלץ אַרום איז צעשוואומען.

אַ פּאַריטומטער ווייטאָג האָט געטריפט פון אַלע גלידער. פון דעם פאַרלאָפּענעם חלל האָט זיך אַרויסגערוקט דאָס פאַרווייטע פּנים פון זיין מוטער — זון, טו תשובה און קום אַהיים, — און איבער אַלעם האָט געשוועבט פּעליציעס צעשטראַלט געזיכט.

## קאַפּיטל 8

# די „קאָמונע"

די „קאָמונע", אַ דריי־שטאָקיק הויז מיט לאַנגע ליכטיקע קאָרידאָרן, האָט באַלאַנגט צו אַ פּוילישן גראַף, וואָס האָט צעטיילט זיין גאַנץ פאַרמעגן, געלאָזט זיך דאָס הויז, וואו „גאַנץ אייראָפּע" האָט זיך פראַנק און פריי אויפגעהאַלטן.

די רעגירונג איז נישט איינמאָל איבערגעפאַלן די קאָמונע, אַרעסטירט פאַרדעכטיקע, די איבעריקע צעטריבן און דאָס הויז פאַרחתמעט. און יעדעס מאָל האָט דער גראַף געפּועלט ביי זיין פריינד דעם פּרינץ יעראָנים באָנאָפּאַרטע, מען זאָל צוריק עפענען דאָס הויז און באַפרייען די אַרעסטירטע.

געוועזן עמיגראַנטן, וואָס זענען וואָכן נישט אַרויס פון דער קאָמונע, געוואוסט, אַז פּאָליציי, ווען ס'איז פאַרווערט געוועזן איבערצוטרעטן דאָס הויז, וואַרט אויף זיי אין דרויסן. דאָ, אין דער קאָמונע, אונטער פּרינץ יעראָנימס שוץ, זענען זיי זיכער געווען.

העסן האָט מען אין דער קאָמונע ליב געהאַט. יעדן פרימאָרגן צווישן זעקס און זיבן האָט מען געהערט זיינע געמאָסטענע טריט איבערן קאָרידאָר. דאָס האָט ער געמאַכט זיין מאָרגן־שפּאַציר. דעם מאָגערן אָנבייסן, וואָס סיביל האָט אים צוגעגרייט, האָט ער פאַרטרונקען מיט וואַסער פונם קראַן, וואָס אין מיטן קאָרידאָר.

העס האָט געאַרבעט פאַר אַלע „פעלקער" אין דער קאָמונע, געשריבן אויפרופן פאַר די רוסישע ניהיליסטן, פאַר די פּוילישע און אונגאַרישע רעוואָלוציאָנערן, פאַר די גאַריבאַלדיסטן, אַגיטירט פאַר קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן. אויף זיינע נאָכמיטאָגדיקע שפּאַצירן איבערן קאָרידאָר, וואו ער האָט נישט איינמאָל געשטילט דעם הונגער מיט

לעבעדיק וואַסער פון קראַן, האָבן זיך געקליבן זיינע נאָכפאָלגער, וואָס האָבן געזען, ער זאָל קיינמאָל נישט האָבן קיין סך אין קעשענע.

איין שאָנדאַ, אַן אונגאַרישער רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אָפּגעזעסן אין תפיסה אַ פערטל יאָרהונדערט און איז דאָרט פרום געוואָרן, האָט פיינט געהאַט העסן.

שאָנדאַ האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומקריגן מיט זיינע שכנים אין אַז ער האָט זיי נישט געקאָנט איבערצייגן מיט רייד, האָט ער גענומען צוהילף זיינע קורצע, דיקע הענט, וואָס האָבן געבויגן די גרעבסטע נעגל.

שאָנדאַ, אַ נידריקער, אַ צו-ברייטער, איז געשטאַנען אין קאָרידאָר אַרומגערינגלט מיט שכנים.

די שוואַרצע שטעכיקע האָר זענען געלעגן איבער די פאַרפלאַמטע אויגן. דאָס פנים אַ ברייטס, אַ פלאַטשיקס, האָט טעמפ געקוקט אויף די אַרומיקע, אָנגעוואָרפן אויף זיי די שרעק פון אַ פעלז, וואָס רייסט זיך אָפּ פון אַ באַרג, טראָגט זיך אויף מענטשן און ס׳איז נישטאָ וואו זיך צו באַהאַלטן.

— איך גיי ברענגען אַ גלח! — האָט שאָנדאַ, שטענדיק אַ הייזעריקער, געזאָטן ווי אַ קעסל.

— נישט דאָ אַריין!

— מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון עלטערן, פון פריינד, פון אַן אייגן לאַנד, — האָט אַ יונגערמאַן אין אַ רויט העמדל אָנגעהויבן, — וועט מען אונז נישט איבערשרעקן מיטן טויט! שאָנדאַ וויל ברענגען צום ווייב אַ גלח, לאָז ער זי אַרויסנעמען פון דער „קאָמונע“!

— גערעכט!

— קיין שוואַרצע קראָען וועט מען דאָ נישט אַריינלאָזן!

די שכנים האָבן באַמערקט העסן, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט ביים קראַן, און זיי האָבן זיך אַ לאָז-געטון צו אים:

— לאָמיר פרעגן העסן, צי אַן אמתער רעוואָלוציאָנער קאָן זיין אַ פרומער קריסט?

— וואָס מיר העס? — האָט שאָנדאַ מער נישט גערעדט, בלויז געלאָזט פאַרע, — און אַז ער וועט זאָגן נ י ש ט, איז וואָס? סען סימאָן האָט געהאַט אַ באַציהונג צום קריסטנטום, פרודאָן אויך, פוריע אויך, איר נור, גאָטלעסטערער, האָט נישט!

— אַ טעות שאָנדאַ!

— אַ מענטש שטאַרבט — איז דאָס טעמפע פנים מיט אַמאָל וויך

געוואָרן — וויל פאַרן טויט אַ גלח, און איר... פערד זענט איר, אָקסן זענט איר, נישט קיין מענטשן! וואָס שיקט איר מיך צו העסן, צו דעם ייד?

— שאָנדאַ איז גערעכט! — האָט העס זיך אָנגערופן, — מען קאָן זיין אַ רעוואָלוציאָנער און אַ פרומער קריסט.

דער עולם האָט צעעפנט אויערן און אויגן, נישט ערוואַרט אַזעלכע רייד פון העסן.

— דיין ווייב שטאַרבט, שאָנדאַ, — האָט העס ברודערלעך אויף אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט — אַ שאָד, אַ שאָד! קום, מיר וועלן רופן אַ גלח.

דאָס ברייטע, פלאַטשיקע פנים איז געוואָרן שמעלער. ער האָט געקוקט אַ ווײַלע מיט אַ צעעפנט מויל אויף העסן, געדריקט זיין האַנט און די אויגן האָבן געפלייצט מיט ליכט, פאַרטריבן די טעמפּקייט...

אין דער „קאָמונע" האָט געוואוינט אַ געוועזענער „דיקטאַטאָר", וואָס האָט אָפּגעריכט גלות אין אויסלאַנד. קאַהאַנע האָט אים געוואָלט געווינען פאַרן אויפשטאַנד. די געשטאַלט פונם דיקטאַטאָר איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיינע אויגן. אַ הויכער, אַ שטרענגער מיט אַן אייזערנעם ווילן. נישט בחנם האָט אים דאָס פאָלק געקרוינט מיט אַזעלכע נעמען: רעוואָלוציאָנער, דעמאַגאָג, קצב.

דורך דעם וועג פונם אונטערשטן קאָרידאָר, ביז דעם צווייטן גאָרן, וואו קאַהאַנע האָט געדאַרפט דורכגיין, ער זאָל אַריבערקומען צום געוועזענעם דיקטאַטאָר אין צימער אַריין, האָבן זיך געצויגן בלוטיקע שנורן.

דאַמען זענען אויסגעוואַקסן, געבליבן שטיין אין חלל אַריינגעקלאַפּטע, געגלאָצט אויף קאַהאַנען פונם פינסטערן קאָרידאָר אַרויס, ווי אין מיטלאַלטער האָבן פאַמיליען-קברים אַרויסגעגלאָצט פון די געמויערטע ווענט, וואָס אַרום די הייזער.

קאַהאַנע האָט אָנגעקלאַפּט איין מאָל, נאָכאַמאָל. מען האָט שטיל געעפנט.

אַ הויכע אויסגעצערטע דאַמע האָט אים אַריינגעפירט, און איידער קאַהאַנע האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן, האָט זי פאַרדעכטיק אַ קוק געטון אויף אים און אָנגעהויבן:

— פון דעם וועט גאָרנישט ווערן... יאַן וועט זיך פון פאַריז

נישט רירן... ער האָט געגוג מקריב געווען... איך האָב זיך אויך מקריב געווען... כ׳בין פון דער היים אַ ראַדזיוויל...

קאַהאַנע איז נישט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ ברוך-הבא און, אַ פאַרלוירענער, האָט ער העפלעך געפרעגט:

— וואו איז חבר יאַן?

— ער איז דאָ.

— זייט אַזוי גוט און גיט אים איבער מיין וויזיט-קאַרטע.

— כ׳וועל אים איבערגעבן, — האָט די דאַמע זיך ניט גערירט פון אָרט, — איר זאָלט אָבער וויסן, אַז יאַן וועט זיך נישט רירן פון פּאַריז, און דער עיקר — מיר הונגערן.

— איר וועט מער נישט הונגערן.

— פון דעם וועט גאָרנישט ווערן... יאַן וועט זיך נישט רירן... און איידער וואָס-ווען, מוזט איר מיר פאַרזיכערן, אַז מיר וועלן מער נישט הונגערן... יאַן טאָר וועגן דעם נישט וויסן. ער מיינט, אַז כ׳קום-אויס מיט זיינע נישטיקע פראַנקען, וואָס ער פאַרדינט אַ וואָך...

קאַהאַנע האָט איר אַריינגעשטעקט אַ פּעקל מיט געלט. זי איז ווייכער געוואָרן און געעפנט אַ זייטיקע טיר:

— ביטע, ביטע...

פאַר קאַהאַנען איז געשטאַנען אַ מאַן אין די זעכציקער מיט אַ פּאָר גוטע אויגן, אַן אָפן פּנים און ס׳האָט זיך נישט געגלויבט, דאָס זאָל זיין דער דיקטאַטאָר, וועמעס נאָמען עס רופט-אַרויס אַ ציטער ביים פאָלק. אַזאַ פּנים איז נישט פעהיק ווי צו טון אַ צווייטן.

— ווילט איר, חבר, כ׳זאָל מיטפאָרן מיט אייך? — איז דעם דיקטאַטאָרס שטים געווען קינדיש ווייך — גוט, פועלט ביי לעאָנאָרען

— דערפון וועט גאָרנישט ווערן... יאַן וועט זיך נישט רירן פון פּאַריז...

די רוהיגקייט מיטן אָפענעם פּנים זענען ביים דיקטאַטאָר נישט געוואָרן און פאַר קאַהאַנען איז געזעסן אַ זקן, אַ צעבראָכענער, מיט אויס-געלאָשענע אויגן, וואָס האָט נישט געוואַגט אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם ווייב און איז קלענער געוואָרן, בשעת זי האָט גערעדט.

— איר וועט איבערבייסן מיט אונז, — האָט לעאָנאָרע, אַ שטאָלצע, פאַרבעטן קאַהאַנען, — נור דערפון וועט גאָרנישט ווערן... יאַן וועט זיך ניט רירן פון פּאַריז... ער האָט זיך געגוג מקריב געווען... איך אויך... פון דער היים בין איך אַ ראַדזיוויל...

נאָכן אָנבייסן, ווען מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן צורוימען די צימערלעך פון דער „קאָמונע", האָט מען זיך גענומען קלייבן אין קיך אַריין.

יעדע פרוי איז געקומען מיט אירע זעקלעך און טאָרבקעס, געזוכט צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ ביים טיש, ביים אויוון.

מען האָט עס נישט אַרויסגעוויזן. ס'האָט אויסגעזען, אַז מען וויל גאָרנישט קיין פּלאַץ פאַרנעמען, מען האָט אין זינען דעם צווייטן, מען איז זיך גרייט צו טיילן מיטן ביסן. און דער ביסן איז אין דער „קאָמונע" געווען אַ מאָגערער. די דאַמען אָבער זענען געשטאַנען איבער די טעפּלעך קרופּניק, קרויט און באָרשטש, ווי איבער געבראָטנס און ווי גרויס דער דלות איז נישט געווען, האָט מען נישט אויפגעהערט זיך איבערצונעמען איינע פאַר דער צווייטער.

— זשאַק האָט נישט ליב קיין קרויט!

— אַנאַטאָל אויך נישט!

— אויב אַנדרי האָט נישט קיין שטיקל פלייש, צי אַ שטיקל פיש אויף מיטאָג — עסט ער גאָרנישט.

די דאַמען, וואָס האָבן אין די צימערלעך געהאַלטן שטאַט, גע־טראַכט און געלעבט ווי זייערע מענער, האָבן דאָ אין קיך אַראָפּגעוואָרפן די אָנגעצויגנקייט, זיך געפילט היימיש אין דער ווייבערשער וועלט, וואָס איז פאַרשוועגדעריש אין איר קאַרגשאַפט.

ראַשעל, אַ געוויקסיקע, מיט אַ געטאָקט פּנים, אַ מויל ווי ביי אַ קינד, דער צאָפּ נאַכלעסיק פאַרפלאָכטן, איז געשטאַנען ביי דער קיך און געפרעגלט פיש אויף פּוטער.

אין שכנות האָט אַנעט זיך פאַרזיכטיק געפּאָרעט מיט אירע ווייכע, כרופּקע פינגער איבער אַ טעפּל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט זיך נישט צו צעשטעכן. זי האָט יעדע ווײַלע אַ שאָקל געטאָן די פאַרשווירענע לאָקן, וואָס האָבן פאַרשטעלט די פּענסנע און געציילט אירע אייגענע ווערטער:

— פאַרשטייסט, קינד מיינס, זשאַן ליבט מיך אַנדערש. ביזט אַ שיין מיידל, ראַשעל, געפעלסט מענער, דערצו ביזטו אַן אויסגעצייכנט ווייב — קענסט קאָכן, וואַשן און פּרעסן — דאָס אַלץ קען איך נישט.

— נישט אַלע קענען זיין פּאָעטעסעס — האָט ראַשעל קינדיש אַ זאָג געטאָן, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט

– נישט אַלע, ראַשעל, נישט אַלע.

ראַשעל, וואָס האָט אויסגעזען רוהיק, האָט איינגאַנצן געזאָטן, פאַרוואָס אַנעט נעמט זיך איבער, ווען אין אמתן האָט זשאַן זי פיינט און געקלערט, ווי ר׳נאָך איר דאָס צו לאָזן וויסן אויפן פלאַץ.

– פאַרשטייסט, קינד מיינס, – האָט אַנעט געשנירלט די ווערטער, אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון די געפרעגלטע פיש, וואָס האָט נאָך הוילער געמאַכט דעם הונגער – מיך האָט מען ליב אַנדערש, נישט ווי אַ ווייב...

– די צרה איז אָבער, אַנעט, וואָס מענער האָבן דווקא ליב ווייבער און אַפילו דיין זשאַן – – –

– וואָס מיין זשאַן? – האָט אַנעט אַראָפּגענומען די פּענסנע, געקוקט אויף ראַשעלן מיט קורצזיכטיקע, אויסגעלאָשענע אויגן.

– ער זוכט אויך פריער פאַר אַלץ די פרוי – האָט ראַשעל אָנ-געהויבן, געזען ווי די קאָלירן בייטן זיך ביי אַנעטן אין פּנים, האָט זי נישט דערענדיקט און איר אונטערגעטראָגן אַ צוגעברוינט שטיקל פיש אויף אַ טעלערל. – פאַרזוך, אַנעט, זיי האָבן נאָך געצאַפּלט, ווען כ׳האָב זיי צעשניטן!

אַנעט, אַן אָנגעצונדענע פון ראַשעלס אָנצוהערעניש, איז געשטאַנען מיט אַ פול מויל רייד, פאַרטיק אויסצושיסן. דאָס אונטערגעטראָגענע שטיקל פיש האָט געטאַמעוועט דעם כּעס און אין די גלעזלעך פון די פּענסנע האָט זיך געשפּיגלט אַ נישט איינגעגעבענער שמייכל. דער ריח פון די פריש געפרעגלטע פיש האָט אַהערגעבראַכט לעאָנאָרען, וואָס האָט זיך געדרייט צווישן די טעפּלעך אין אירע לאַנגע שוואַרצע קליידער, ווי אַ שאָטן.

ראַשעל האָט אינסטינקטיוו צוגעדעקט די אָפּגעפרעגלטע שטיקלעך פיש מיט אַ טעלער, זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, זיי צוריק אָפּגעדעקט און אַ זאָג געטאָן:

– די גרעפין ראַדזיוויל וועט אפשר פאַרזוכן?

– אַ קליין שטיקל, גאָר אַ קליינס – האָט לעאָנאָרע אַ שנירל געטאָן מיט די ליפּן – אַ דאַנק, ראַשעל! זי האָט געגעסן מיט די פּאָדערשטע ציין, אַרויסגערעדט די ווערטער ווי אויף דער סצענע און געקוקט פאַר זיך:

– דער משוגענער מאָסקאַל האָט היינט ־שוין ווידער נישט געלאָזט שלאָפן

— ווער, באַקונין ? — האָט אַנעט אַ נייגעריקע זיך פאַרריכט די־
פענסנע און געוואוסט, אַז מען דאַרף נאָר אַ צי טון פאַרן שטריקל וועט
לעאָנאָרע שוין נישט אויפהערן צו דערציילן.

— כ׳האָב נעכטן געהאַט אַ שרעקלעכן קאָפּ-ווייטיק — האָט לעאָנאָרע
ביי יעדן וואָרט אָפּגעאָטעמט, ווי זי וואָלט צוגעקליבן די ווערטער. —
אויפגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג ווען כ׳בין איינגעדרימלט, האָב
איך אין שלאָף קולות, איך כאַפּ זיך אויף — איבער דער וואַנט שרייט
דער מאָסקאַל, וואַרפט טעלער, שליידערט בענקלעך, שרייט צו יאַדוויגען,
אַז ער וועט זי דערשטיקן.

— זי האָט דאָך לעצטנס קיינעם נישט — האָט ראַשעל זיך אָנגערופן.

— און מישעל ? — האָבן זיך ביי אַנעטן צעשפּילט די אויגן הינטער
די שייבלעך פון די פענסנע.

— דעם אַנאַרכיסט ?

— אין אַ שיינער געזעלשאַפט האָט מיך יאַן דאָ אַריינגעפירט —
האָט לעאָנאָרע אויסגעצויגן דעם לאַנגן דאַרן האַלז, זיך באַלעקט און
די אויגן, ווי ביי אַן אַלטן פויגל האָבן געקוקט איבער די טעפּלעך,
עפּעס געזוכט, — מען לעבט ווי די ציגיינער און פאַר דער וועלט איז
מען הייליק, מען וויל ראַטעווען דעם מענטש — — — כ׳וועל מער דאָ נישט
בלייבן... גענוג זיך מקריב געווען... איך בין פון דער היים אַ ראַדזיווויל,
קען איך נישט דריי מאָל אַטאָג זיך באַגריסן מיט סיבילען, העסעס
ווייב, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון אַ שאַנד-הויז...

— און מישעלס ווייב, מאַרגאַרעט, שווייגט ? — האָט ראַשעל געפרעגט.

— זי איז דען בעסער ? — האָט לעאָנאָרע געבלעזלט מיט די ליפּן.

— נישט אַזוי הויך, מאַרגאַרעט שטייט דאָך דאָ — האָט אַנעט
אַ שלעפּ געטון לעאָנאָרען פאַר דער פּעלערינע.

לעאָנאָרע אַן איבערגעשראָקענע האָט אַ וואָרף געטאָן אַ פּאָר צע־
פינטלטע אויגן אויף מאַרגאַרעטן, זיך צוגעגעבן קוראַזש און גענומען
רעדן אַזוי שטיל, אַז מען האָט קוים געהערט :

— כ׳בין שטענדיק גרייט צו זאָגן דעם אמת.

אין דער טיר איז געשטאַנען יאַדוויגע אַ פאַרפוצטע, געזען, אַז
ס׳איז נישטאָ קיין פּלאַץ ביים טיש, ביים אויוון, האָט זי אַן אויפגעלייגטע
זיך גענומען דרייען צווישן די ווייבער. דאָ האָט זי געזאָגט אַ וויץ,

דאָרט דערציילט אַ שפּאַס און אַז זי איז שוין געווען גרייט אַרויסצוגיין, האָט מאַרגאַרעט איר פאַרשטעלט דעם וועג:

– אויב דו וועסט זיך נישט אָפּטשעפּען פון מיין מישעלן, וועל איך דיר די אויגן אויסדראַפּען!

יאַדוויגע איז געוואָרן בלייך, געקוקט ווי ווייבער לאָזן איבער די טעפּלעך, רוקן זיך נענטער און אויפן פּלאַץ געענטפערט

– ווער שיקט נאָך אים?

– דו!

– ס'איז אַ ליגן!

פון אַלע ווינקלען האָבן זיך געטראָגן נייגעריקע אויגן, געוואַרט ס'זאָל עפּעס געשען.

– יאָ ליגן, נישט ליגן – האָט מאַרגאַרעט געשריען – נאָר, אַז איך וועל דיך נאָך אַמאָל טרעפן מיט אים...

– טאָ וואָס וועט זיין? – האָט די קליינע יאַדוויגע זיך אַ רוק געטאָן נענטער און דאָס שיינע פּנים'ל האָט געשרפט.

– וועט נישט גוט זיין!

– וועט מען זען!

– וואָס איז, מאַרגאַרעט, וואָס שרייסטו? – איז מישעל אויסגעוואַקסן אין זיין שוואַרץ העמד מיט די טראָלדן. מאַרגאַרעט האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געוואָרן קלענער, זיך צוריק צוגעשאַרט צו דער קיך. יאַדוויגע האָט זיך אַרויסגערוקט, נאָך איר מישעל און אין דער קיך איז געבליבן הענגען אַ שווערע שטילקייט.

---

שפּעט אין אָוונט זענען מרדכי מיט טערעזן אַריין אין דער „קאָמונע".

ביי צונויפגעשטעלטע טישן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער אַ לאַנגן זאַל, זענען געזעסן איבער דרייסיק מענטשן. צווישן זיי: העס מיט סיבילן, נאָרוויד, שאַנדאַ, קאַהאַנע, באַקונין מיטן ווייב, דער „דיקטאַטאָר" מיט לעאָנאָרען. ס'איז שוין געווען נאָך די טאָסטען. שטולן האָבן זיך געהאַלטן אין איין רוקן.

מען האָט כמעט נישט באַמערקט, ווי מרדכי מיט טערעזן האָבן זיך צוגעזעצט צום טיש, איבער וועלכן קאָשציוסקע האָט אַראָפּגעקוקט פון דער וואַנט.

דאָס יונגוואַרג איז געווען פריילעך, זיך גרופּירט אַרום נאָרווידן,

אַרום העסן און באַקונינען. געשמייכלט, ווען לעאָנאָרע האָט אויפן קול געלערנט דעם „דיקטאַטאָר” מאַניערן, פון דער זייט געוואָרפן אויגן אויף מאַדאַם באַקונין, נאָך גאָר אַ יונגע קליין-געוויקסיקע פּאָלקע, מיט אַ בלאָנד קעפּל אַרומגעשווירענע האָר, וואָס האָבן זיך געוויגט ווי גלעקלעך.

זי איז געשטאַנען מיט אַ סוויטע יונגעלייט, געלאַכט מיט אַ קינדיש, אָנשטעקנדיק געלעכטער און אין דעם גאָר יונגן פּנים איז געווען טרויער און שלעכטס. צווישן דער סוויטע האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ בלאָנדער אַטלעט מיט אַ מאָנאָקל אין אויג. יעדע ווײַלע האָט ער זיך אַ בויג-געטון צו איר אויער און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, צי ער רוימט איר עפּעס אײַן, צי ער נעמט זי אַרום.

באַקונין, אַליין אַ הויכער, פּלייצעס אַ קלאַפּטער די ברייט, האָט אַ רוק-געטון פון זיך אַ נישט-דערטרונקן גלאָז ווײַן און געוואָלט אַפּער פון טיש. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם ווייבס פּלאַפּל הינטער זײַנע פּלייצעס און איז געבליבן זיצן.

— איך בין אײַך מקנא, הראַביע גראַבאָווסקי, וואָס איר פאָרט איצט קיין פּוילן.

— פּאָרט-מיט, פּאַני יאַדוויגאַ.

— יעדעס הויז וועט פאַר אײַך אין פּוילן זײַן אָפן, די שענסטע פרויען וועלן גערן עפענען פאַר אײַך די טירן...

— ווי קאָן זײַן די שענסטע, פּאַני יאַדוויגאַ, אַז איר בלייבט דאָ?

באַקונין האָט מער נישט געקאָנט הערן, אויסגעטרונקען דאָס גלאָז ווײַן און זיך אַ הויב-געטון פון טיש. ער איז צוגעגאַנגען צום ווײַב. קיינעם נישט באַמערקט אַרום איר. לעבן אים האָט זי אויסגעזען ווי אַ קליין פערדל לעבן אַ העלפאַנט. ער האָט זי אַרומגענומען און זיך צעלאַכט מיט אַ מויל אָן ציין:

— און דו האָסט מורא געהאַט, אַז ס'וועט דיר זײַן אומעטיק!

— מיכאַל, לאָמיר פאָרן קיין פּוילן, — האָט זי אָנגעשטעלט אויפן מאַן אַ פּאָר אויגן, וואָס פירן אַלץ אויס.

— מיר וועלן פאָרן.

— מיט זיי, האָט יאַדוויגאַ אַ וואָרף-געטון מיטן קאָפּ גלעקלעך אין דער ריכטונג פון דעם הראַביע, און פון אירע בלאָנדע האָר איז אַלעמ־ ליכטיקער געוואָרן.

באַקונין האָט זיך אויסגעגלייכט, געוואָרן מיט אַ קאָפּ העכער פונם

הראַביע. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט. דער הראַביע איז געווען יונגער, בויגיקער, אָן אַ פּגימה. באַקונין — צעשוואומען. די יאָרן האָבן איבערגעלאָזט סימנים, זיך איינגעגעסן אין די קנייטשן, אין די קנאָכן פונם שטאַרקן גוף און זיין בליק האָט זיך שיער נישט אונטערגעגעבן.

ביים הראַביע האָט דער שויבער, וואָס איז קונציק געלעגן אויף דער לינקער זייט שרונט, אַ פּאַל־געטון איבערן שטערן און ס'איז הינטערן מאָנאָקל האָט זיך צעפּינטלט. ער האָט געווישט ס'גלעזל מיט אַ זיידן טיכל און די אויגן האָבן אַ בלישטש־געטון מיט דער גרויקייט פוז אַ מוטנעם וואַסערל, וואָס מען לאָזט עס נישט אָפּשטיין.

באַקונין האָט געשמייכלט, געווען צופרידן, וואָס מיטן בלויזן אויג קאָן ער נאָך צוימען אַזעלכע יונגען ווי דער הראַביע. ער האָט געקוקט פון איין פּנים אויפן צווייטן, זיך געחידושט, וואָס איינער זעט־אויס ווי אַ הונט, דער צווייטער — ווי אַ וואָלף. דער מיט די שפּיציקע אויערן, ווי אַן אייזל, און יענער מיטן קיילעכדיקן פּנים און רונדיקע אויערן — ווי אַ טיגער. ער, באַקונין, ברעכט זיי אַלעמען איין, האַלט זיי אויף אַ שטח פון זיך, זעט, מען זאָל פון אים נישט אָפּשלאָגן יאַדוויגאַן.

— און וואו איז די נעגאַציע, וואָס יעדע אַנטוויקלונג אַנטהאַלט אין זיך? — האָט זיך מיט אַמאָל יאַ טיק־געטון אין זיין אויפגערוימטן מוח, וואו יעדע מחשבה האָט זיך געוויגט, זיך געהויבן איבער דער פּאַרע, וואָס האָט פונאַנדערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, — אַזוי האָט דאָך געהאַנדלט דער ווילדער מענטש, וואָס איז אין משך פון טויזנטער יאָרן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזאַ פּערפומירטן הראַביע. פון דעם פּרימיטיוון פאַרלאַנג וואָלט דאָך היינט קיין זכר נישט געדאַרפט בלייבן.

— מיכאַל, פאַרוואָס ענטפערסטו מיר נישט? — האָט יאַדוויגאַ זיך געשאַרט אַרום מאַן און אירע אויגן האָבן געבלישטשעט מיט פאָספאָר.

— האַ?

— ווען מיר פאָרן מיט זיי? — און איר פּנים, די שטים, זענען פול געווען מיט פלירט, ווי זי וואָלט נישט גערעדט מיטן מאַן, נור מיטן הראַביע.

— מיר וועלן פאָרן, יאַדוויגאַ, מיר וועלן פאָרן.

די קליינע יאַדוויגאַ איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פון פרייד און נישט געוואָרן צווישן דער יוגנט

— כ׳האָב אים נישט ליב, דעם רוס! — האָט נאָרוויד אַ זאָג-געטון צו העסן.

— אַ טיפער, אומרוהיקער מענטש.

— אַ טיפער מענטש פאַרגלייכט נישט די קירך מיט דער שענק און זעט נישט די איינציקע ישועה אין אַ בלוטיקער רעוואָלוציע.

— זייט איר, הער נאָרוויד, קעגן דעם אויפשטאַנד? —

נאָרוויד האָט געשוויגן, און ס׳פּנים, איידל און דורכזיכטיק, ווי ביי אַ הייליקן, איז געוואָרן טרויעריק.

אין אַ ווינקל אויף אַ טאַבורעטקע איז געזעסן אַ געבויגן מיידל אין אַ רויטער בלוזע. זי האָט געזונגען:

„ז׳דימעם פּאָזשאַראָוו״.

שטיל, פיינלעך, ווי אירע שמאָלע, איינגעלאָפּענע אַקסלען. מען האָט קוים אונטערגעכאַפּט.

די וויינענדיק שטילע טענער האָבן מרדכין פּונקט אַזוי גערירט, ווי דער טרויער אין נאָרווידס אויגן, ווי דער דערשלאָגענער שאָנדאַ. און וואָס ברייטער דאָס געזאַנג האָט זיך צעוואַקסן, אַלץ אומרוהיקער איז שאָנדאַ געוואָרן. די שוואַרצע שפּיזלדיקע האָר, דאָס פינסטערע פּנים מיט די לעבעדיקע נאָז-פליגל — אין אַלץ איז געווען די באַהאַלטענע גבורה פון אַ חיה, וואָס טשאַטעוועט מיט ציין און נעגל און דער בויך ברומט מיט זיינע טיפענישן.

מרדכי האָט זיך נישט געמאַכט זען, ווי לעאָנאָרע מיט די איינגעפאַלענע באַקן, די האָר ווי לעבלעך אַש, וואַרפט בליקן אין אַלע זייטן, שלעפּט שטיקער איבערגעבליבענעם קוכן פון די טישן און פאַרלירט זיי צווישן די פאַלדן פון איר קלייד. די שפּיציקע אַקסלען האָבן זיך געבויגן צום טאַקט, ווי דער טויט וואָלט געטאַנצט איבער די טישן.

נאָרוויד האָט זיך געבויגן צו העסן:

— מענטשלעך פאַרגאָסן בלוט באַפלעקט דעם דערהויבענסטן ציל.

— דאָס זאָגט איך, מן הסתם, באַקונין — האָט העס נאָך שטילער געענטפערט — און פונדעסטוועגן איז עס אָפטמאָל נויטיק. אויב איר זייט קעגן בלוט-פערגיסונג, ווי נאָך וועט קומען די באַפרייאונג פון פוילן?

— דער פּאָליאַק אין מיר איז פאַרן אויפשטאַנד, דער קאַטאָליק — קעגן.

— כ׳פאַרשטיי אייך, הער נאָרוויד, מען קאָן עס אָבער נישט

אויסמיידן און אויב ס'האַנדלט זיך, צו באַפרייען אַן אונטערדריקט פאָלק, דאַרף מען דערויף פשוטער קוקן, ווי, נו, לאָמיר זאָגן, ווי אויף אַן אומגליק, וואָס קומט פון אַ פאַרפעייצונג, צי פון אַן ערד-ציטערניש.

הראַביע גראַבאָווסקי, אָנגעטון לויט דער לעצטער מאָדע, האָט מיט שיק זיך פאַרבייגעטראָגן טערעזן, ווי אַ יונגער אָפיציר גייט מיט זיין ראָטע פאַרביי אַן עלטסטן. אַן איבערראַשטער האָט ער אַ קוק געטון אויף איר און זיך דערפרייט:

– גוט נאָוונט, מאַדמואַזעל טערעז, וואָס טוט איר דאָ?

– געקומען זיך געזעגענען מיט אייך – האָט ס'פּנים ביי טערעזן זיך מיט אַמאָל געביטן, געוואָרן אויפגערוימטער.

– דאַנק, מאַדמואַזעל, איר זייט אַליין?

– מיט אַ פריינד.

– און איר ווייסט גאָרנישט, אַז איך זיך אייך אַרום פאַר די לעצטע עטלעכע וואָכן?

– ווען איך ווייס עס – איז טערעז אַריין אין דעם לייכטן פלאַפל, וואָס פירט זיך צווישן מאַן-פרוי, ווען זיי האָבן בעהאַלטענע חשבונות.

– ווער איז אייער פריינד?

זי האָט אַ פיר געטון מיטן קאָפּ איבערן זאַל און געוויזן אויף שאָנדאַן.

ער האָט פון דער זייט אַ קוק געטון אויף איר, פון אויבן אַראָפּ, ווי שיינע מענער קוקן אויף פרויען, געטראַכט בשעת מעשה, אַז זי איז יונגער און שענער געוואָרן, און זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט אין די פעלדלעך פון איר קלייד.

טערעז האָט עס באַמערקט, הרטה געהאַט אויפן לייכטן טאָן, וואָס זי האָט אָנגענומען און זיך געוואָלט אַוועקדרייען.

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט, איר אַ קוק געטון אין די אויגן, ווי ער וואָלט געהאַט אויף איר אַ בייטש:

– טאַקע מיט שאָנדאַן?

ער האָט אויפגעכאַפּט דעם שפּאָט צווישן אירע מויל-ווינקלען און זיך צעלאַכט מיטן גאַנצן געבוי פון זיין אַטלעטישן קערפּער.

– פיין, מאַדמואַזעל, וואו איילט איר זיך? כ'וועל אייך שוין היינט נישט אָפּלאָזן! איר מוזט גיין מיט מיר. וואָס קוקט איר אַזוי?

– לאָזט מיך אָפּ! – און די פרייד אויף איר פּנים איז נישט געוואָרן.

– נישט היינט!

– לאָזט אָפּ, זאָגט מען אייך! – האָט זי אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער און מיט ברייטע טריט אַריבער אין דער צווייטער זייט זאַל.

דער הראַביע האָט איר נאָכגעקוקט, זיך איבערגעוואונקען מיט באַקאַנטע און זיין שיין פּנים האָט אויסגעזען נאַריש.

אַן אומרוהיגקייט האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן זאַל. ס'איז געוואָרן אַ ווײַלע שטיל. מען האָט זיך איבערגעקוקט, זיך איינגעהערט אין דעם אייגענעם שווייגן און די צעוואַרעמטע אויגן האָבן געפרעגט:

– וואָס איז? וואָס איז געשען?

מיט די פּלייצעס, מיטן קאַרק האָט מרדכי דערפילט אַרום זיך בליקן, דערזען טערעזן אין אַ ווינקל, אַ פּאַרלאָמטע, אין די אויגן אַ שיקל, וואָס זעט, דאַכט זיך, גאָרנישט. קוקט שטאַר אין א פּינטעלע פון חלל. זי איז געשטאַנען ווי אַן אַרויסגעטריבענע. מרדכי איז צוגעגאַנגען:

– וואָס איז, טערעז?

– גאָרנישט – און דאָס פּנים איז געבליבן אַן מראה.

– ס'האָט דיך עמעצער באַליידיקט?

– קיינער האָט מיך נישט באַליידיקט.

– וואָס ביזטו אַזוי בלאַס געוואָרן? ס'איז דיר נישט גוט?

– יענער, זעסט, דער בלאָנדער...

– הראַביע גראַבאָווסקי?

– יאָ. ער פלעגט זיך מיט מיר טרעפן....

– איז וואָס?

– ער האָט מיך דערקענט – און איר שטים איז פול געוואָרן מיט טרערן.

ס'בלוט האָט זיך ביי מרדכין אַ שפּאַר געטון אין די שלייפן. עס איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן, פאַרשטאַנען, אַז מען טראָגט זיך אַרום מיט אַ שאלה, צי מען האָט געדאַרפט ביי אַזאַ געהויבענער געלעגנהייט מיטברענגען אַ „געפאַלענע".

די פאַרלאָפענע אויגן האָבן עפּעס געזוכט, פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט אויפזוכן קאַהאַנען. פאַרוואָס עפּעס קאַהאַנען? די צעהיצטע פּנימער זענען זיך צעוואַקסן אין דער גרויקייט, איינס אין אַנדערן, איינס אין אַנדערנס און אין דער ליידיגקייט זענען געשטאַנען בעז.

מרדכי האָט זיך געחדושט, צי די נעז באַלאַנגען טאַקע צו מענטשן און ער האָט דערזען נעבן זיך סיבילן.

זי האָט אַרומגענומען טערעזן מיט דער צוגעלאָזנקייט פון אַ פרוי, געדערט וועגן אָוונט, באַוואונדערט אירע ווייסע פינגער, מקנא געווען די יונגע-לייט, וואָס פאָרן זיך שלאָגן פאַר פוילן און דעמאָנסטראַטיוו געוויזן דעם עולם, אַז ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייט פון דער בורזשאַזער מאָראַל.

מרדכי איז איר געווען דאַנקבאַר, פאַר זיך, פאַר דער אָרעמער טערעז, אין וועמעס אויסגעלאַסנקייט עס איז געווען אַזוי פיל צניעות.

זיין בליק איז געפאַלן אויף העסן, אויף באַקונינען, אויף נאָרווידן, מורא געהאַט ווייטער צו פירן מיט די אויגן. באַלד וועט זיך אַלץ ענדיקן, מוז זיך ענדיקן. ער דאַרף נור אַוועקנעמען דאָס אויג פון דעם ווינקל, און ס'גרויסע ראָד, וואָס האַלט זיך אין איין צעוואַקסן, וועט זיך שליסן. און מיטן ראָד שיילן זיך אַרויס ר' מענדעלע, דער באַרוויסער ישראל, געשמיסענע פּאַראָבקעס, היימלאָזע פון דער סענאַ — אַלע רייסן זיך צו אים, מאָנען.

חדשים איז ער געווען מיט טערעזן, זיך באַגאַנגען מיט איר ווי מיט אַ שוועסטער, געלאָשן אין זיך די פלאַמען, און איצט? מיט זיין אַוועקגיין וועט זיך די רשעות, וואָס ליגט אין דער צדקות, אַ וועק טון אין איר און צו די אַלע, וואָס יאָגן זיך נאָך אים, וועט אויך צוקומען טערעז.

די פינסטערע נאַכט האָט געקלאַפּט אין פענסטער, גערופן. מרדכי האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם טומל, וואָס איז געשטאַנען אין זאַל. ער האָט זיך אַ הויב געטון איבערן עולם, זיך דערווייטערט פון העסן, באַקונינען, נאָרווידן און אויפן שטח, וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן אים און זיי, האָבן זיך זייערע נשמות געצאַפּלט, זיך פאַרמאָסטן מיטן אין-סוף, זיך געקאָרטשעט אין ווייטאָג.

און אַ טריט ווייטער איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער בלאָנדער הראַביע מיט זיין סוויטע, געפלאַפּלט, געלאַכט, געווען פאַרליבט אין זיך, געגלויבט, אַז די שמחה איז צוליב אים.

מרדכי האָט אויסגעטרינקען איין גלאָז וויין, אַ צווייטס, אַ דריטס. דער קאָפּ איז געוואָרן לופטיקער. ער האָט געהערט, ווי נאָרוויד גע-זעגנט זיך, נאָך אים — העס. אַ ברייט מוסקוליסט פּנים האָט געטרונקען

פון אַ פלאַש, געשריען צום ווייב, וואָס איז נישט מיד געוואָרן צו פלירטעווען מיטן יונגוואַרג:

— יאַדוויגא, קינד מיינס, גיי שלאָפן: ס'איז שפעט, יאַדוויגא.

זי האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט, ווי די רייד וואָלטן געפאַלן אין אַ פוסטקייט, נישט געווען געווענדעט צו איר. יאַדוויגאס קינדיש געלעכטער האָט אין זיך איצט געהאַט אַ פאַרשייטן גרילץ, וואָס מען הערט ביי שכורע פרויען.

און וואָס מער באַקונין האָט געטרינקען, אַלץ אָנגעכמורעטער זענען זיינע געדיכטע ברעמען געוואָרן, געהאָנגען איבער די אויגן ווי בעזעמלעך. איבערן ברייטן פנים האָבן זיך געקליבן וואָלקנס, שווערע. די אויגן האָבן זיך געפלעמלט, געקאָנט יעדע רגע אָנצינדן די וואָלקנס, אויסברעכן אין אַ שטורם.

ער האָט אויסגעשטעקט אַ האַנט, געוויזן אויפן ליידיקן פלאַץ, וואו העס איז געזעסן, און זיך צעברומט:

— כ'האָב אים נישט ליב, כ'האָב מאַרקסן אויך נישט ליב, כ'האָב פיינט יידן! זיי זענען נישט קיין רעוואָלוציאָנערן, נישט העס, נישט מאַרקס, ווייסן נישט, וואָס הייסט פרייהייט. אומגליקלעכע בורזשויען!

דאָס ברייטע סקיפישע פנים איז געוואָרן אַלץ פינסטערער, פאַרדעקט די גרענעץ צווישן גייסט און מאַטעריע און אין דעם תוהו ובוהו האָט יעדע ווילדע ריז אויפגעבליצט, געוואָלט אָפשאָקלען דעם שטויב, וואָס מענטשן האָבן אויף אים אָנגעשיט. ס'האָט געדויערט אַ ווײַלע. און ווידער איז שווער געווען עפעס צו געפינען אין די צעשוואומענע אויגן, וואָס זענען געוואָרן אַלץ שמעלער און שמעלער.

מיט דער גוטסקייט פון אַ שכור האָט ער אַרומגענומען מרדכין און פון מויל אָן ציין, ווי פון אַ פינסטערער קעל, האָבן זיך געשיט ווערטער:

— איך בין אַ שלעכטער מענטש, נישט קיין סימפּאַטישער. כ'טרעט יעדן אָן. כ'דערקען נישט קיין מענטשן, מיט וועלכע כ'טרעף זיך עטלעכע מאָל אַ טאָג. כ'לאָז הענגען אַ באַקאַנטנס האַנט אין דער לופטן, ווען יענער וויל זיך באַגריסן מיט מיר, און פונדעסטוועגן דרייען זיך אַלע אַרום מיר, שמייכלען, ווען זיי רעדן צו מיר, טראָגן מיר אונטער דאָס קלענסטע שטיקל רכילות, ווי זיי וואָלטן נור באַשאַפן געוואָרן צו טאַנצן פאַר מיר אויף אַלע פיר, כ'זאָל האָבן וואו די פיס אָנצושפּאַרן. שרייב איך עפעס אָן — באַקום איך אָן אַ צאָל בריוו. דאָס

באַשיידנסטע, וואָס זיי האָבן מיר צו זאָגן, איז, אַז מיין זאַך איז גענעיאַל. פאַסקודניקעס, ווער ווייס נאָך אַזוי גוט ווי זיי, אַז כ'האָב שוין יאָרן נישט אָנגעשריבן אַ לעזבאַרע זאַך!

„כ'בין איבערזעצט אין מערערע שפראַכן, פראָפעסאָרן האַלטן לעקציעס איבער מיר — קאָן איך זיך, דאַכט זיך, פאַרגינען אַ שפיי צו טון אויף זיי אַלע, וועמען איך קאָן נישט פאַרטראָגן. און פונדעסטוועגן וועל איך יעדן רעפּאָרטער, יעדן רכילות-טרייבער דערקענען פון דערווייטנס, אים אַ קלאַפּ טון אין דער פּלייצע, דערפאַר וועט ער מיך צום ערשטן דערמאָנען ביי יעדער געלעגנהייט. כ'ווייס, ס'איז מיאוס, פונקט אַזוי אָפּשיילעך, ווי אַן אַלטער מאַן קריכט צו אַ יונג מיידל. כ'קאָן זיך אָבער נישט העלפן. ווי כ'גיי נור אַרויס פון מיין שטוב, קריג איך אַן אַנדער פנים. דער עולם האַלט מיך פאַר אַ ריז. וואָס פאַר אַ ריז בין איך, אַז אפילו דעמאָלט, ווען כ'שפיי אויף עמעצן מיט גאַל, כ'מאַך פון אים אַ תל, ווייס איך, אַז כ'בין גאָרנישט בייז, אַז דאָס שרעק איך נאָר געגנז און כ'לייד דערפון, וואָס כ'קאָן אפילו נישט בייז גיין.

„איך ווייס, אַז די אַלע, וואָס רינגלען מיך אַרום, זענען מיר פאַלש און אום צו באַרעכטיקן דאָס, לאַך איך פון זיי, טרעט זיי מיט די פיס און זיי, ווי זיי וואָלטן געווען פון גומי, בויגן זיך און נעמען אַלץ צו מיט ליבשאַפט.

איך קאָן נישט פאַרטראָגן מענטשן מיט צו-פיל פעפער אין דער נאָז. און צומייסטן לייד איך פון דעם דייטשן ייד מיט דער צעפּאַטעלטער באָרד. איבער אים האָב איך פיינט באַקומען לאָנדאָן, אויפגעהערט אַריינצושמעקן אין דער ביבליאָטעק פון בריטישן מוזעאום. גאַנצע טעג ליגט ער דאָרט, זיצט צווישן בערג מיט ביכער, אַז מען זעט אים קוים אַרויס. איך טענה אָפּט מיט זיך — ווער איז ער? כ'וויל, נעם איך אים אָן פאַר דער באָרד, זעץ אים איבער אויף אַן אַנדער פּלאַץ און גיי מיר דורך, ווי קיינמאָל גאָרנישט. און דאַכט זיך, גוט, כ'בין שוין מיט זיך פאַרטיק - איז ווי נור כ'קום אַריין אין דער ביבליאָטעק, דערזע דאָס יידל, ווי ער קוקט מיר גלייך אין די אויגן און זעט מיך נישט — פיל איך, אַז כ'בין גאָרנישט, כ'פיל ווי מיין גרויסקייט צעפּאַלט ווי שפינוועבס, ווי קיין גרעסערן שפּאַס האָבן מענטשן נישט געקאָנט מאַכן, ווי מיך רופן ריז! מיינע פויסטן קאָרטשען זיך כ'האָב חשק צוצוגיין

און אים אויסצופּאַטשן, אים אָנצונעמען פאַר זיין מעכטיקער נאָז, אַרויסצופירן פון דער ביבליאָטעק, מיט דער פויסט, אים צווינגען מיך צו אָנערקענען.

„כ'האָב איינמאָל געפּרובט צו ווערן מיט אים נענטער, איז ווי נור איך בין צוגעקומען צו אים, זיך איינגעקוקט אין זיינע אויגן, האָב איך דערפילט, ווי די הויט נעמט זיך ביי מיר געגזלען, דערפילט די וואָרצלען פון מיינע אייגענע האָר. אין זיין גלייכגילטיקייט האָב איך דערזען אַ געפאַר, זיך אַליין איבערגעשראָקן און אַלץ אין מיר האָט זיך אָנגעצויגן, פּונקט ווי ביי אַ הונט, ווען ער באַגעגנט אַ קאַץ. ער האָט זיך מיט אַמאָל מאָדנע צעלאַכט, אַ צו געטון מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט דערמיט אינגאַנצן מיך מבטל געמאַכט און נישט געוואָרן צווישן די אָנגעוואָרפענע ביכער.

„דעמאָלט האָב איך אַ גאַנצע נאַכט ניט געקאָנט שלאָפן. אין מיטן דער נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, און דער ערשטער געדאַנק איז ביי מיר געווען אָנצושרייבן אַ בוך — „דער ריז און דער קאַרליק” — און אויפווייזן, אַז דער ריז איז גאָר קיין ריז נישט, ס'איז אַ ווערעמל און, פאַרקערט — דאָס קאַרליקל איז דער אמתער ריז. האָט עס מיך פאַרדראָסן. וואָס הייסט ? אַליין זיך באַגראָבן. אַוועקגעבן די בכורה דעם אויסגעבלייכטן דייטשן „יידל”, וואָס זיצט גאַנצע טעג אין דער ביבליאָטעק. ניין, כ'וועל אים נאָך ווייזן, ווער איך בין ! דאָס דייטשל וועט זיך נאָך בויגן פאַר מיר, אַז נישט, צעברעך איך אים, צעקנייטש און וואַרף אים אַוועק ווי אַן אַלטע שמאַטע.

„כ'בין שוין דעמאָלט מער נישט איינגעשלאָפן. מיטן טאָג צוגלייך בין איך אַן אויפגערעגטער אַרויס פון שטוב, זיך געדרייט פון איין גאַס אין דער אַנדערער. מיטאָג-צייט בין איך אַ הונגעריקער, אַ בייזער, ווי אַ צערייצטע חיה, אַריין אין דער ביבליאָטעק. ער איז מיר אַנטקעגן געקומען. כ'האָב געציטערט פון כעס, גענומען אויף אים גיין, ווי דער וועג וואָלט געווען ליידיק, אים אַוועקגעשאַרט אָן אַ זייט, ווי קיינמאָל גאָרנישט און אַ באַרוהיקטער, וואָס דער עולם קוקט זיך איבער, שמייכלט, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג.

כ'האָב זיך אָבער באַלד ווידער גענומען ערגערן, זיך געטראַכט, ווען ער לאָזט מיר כאָטש אַראָפּ אַ פּאַטש, גיט מיר מיט עפּעס אין קאָפּ אַריין — אָבער אַזוי, האַלט ער דאָך מיך אפילו פאַר קיין מענטש נישט

באַליידיגט זיך נישט פון מיר, פונקט ווי אַן איינפאַלנדיקע וואַנט פון אַ הויז וואָלט אים אומגעוואָרפן, ווי אַ דונער וואָלט אים געטראָפן... וואָס גייען מיך אָן מיינע פאַרערער, וואָס טענהן, אַז כ׳האָב קיין פאַטיקערע זאַך נישט געקאָנט טוען מיט אים, ווי אַוועקצושאַרן, ווי מען רוקט אַ שטול אַוועק פון מיטן וועג, וואָס טויג מיר דאָס אַלץ, אַז ער אָנערקענט מיך נישט, באַליידיקט זיך נישט פון מיר, איז אפילו נישט רויט געוואָרן, ווען כ׳האָב אים אַוועקגעשאַרט... און איצט זענען שוין אַלע מיטלען אויסגענוצט — מאָראַלישע, פיזישע, איצט ווייס איך, אַז כ׳בין נישט אָנערקענט, אַז כ׳בין קיין ריז נישט, אַז כ׳בין גאָרנישט! וואָס טויג מיר, אַז אַלע, דאָ אין דער „קאָמונע״, אָנערקענען מיך, ווען ער, קאַרל, וואָס שטייט מיר ווי אַ ביין אין האַלז, באַמערקט מיך אפילו נישט?

„פריער האָב איך זיך כאָטש געטרייסט, אַז מיט כח וועל איך אים צווינגען מיך צו אָנערקענען און איצט איז דאָס אויך פאַרלוירן, און ס׳קומט אויס, איך אַליין זאָל גיין צו אים, אים קרוינען, זאָגן:

— קאַרליקל, מיר האָבן זיך פאַרביטן, פון היינט אָן וועסטו זיין דער ריז און איך וועל זיצן צווישן די פאַרשטויבטע ביכער, גוט?

„און די אַרומיקע, די אַלע, וואָס טאַנצן פאַר מיר אויף אַלע פיר? ווי רעדט מען זיי עס איין? מענטשן וועלן דאָך אין האַרצן מיר נישט גלויבן, זאָגן, אַז יעדער גרויסער מענטש האָט עפּעס אַ שטיקל משוגעת און דאָס איז נישט מער ווי מיין שטיקל משוגעת...

און ווער ווייס, טאָמער איז דאָס קאַרליקל שוין אַ געקרוינטער? ער וועט זיך נור אויסלאַכן פון מיר?

ווער ווייס?

ווער ווייס?״

# אויפֿן וועג נאָך פּוילן

# צווייטער טייל

## קאַפּיטל 1

## קאָנטראַבאַנדיסטן

דער נאַכט-צוג, וואָס גייט פֿון דרעזדען איבער ברעסלוי צום עסטרייכישן גרענעץ-שטעטל באָגומין, האָט זיך געשלעפּט אַזוי פּאַמעלעך, אַז ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, צי ער שטייט נישט אײַנגאַנצן. וואָס נענטער דער „באָמבעל-צוג" איז צוגעקומען צו באָגומין, האָבן זיך אַלץ מער די פּאַסאַזשירן געביטן. די דײַטשן מיט זייערע קופּערס אויף רעדלעך, מיט די האַנט-וואַליזקעס זענען געוואָרן אַלץ ווייניקער און אין די וואַגאָנען האָבן אָנגעהויבן אַרײַנצוקומען פּאָליאַקן אין שעפּסענע פּעלצלעך און ייִדן אין שווערע לאַנגע קאַפּאָטעס.

אין אַ פֿריש-געפֿאַרבטן וואַגאָן, וואו ס׳איז געווען דושנע, ווי אין אַ שוויץ-באָד און די פֿאַרב האָט געהאַט אַ טבע זיך אײַנצוקלעפּן אין געזעס אַרײַן, איז געפֿאָרן מרדכי. נעבן אים איז געשלאָפֿן זײַן קאָלעגע — אַ יונגער פּוילישער דיכטער. קאַהאַנע, מיט וועמען מרדכי איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון פּאַריז, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע טעג אין ליעזש, מיטן תּנאַי, זיך צו טרעפֿן מיט אים אין קראָקע. די היימישע פּנימער, די קופּקעס ייִדן מיט זייער צעצויגענער אויסשפּראַך, אַלץ האָט אים דערמאָנט זײַן נסיעה נאָך קאָצק, פֿאַרזיכערט, אַז הײַנט-מאָרגן וועט ער זיך אַריבערכאַפּן צו די עלטערן אין וואַלד אַרײַן. קעגנאיבער איז געזעסן אַן עלטערער ייִד מיט

אַ הדרת־פּנים, געווען פאַרטיפט אין אלבוס „עיקרים”. ער האָט נערוועז געקעמט די לאַנגע באָרד מיט זיינע פינף פינגער, נאַכלעסיק געקייט אַ שפּיץ און פון דער זייט געכאַפּט פון מאָל צו מאָל אַ קוק אויף מרדכין.

נאָך אַ הפסקה פון דריי יאָר דערנענטערט ער זיך ווידער אַהיים, זיצט צווישן יידן, צווישן פּאָליאַקן און איז נישט צופרידן מיט זיך, וואָס ער פילט זיך פרעמד. ווען דאָ וואָלט געזעסן אַ פּשוטער ייד, וואָלט ער שוין לאַנג געווען באַקאַנט מיט די מיטפאָרער. מרדכי האָט זיך צוגעהערט צו די שמועסן פון די אַרומיקע, זיך געחדושט, וואָס קיינער דערמאָנט נישט די געשעענישן אין קרוין־פּוילן, ווי איבער דער עסטרייכישער גרענעץ, וואו עס זעען זיך שוין די פּוילישע הייזלעך, וואָלט נישט געפלאַקערט דער אויפשטאַנד.

ער האָט פאַרפירט מיט אַ גוי אַ שמועס:

— וואָס הערט זיך אין גאַליציען?

— דערוויילע, פּאַניע, איז שטיל. ווי לאַנג אָבער דאָס וועט אָנהאַלטן, ווייס דער אויבערשטער. מען שמועסט, אַז אין קרוין־פּוילן האָט שוין אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד. מיינס אַ חבר, יונגער פון מיר, איז נעכטן אַריבער די גרענעץ. ער וויל, זאָגט ער, שלאָגן דעם „מאָסקאַל”. האַ, האַ, האַ!

— און פאַרוואָס שליסט איר זיך נישט אָן, גייט נישט העלפן אייערע ברידער? — האָט אים מרדכי געפרעגט.

— באַ — האָט ער זיך נאַריש צעשמייכלט.

אַ ייד, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, זיך איינגעהערט צום שמועס, האָט אַריינגעוואָרפן אין יידיש:

— מיר יידן דאַרפן זיך נישט מישן. און ס'איז גלייכער, יונגער־מאַן, אַז מען האַלט די צונג צווישן די ציין, געזונטער הייינטיקע צייטן.

מרדכי האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, געוואָלט ווייסן, ווער עס רעדט און דער ייד איז נישט געוואָרן צווישן די מולכער.

אין מיטן וואַגאָן האָט געברענט אַ גרויסער אייזערנער אויוון. צוויי ליכט־לאָמפּן, וואָס האָבן געהאָנגען ביי די טירן, האָבן קוים באַלויכטן דעם וואַגאָן און עס האָט אויסגעזען, ווי אַ גערדיכטער נעפּל וואָלט געשטאַנען איבער אַלעמענס קעפּ.

אין וואַגאָן איז געווען אַן אמתער יריד. חסידים האָבן זיך

פראַנק און פֿריי איבערגעטון, קיין בושה נישט געהאַט פֿאַר די ווייבער, וואָס זענען געזעסן אַנטקעגן. ווייבער מיט הייבלעך און שייטלען פֿאַרשאַרט איבער די אָפּגעגאָלטע קעפּ, האָבן צעשפּילעט בלוזקעס, געצויגן שטיקער זיידנס. אַנדערע האָבן איינגענייט אין די קליידער זיידענע שאַלן, אויפֿגעטרענט דעם הינטערשלאַג, איינגע־פּאַסטריגעט זיידענע פּאָלעס און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער קוים באַלויכטענער וואַגאָן איז אַ כּשוף־פּלאַץ, וואו באַוואַקסענע כּשוף־מאַכערס זיצן און שלעפּן פֿון די בוזעמס גאַנצע בערג מיט זאַכן.

אין אַ ווינקל האָט זיך געפּאָרעט אַ ייד, געהאַלטן אין איין אויסטון זיין ברייטע קאַפּאָטע, דערווייל פֿאַרשטעלט דאָס ווייב מיט דער געפּודערטער טאָכטער, וואָס זענען געזעסן אויף די „קיטשקעס" און צוגענומען פֿון אַ יונגן שייגעץ זילבערנע זייגערלעך. דער שייגעץ איז געשטאַנען צווישן דער מאַמען און דער טאָכטער, געשלעפּט די זייגערלעך פֿון זיינע דאָפּלטע שטיבלעטן און די ווייבער האָבן זיי אַריינגעפּאַקט אין די אָפּשטייענדע קאָרסעטן. פֿון מאָל צו מאָל האָט דער שייגעץ אַליין אַריינגעלייגט דער טאָכטער אין בוזעם אַ זייגערל און די מויד האָט אַ קוויטש־געטון:

— מאַמע, דער שייגעץ קנייפּט זיך!

— זע נור, ווי עס שרייט פֿון איר אַרויס! וואָס קאָן איך מיר העלפֿן, וואָס? — האָט די מוטער זיך געבייזערט, וואָס די טאָכטער מאַכט קולות און זיך אַ דריי־געטון צום שייגעץ — אַנטעק, וואָס ווילסטו פֿון דעם מיידל?

אַ יידל, קיילעכדיק, ווי אַ פֿעסל, איז געשטאַנען אין מיטן וואַגאָן אין אַ לאַנגן טלית־קטן און זיך לויז געמאַכט דאָס שטריקל אַרום די הויזן. ער האָט געהאַלטן אין איין אַראָפּציען פֿון זיך לייבלעך, רעקלעך און שטיקער זיידנס, אַז ס'איז געווען אַ וואונדער, ווי אַ מענטש האָט געקאָנט אָנפּאַקן אויף זיך אַזוי פֿיל סחורה און אָפּנאַרן די באַאַמטע אויף דער „קאַמער".

— אַי, אַי! — האָט דאָס יידל, וואָס איז פֿון אַ קיילעכדיק פֿעסל פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליין, דאַר מענטשל, זיך צעשריען — ווער זאָל זיך ריכטן, אַז „המן" וועט היינט נישט זיין ביי דער רעוויזיע?

— נישטאָ קיין מזל! — האָט אַ יידענע געשאָקלט מיטן קאָפּ, — פּונקט היינט, ווי אויף צופּלאַצעניש, איז מיר איינגעפאַלן דורכצופירן אַלטע „לאַכעס".

דער עולם האָט געגוואַלדעוועט, געשריען. אַ דיקער קאָנדוקטאָר מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט איז געגאַנגען מיט אַ הויכן חסיד, אַ „שמייסער", און געציילט די אַלטע בילעטן, וואָס דער „שמייסער" האָט אויסגעטיילט זיינע פּאַסאַזשירן.

דער „שמייסער" האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ייד, וואָס איז געזעסן פּאַרטיפּט איבער די „עיקרים". ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ חניפה-שמייכל אויף זיין יונגן, ברייטן פּנים מיט צעוואָרפענע הערלעך:

— ר' משה! איר האָט זיך, אויף מיין וואָרט, געקאָנט איינבערענגען דריי מאַרק. אָט קוקט, דער גאַנצער וואַגאָן פאָרט „בלאַט" און כ'פּאַר-זיכער אייך, ס'וועט היינט קיין קאָנטראָלער נישט זיין.

— און ווען דו וואַלסט מיך אָפּגעגילט, — האָט ר' משה אַריינ-גענומען זיין באָרד אין דער האַנט אַריין, — וואָלט איך מיט דיר געפּאָרן? אַלע צרות, וואָס קומען אויף יידן, איז דאָך איבער אייך, שווינדלערס! גוט, — האָט משה צעעפנט די האַנט און אַרויסגעלאָזט די באָרד — ס'קאָן זיך דאָך אָבער מאַכן, אַז אין מיטן וועג כאַפּט זיך אַרויף דער קאָנטראָלער, געפינט אַזאַ געפּאַקטן וואַגאָן יידעלעך און קיין איינער פון אייך האָט קיין בילעט נישט? קאָן זיין אַ גרעסערער חלול השם?

— גייט עס אויס צו אַ פּאָר מאַרק, ר' משה! — האָט דאָס ברייטע פּנים ביים „שמייסער" געשמייכלט, — מיט „לאַפּקע" קאָן מען צוקומען צום סאַמען קיסר, ס'איז שוין אַזאַ וועלט! מען זאָל אייך פאָלגן, ר' משה, וואָלטן מיר אַלע געדאַרפט לייגן די ציין אויף דער פּאָליצע! יאָ, אַ בילעט האָט איר שוין געקויפט, רייכער געמאַכט „יערגי-נאַר" מיט דריי מאַרק, אַ מצוה געטון. כ'האָב אָבער אַן עצה, איר זאָלט זיך אויסשלאָגן די הוצאות און נאָך מאַכן אַ פּאָר מאַרק. בעמט פאַר מיר די צוויי גאָלדענע זייגערלעך, גוט? טוט אַמאָל אַ יידן אַ טובה!

— קיינע טובות! — האָט משה בייז געענטפערט, — כ'האָב איין

מאָל אַ נדר-געטון, קיין מגע-ומשא נישט צו האָבן מיט אייך, טשעפּעט זיך אָפּ!
מרדכי, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן און קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַגאָן, האָט זיך אַליין נישט געגלויבט. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט פאַר די פאַרוואַקסענע יידן, וואָס שאַרפן טאָג און נאַכט זייערע מוחות, ווי איינער דעם צווייטן אָפּצונאַרן, און דאָס איז דאָך דער רוב מנין ורוב בנין פון יעדער שטאָט.
ר׳ משה האָט צוריק געעפנט דעם ספר, וואו זיין גראָבער פינגער האָט געשטעקט צווישן די בלעטער, געוואָרפן אַ בליק אויף מרדכין, ווי ער וואָלט געכאַפּט זיינע רעיונות, און זיך צעשמייכלט:
— איר מיינט, כ׳האָב נישט קיין עוולה געטון? כ׳מיין נישט וועגן בילעט, וועגן די זייגערס. אין פלוג, דאַכט זיך, זענען זיי גנבים, מען דאַרף זיי עוקר מן השורש זיין! און, צוריקגערעדט, וואָס זאָל אַזאַ יונגערמאַן ווי כתריאל טון? ווערן אַ בעל-מלאכה? מיר האָבן זיי שוין די ויותר! בעלי-מלאכות שטאַרבן אויך פון הונגער; בלייבט דאָך ווידער סוחרים... און ווי לאַנג דו לעבסט, ווילסטו עסן — הער, כתריאל! — האָט ר׳ משה אַ געשריי-געטון צום „שמייסער", וואָס איז אַרומגעלאָפן אַ צעיאַכמערטער.
כתריאל איז צוגעקומען מיט צעפּראַלטע פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע:
— נו, ר׳ משה, איר וועט נעמען?
— כ׳וועל נעמען, כ׳וועל נעמען! - האָט ר׳ משה זיך מעשה בגיד געבייזערט — גיב-אַהער די זייגערס!
— אָט אַזוי! — האָט כתריאל אַ גליקלעכער אים געגעבן די זייגערס, — איר וועט כאַפּן עטלעכע מאַרק, ווי געפונען!
ביסלעכווייז איז אין דעם האַלב-טונקעלן וואַגאָן געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער. די ווייבער מיט די קינדער האָבן זיך צעלייגט איבער די בענק, איינגעשלאָפן. מיט אַמאָל איז געוואָרן נאָך פינסטערער — אַ ליכט איז אין אַ לאָמטערן אויסגעגאַנגען.
ר׳ משה האָט זיך געדרייט אויף דער באַנק, זיך אויסגעצויגן, און איידער מרדכי האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער שוין געשמאַק געבלאָזן מיט די ליפּן אין דער באָרד אַריין, אַז די האָר זענען

זיך אַזש צעפּלויגן. מרדכין האָט נישט געשלעפּערט. ער האָט אַרויסגעקוקט דורך דער פּאַרלאָפענער שויב, גאָרנישט געזען און אַז ער האָט זיך לענגער איינגעקוקט, האָבן שטיקלעך שניי זיך אַרויס־געבליכט פון די נאַקעטע פעלדער. ער האָט באַמערקט, ווי דער קאָנדוקטאָר איז שטיל אַריין, אַ וואונק געטון צו עמעצן אויף אַ באַנק און איז צוריק אַרויס. באַלד האָט זיך פון דער באַנק אויפגעשטעלט דאָס געפודערטע מיידל, זיך איינגעקוקט, צי די מוטער שלאָפט און האָט לייכט ווי אַ שאָטן זיך אַרויסגעשאַרט.

פון צעגליטן אייזערנעם אויוון האָט געשלאָגן אַ רויטע שיין, זיך צעלייגט איבער דער פּאָדלאָגע, אָפּגעגאָסן אַ קופּקע מולכער ווי מיט קופּער. די קאָנטראָבאַנדיסטן מיט כתריאלן אָן דער שפּיץ זענען געזעסן אויפן קוילן־קאַסטן, צוגעוואָרפן קוילן אין אויוון און זיך געוואַרעמט. כתריאל האָט זיי דערציילט די מעשה מיט משה לידז, ווי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די עטלעכע מאַרק און אַן עלטערער מולכער, אַ חסיד, האָט זיך אָפּגערופן:

— אַ יידישע קושקע קאָן מען נישט שאַצן!

— וואָס מיינט איר? — האָט זיך אַ צווייטער אַריינגעמישט — משה איז אַ יודע ספר, זיין פאָטער ר׳ שלמה ז״ל איז דאָך געווען אַ פאַרברענטער חסיד, פון די אַלטע קאָצקער און ער אַליין, כאָטש נישט קיין גרויסער צדיק, וועט פונדעסטוועגן פאַר אַ ייד גיין אין פייער.

ביים וואָרט קאָצק האָט זיך מרדכי נענטער אַ רוק געטון צו דער כנופיה און זיך איינגעהערט:

— שיינע יידן, די אַלטע קאָצקער — האָט זיך געהערט אַ שטים פון הינטערן אויוון — מוח־מענטשן, ווערן אַלץ ווייניקער!

— און ר׳ מענדעלי אַליין, דערציילט מען — האָט אַן עלטערער חסיד אַריינגעמאַכט די הענט צווישן די פיס אין זיך אַ רוק געטון צום פלאַם — פלעגט שבת בין השמשות אַרומגיין אַ קליינער, אַ גרויער מיט לאַנגע ברעמען איבער די אויגן, די גראָבע פינגער אין גאַרטל און מאַכן אַזעלכע גוואַלדן, אַז די חסידים איז אַן אימה באַפאַלן און וואָס מיינט איר האָט ער געשריען? „כ׳האָב שטענדיק געהאָפט צו האָבן אַ מנין יונגע־לייט, אַ מנין, אַרומגיין מיט זיי אין די

וועלדער, אין די וועלדער, אין די וועלדער! אַז היינט האָב איך אָקסן! כ'האָב געהאָפּט צו ווערן אַ מענטשן-דאָקטאָר און איר, בהמות, האָט מיך געמאַכט פאַר אַ קאָנאָוואַל!

מרדכי איז געזעסן אַ פאַרגאַפטער, זיך איינגעהערט מיט לייב אין לעבן צו יעדן וואָרט זייערס, געזען ווי די וואָכעדיגקייט איז פון די מילכערס אַוועק, זיצן מיט צעשטראַלטע פּנימער און נישט געגלויבט, אַז דיזעלבע יידן זענען אַ מינוט צוריק גרייט געווען קריכן איינער דעם צווייטן אין דער גרגרת. ער האָט זיי ליב באַקומען, זיך דערמאַנט אָן נאָרווידס לעגענדע, וואָס שטייט אויף תחית-המתים, און אין אים האָט אויפגעלויכטן די לעגענדע פון קאָצק.

דער „באָמבעל-צוג" איז געקראָכן, אָנגעיאָגט אַ דרעמל. די חסידים האָבן זיך גערוקט אַלץ נענטער צום אויוון, זיך געטוליעט אין דער פוילער פינסטערניש. באַבערדטע פּנימער אונטער שווערע ווינטער-הימלען האָבן זיך געפּלעקט אויף די ווענט, געבליקט אין די פלעמ-לעך, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פון די צעעפנטע טירלעך און פול געווען מיט דער אייגענער שטומקייט.

דאָס געפודערטע מיידל האָט זיך שטים אַריינגעגנבעט, הינטער-ווייל עכס-פאַרבייגעגאַנגען דעם אויוון און מיט אַ קרעכץ זיך אַראָפּגעלאָזט ערגעץ אויף אַ באַנק.

פון דרויסן האָט טעמפּ אָפּגעהילכט:

— סטאַציע באָגומין!

קאַפּיטל 2

# אויף דער גרענעץ

אין וואַגאָן איז געוואָרן אַ טומל, האַלב־פאַרשלאָפענע האָבן מענטשן זיך געהויבן פון די בענק, צונויפגענומען די געפעק אין גאַייל, געזוכט אין די קעשענעס די גרענעץ־קאַרטן און זיך געשטופּט אַרום די טירן.

— יוזשקו, שטיי אויף? — האָט מרדכי אַ טרייסל געטון זיין קאָלעגע, וואָס איז נאָך געשלאָפן.

יוזעף ווירזשביציקי האָט זיך אַ ריס געטון, געעפנט אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן, זיך גענומען ציען, און זיין צוואַקסענער קערפּער האָט פאַרשטעלט דעם וועג, נישט דורכגעלאָזט די פאַרשמאיעטע מולכערס.

— וואָס האָט ער זיך אַ וועקגעשטעלט, דער ערל?

— לאָזט־דורך!

ווירזשביציקי האָט עפּעס געשטאַמלט, זיך אַנטשולדיקט אויסגעקנאַקט די איינגעשלאָפענעביינער און איינגערוימט מרדכין:

— פאַרגעס נישט, אַלטער, צו זאָגן, אַז מיר פאָרן באַקוקן אַ וואַלד הינטער קראַקע.

— איך, דער סוחר — האָט מרדכי געשמייכלט — און דו?

— איך? איך פאָר מיט אַלס מבין.

— גוט.

ס׳איז אינטערגעקומען אַ באַאַמטער, געזען אויסלענדישע פּעסער,

האָט ער מיט איין אויג אָפּגעמאָסטן די פרעמדע און העפלעך צוגענומען די פּעסער צום וויזירן.

מרדכי מיט ווירזשביצקין האָבן זיך איבערגעקוקט, געוויען צופרידן, וואָס אַלץ גייט צו אַזוי גלאַטיק, געהאַלטן די וואַליזעס אין די הענט, געוואַרט אויף די פּעסער און אָפּגעשטעלט אַ פאַרבייגיי־ענדיקן קאָנדוקטאָר:

— ווען גייט אָפּ אַ צוג נאָך קראקע?

— פינף מינוט צו אַכט גייט אָפּ אַ באַמבעל־צוג.

— האָבן מיר נאָך אַ שעה צו וואַרטן. — האָט ווירזשביצקי געזאָגט מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרשפּעטיקט.

— יוזשקו, — האָט מרדכי אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט — נישט געזאָרגט, מיר וועלן נאָך היינט זיין אין קראקע.

דער באַאַמטער, וואָס האָט צוגענומען די פּעסער, איז אונטער־געקומען, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, זיי זאָלן אים נאָכגיין. אויפן וואונק האָבן זיי אָפּגעמאַכט, מרדכי זאָל רעדן פאַר ווירזש־ביצקין, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען קיין דייטש. דער באַאַמטער האָט געעפנט די טיר פון וואַגאָן:

— ביטע שיין!

אַ פרישע, טרוקענע קעלט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די פאַרפרוירענע פעלדער, באַדעקט מיט שניי, האָט זיי דורכגענומען. אַרום די פראַכט־וואַגאָנען זענען געשטאַנען ברייטע „דראָנגאָווע" וועגענער, טרעגער האָבן געלאָדנט אויף די וועגענער נאַפט, זאַלץ און מעל. סוחרים האָבן געצייכנט די פּעסער, די זעק, געקלאַפּט אַ פוס אָן אַ פוס פון קעלט און אין דער לופט האָט געשמעקט מיט אַ ווינטערדיקן מאַרק־טאָג.

דער קאָמיסאַר, אַ טרוקן, ציכטיק מענטשל מיט אַ דאַר נעזל, וואָס ער האָט עס געהאַלטן אין איין טאַפּן, איז געזעסן איבער אַ טיש מיט פאַפּירן און געדרייט אַ לאַנגע, בלאָנדע וואָנסע. ער האָט זיי געבעטן זיצן, גענומען שטעלן פראַגן, און זיינע וואַסערדיקע אויגן האָבן זיך געגליטשט פון ווירזשביצקין אויף מרדכין.

— קען מען וויסן, וואוהין איר פאָרט?

— קיין קראקע.

—ביידע ?
— יאָ.
— צו וואָס, מיינע הערן, אויב מען קאָן וויסן ?
— כ'בין אַ וואַלד-סוחר, הער קאָמיסאַר. כ'האַלט ביים קויפן הינטער קראָקע אַ וואַלד, — האָט מרדכי געשטאַמלט.
— און איר — האָט דער קאָמיסאַר געפרעגט ווירזשביצקין.
— דאָס איז מיינער אַן אָנגעשטעלטער — האָט מרדכי זיך אָנגע-רופן — ער רעדט נישט קיין דייטש.
— און איך האָב געמיינט, איר זענט סטודענטן — האָט דער קאָמיסאַר געשמייכלט און געפרעגט ווירזשביצקין אויף פּויליש — וואו געפינט זיך, פּאַניע, דער וואַלד, וואָס איר גייט קויפן ?
ווירזשביצקי האָט זיך פאַרלוירן און גלייך נישט געענטפערט.
— דער וואַלד איז הינטער קראָקע — האָט מרדכי זיך אַריינגעמישט.
— ביי וועמען גייט איר אים קויפן ? — האָט ער ווייטער געפרעגט.
— ביי אַ געוויסן הראַביע קאַמאַראָווסקי — האָט מרדכי אויפן פלאַך געענטפערט און ער איז רויט געוואָרן.
דער קאָמיסאַר האָט נישט אויפגעהערט שמייכלען, זיך אַ טאַפּ געטון פאַרן נעזל, אַ דריי געטון די וואָנסע און געלאָסן אָנגעהויבן :
— המ... די גאַנצע פּוילישע יוגנט, וואָס געפינט זיך אין אויסלאַנד, האָט זיך מיט אַמאָל אַ לאָז געטון קיין קראָקע, זיך פאַרבענקט נאָך פּאַטערס און מומעס... סטודענטן זענען איבער נאַכט געוואָרן סוחרים, ווילן אָפּנאַרן דעם „דייטש" אויף דער „קאַמער". נאַרישקייטן, פּאַנאָוויע! דער „דייטש" — האָט ער געוויזן מיט אַ פינגער אויף זיך — איז פּונקט אַזאַ גוטער פּאָליאַק ווי איר ! ער האָט ליב פּוילן, האָט אַלע פּוילישע קלאַסיקער ביי זיך אין דער ביכער-שאַנק ! ער איז אָבער נישט משוגע ! און ער ווייס וואוהין איר פאָרט ! ס'איז אַ משוגעת, זאָג איך אייך ! ס'איז אַ משוגעת צו נעמען אַ יונגן, געזונטן קאָפּ און אים שטעקן אַ וואָלף צווישן די ציינער ! נאַט, לייענט — האָט ער האַסטיק אַ כאַפּ געטון פון טיש דעם „דזשענניק פּאָזנאַנסקי" און אָנגעהויבן לייענען אונטער דער נאָז :
„... די אָפּטיילונג אונטער דער קאָמאַנדע פון קוראָווסקין, וואָס איז באַשטאַנען פון דער שענסטער קראָקעווער יוגנט, איז

געפאַלן ביי דער אַטאַקע אויף מיעכאָוו. פון דער קאַוואַלעריע און פעכאָטע זענען בלויז איינצעלנע צוריקגעקומען...״

— איז וואָס? — האָט מרדכי קאַלטבלוטיק געפרעגט.

— וואָס? — איז דער קאָמיסאַר געוואָרן נערוועזער און זיינע דיקע פינגער האָבן זיך געפּלאָנטערט אין דער וואָנסע — אַ קאָסע, פאַנאָוויע, קאָן מען נישט פאַרגלייכן מיט אַ ביקס! דערצו וויל דער פויער נישט גיין און גייט נישט! און ס׳איז אַ שפּיל פאַרן טייוול! אַ פּאָר היץ־קעפּ, וואָס ווילן פאַרנעמען וויעלאָפּאָלסקיס שטעל, האָבן פאַנאַנדערגעבלאָזן ס׳פייער, טאָ וואָס אַרט זיי, אַז די בעסטע פוילישע יוגנט וועט אויסגעקוילעט ווערן ווי בהמות! דען וויסן זאָלט איר, אַז אויף יעדן פּאָליאַק מיט אַ קאָסע קאָן דער „מאָסקאַל״ אַריינוואַרפן צוואַנציק, דרייסיק רוסן מיט גוטע ביקסן! אַ שאָד, זאָג איך אייך, אייער יונג לעבן, פאָלגט אַ גוטן פּאָליאַק און פאָרט צוריק לערנען... איר קומט דאָך פון בעלגיען, צי פון פראַנקרייך... מיט אייער לערנען וועט איר מער העלפן פוילן, ווי מיט אייער בלוט, וואָס וועט אומשולדיק פאַרגאָסן ווערן... נישט מיט קיין שווערד וועט פוילן אויסגעלייזט ווערן, נאָר מיט גאָטס וואָרט, און איר, די יוגנט, וואָס לערנט אין די העכערע שולן, דאַרפט ברענגען די גאולה...

ווירזשביצקי איז נישט איינגעשטאַנען, זיין יונג, קינדיש פּנים איז רויט געוואָרן, דערנאָך בלאַס. דאָס מויל מיט די ליפּן האָבן זיך איינגעצויגן, ווי ביי אַ יונגל, ווען ער האַלט זיך ביים פאַנאַנדערוויינען און ער האָט אויסגעשאָסן:

— אַנטשולדיקט, פּאַניע, מיר זענען נישט געקומען הערן קיין מאָראַל. זייט אַזוי גוט און גיט אונז די פעסער, מיר דאַרפן פאָרן ווייטער!

דער קאָמיסאַר איז אויפגעשפּרונגען, געשטעלט עטלעכע טריט אויף צוריק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, מען זאָל אים נישט שלאָגן, נערוועז אַ קלאַפּ געטון אין גלעקל, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. פון אַ זייטיקער טיר איז אַרייגעקומען אַ באַאַמטער. דער קאָמיסאַר איז געוואָרן זיכערער, זיך צוריק אַוועקגעזעצט און זיך אָנגעהויבן בייזערן אויף דייטש:

— אויב אַזוי, וועט איר ווייטער נישט פאָרן! אייער פּאַס האָט נישט קיין וויזע! איר וועט פאָרן פון וואַנען איר זייט געקומען געהערט אַ חוצפּה?

ער האָט אַ שליידער געטון ווירזשביצקיס פּאַס, גענומען מרדכיס, נישט געקוקט אויף אים און געפרעגט:

— איר האָט אויך קיין וויזע נישט?

— ניין.

— וואָס פאַר אַ גלויבן? אַ ייי.

— אַ ייד.

ער האָט וויזירט מרדכיס פּאַס, אים נאָכלעסיק אַ שאַר געטון פון זיך. דער פּאַס איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע. דער קאָמיסאַר האָט זיך אַנטשולדיקט און איז אַריין אין אַ צווייטן צימער.

אַז זיי זענען אַרויס, האָט ווירזשביצקי זיך געטרייסלט פון כעס:

— געהערט אַ פּאָנפּע? כ׳וואָלט אַזאַ פּאָליאַק דערשאָסן, ווי אַ הונט! אָט איז אַ היצעל! דער וואַרשעווער פּאָליצמייסטער פּילסודסקי איז נישט דער איינציקער הונט-שלעגער אין פּוילן! אָט האָסטו זיי אויף אַלע גרענעץ-שטעט! וואָס טוט מען, אַלטער? וואָס טוט מען איצט?

— וואָס קלאָגסטו? — האָט מרדכי געשמייכלט — ס׳איז דאָך אַ וואוילער פּאָליאַק!

— וואָס? — האָט ווירזשביצקי אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן.

— פּויליש בלוט איז אים אַ שאָד, האָט ער דיר דעם פּאַס נישט אונטערגעשריבן. יידיש מעג זיך גיסן, האָט ער מיר אַ טובה געטון און מיינעם יאָ אונטערגעשריבן!

— דערשיסן דאַרף מען אים! — האָט ווירזביצקי זיך נישט אויפגע-הערט צו קאָכן — ווייסט, אַלטער, דו יועסט אַריינפאָרן קייו קראקע און איך וועל צוריקפאָרן איין סטאַציע און פון דאָרט „שוואַרצן” די גרענעץ.

— ניין, יוזשקי, כ׳וועל אָן דיר נישט פאָרן. אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום גייט-אָפּ אַ צוג קיין פּרייסן, מיר וועלן צוריקפאָרן אַ סטאַציע און פון דאָרט וועלן מיר זען, וואָס מיר האָבן צו טון.

---

דער נישט-באַרירטער שניי האָט אַרויסגעבליצט פון די גערטנד-לעך, וואָס אַרום דעם וואָקזאַל, געגלעט און געצויגן צו זיך. אַ מיידל מיט פאַרפלאַמטע באַקן פון פראָסט איז פאַרבייגעגאַנגען. זי האָט פון

דער זייט אַ קוק געטון אויף די יונגע-לייט. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז זיי זענען אין אַ פאַרלעגנהייט, געוואָרן לעבעדיקער, גענומען גיין איבערן וואָקזאַל, און ווירזשביצקי האָט זיך פאַנאַנדערגעפייפט.

פון וואָקזאַל, וואו אַ לאָקאָמאָטיוו האָט זיך געדרייט מיט אַ סאָפּן און פייפן אַהין און צוריק, אַרויסשיקנדיק פריער קנוילן רויך, וואָס זענען אַ ווײַלע געבליבן הענגען איינער איבערן אַנדערן אין דער לופט, באַלד זיך גענומען דריוועלן און דרייען נידריקער, נידריקער, איינגעשלונגען געוואָרן פון שניי, איבערלאָזנדיק נאָך זיך שוואַרצע פינטעלעך — פון יענער זייט וואָקזאַל זענען אָנגעקומען מולכערס מיט געפּעק אַלטוואַרג. זיי האָבן זיך צעשטעלט הינטערן וואָקזאַל אויפן פרייען פעלד, אַראָפּגעוואָרפן די געפּעק אין שניי אַריין און זיך צוגעזעצט. איינער האָט אַרויסגענומען פון דער כאָלעווע אַ „מאַמע״, אַ צי געטון, אָפּגעווישט ס׳מויל פון פלעשל, און די „מאַמע״ איז געגאַנגען פון מויל צו מויל.

די בעלי-בתּים זענען אָנגעקומען מיט סיגאַרן אין די מײַלער. די מולכערס, וואָס האָבן געהאַלטן אין פאַרבײַסן, ווער מיט געזאָטן פלייש, ווער מיט אַ שטיקל דאַרן קעז, האָבן מיט די ביסנס אין די מײַלער גענומען פאַנאַנדערפּאַקן די געפּעק. יידן, גוים, מענער, ווײַבער זענען אויסגעוואַקסן פון אַרום און אַרום. זיי האָבן געריסן, וואָס ס׳איז געקומען אונטער דער האַנט, אַרויסגעכאַפּט איינער בײַם צווייטן, זיך געשפּרונגען אין די אויגן אַריין.

די אייגנטימער מיט זייערע אַרויסהעלפער, וואָס האָבן נישט קיין צייט געהאַט צו פאַרשרײַבן, וואָס איינער נעמט, האָבן אָפּגעשטופּט דעם עולם פון די פּעק, געהאַקט איבער די הענט, איבער די פּנימער מיט שטיקער סחורה, מיט צונויפגעדרייטע קליידער. קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. דער עולם, וואָס האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגערוקט האָט זיך נאָך מיט מער אימפעט אַ וואָרף געטון אויף די פּעק, געשלעפּט, געשריען:

— מיר נאָך אַ שאַל!

— איך וועל נעמען דאָס שטיקל זיידנס;

— ניין, איך!

— טראָג דיך אָפּ, מכשפה, דען כ׳פלעט דיר דעם מוח!

— די הענט וועלן דיר פריער פאַרקרימט ווערן, כאָלעראָטשיסקע!

אַ פּעקל האָט זיך געזוצט אין דער לופט. אָן אַ שיעור הענט האָבן זיך אַ לאָז געטון נאָכן פּעקל, וואָס איז צעפאַלן אין פליען. לייבלעך, העמדלעך האָבן זיך צעשאָטן איבערן שניי. דער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף אַלע פיר, געפּויזעט אַרום די בעלי-בתים, וואָס זענען געשטאַנען און געשמייכלט. מרדכין האָט עס דערמאָנט אַ רייכן פּריץ, וואָס באַווייזט זיך אין אַ מאַרק-טאָג, שלעפט פון די קעשענעס מטבעות, צעשיט זיי, און דער המון וואַרפט זיך אויף אַלע פיר, איינער אויפן אַנדערן, קנוילט זיך אונטערן שמייכל פון פּריץ.

קולות האָבן זיך געקאָלערט אין דעם קאַלטן, שטילן פרימאָרגן, זיך אויסגעמישט מיטן סאָפּען פון לאָקאָמאָטיוו, אָפּגעהילכט אין די נאַקעטע, פאַרשנייטע פעלדער.

— איר האָט גענומען פיר שאַלן, נישט קיין דריי — האָט אַן אייגנ-טימער, אַ מיטל-יאָריקער חסיד, געשריגען אויף אַ כוואַטסקע ווייבל, וואָס מען האָט קוים אַרויסגעצויגן פון די שטיקער סחורות, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין וויקלען אַרום זיך.

— מיר זאָלן ביידע אַזוי לעבן, ר' משה לייב, ווי דריי, ווי כ'האָב דריי אָפּגעציטערטע קינדער! וואָס הייסט? — האָט זי מיט דער רעכטער האַנט געוואָלט אָפּשטעלן ר' משה לייבן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין רוקן פון איר, און די לינקע האַנט האָט זי אויסגעשטעקט צום עולם, ווי זי וואָלט אים גערופן פאַר אַן עדות.

— פיר, פיר, פיר! — האָט משה לייב פאַרעקשנט איבערגעחזרט, זיך פאַרשטאָפּט מיט די שפּיץ-פינגער די אויערן, נישט געוואָלט זיך צוהערן צום ווייבל.

— בין איך ביי אייך נישט באַגלויבט?

— ניין!

— איז נישט!

— טאָ לייג שוין אַוועק די שאַלן! געהערט? כ'זאָל פאַרלירן אַ שאַל — איז נאָכן גאַנצן ריוח!

— און איך מיט מיינע דריי שוואַלבן דאַרפן נישט לעבן — האָט זי אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט — אַז כ'שווער אייך, ר' משה לייב, אַז כ'האָב נישט גענומען!

— טאָ וואו איז דער שאַל אַהינגעקומען?

— אַז איר גלויבט נישט — באַזוכט!

— כ׳וועל עס טאָקע טון!

— ביטע, ביטע — האָט זי פלינק אַ שאַר געטון אַרום זיך די קליידער, און זיי אַביסל אויפגעהויבן — זוכט, ר׳ משה לייב, זוכט!

ר׳ משה לייב האָט זיך אַ קרים געטון, ווי פון אַ שלעכטן גערוך, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, פאַרזשמורענדיק די אויגן:

— גייט שוין, גייט שוין! ס׳האָט קיין חרפה נישט!

— טאָ זאָגט נישט, אַז כ׳האָב גענומען פיר שאַלן!

— נישט גענומען, נישט גענומען... איך, איך משה לייב האָב עס גענומען! צופרידן?

אַ פּאָליציאַנט איז אונטערגעקומען. זיך געוויצלט מיט די בעלי־בתים, געגעבן עצות, איינגערוימט עפּעס אַ מויד אויפן אויער, אַז דער אַרומיקער עולם האָט געהערט און געפּלאַצט פון געלעכטער.

ווירזשביצקי, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און געקוקט אויף די מולכערס, האָט מיט אַמאָל אויסגעשפּיגן, ווי ער וואָלט אָפּגעטרייסלט פון זיך עפּעס עקלדיקעס. מרדכי האָט זיך געפילט באַליידיקט, כאָטש צווישן די מולכערס זענען געווען ער גוים ווי יידן. ער האָט דערזען דעם הויכן כתריאל, געוואָלט דערציילן ווירזשביצקין, ווי די יידישע מולכערס, וואָס קריכן איצט ווי געשלאָגענע הינט אויף אַלע פיר, האָבן ביינאַכט אין וואַגאָן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די וואָכעדיקייט און, געלייטערטע, האָבן זיי געשמועסט חסידות. מרדכי האָט זיך געכאַפּט, אַז ווירזשביצקי וועט אים נישט פאַרשטיין, צו־פרעמד איז אים דער ייד. מיט פאַרקוועטשטע ליפּן האָט ער זיך איינגעקוקט אין די געדיכטע קנוילן רויך, וואָס זענען געשטאַנען אין דער קאַלטער לופט.

די בעלי־בתים האָבן אויסגעטיילט די סחורה, זיך געחשבונט מיט די מולכערס. אַ גרענעץ־זעלנער איז אונטערגעקומען, איבערגעציילט די פאַרשווינען, וואָס פירן די סחורה, אַ קנאַק געטון מיט דער צונג, אַז אַלץ איז בלאַט, און די מולכערס האָבן זיך גענומען טיילן אין פּאַרטיעס.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך נאָך אַלץ געדרייט אַהין און צוריק, אַרויסגעוואָרפן קלומבעס רויך, פאַרשטעלט די מענטשן, און דאָס סאָפּן האָט אָנגעפולט די שטילקייט, געשטערט די מולכערס זיך איינצוהערן, צי מען גייט.

— בלאַט? — האָט איינער געפרעגט.

– גיי ווייס, אַז דאָס רעוועט ווי אַ חזיר, — האָט דער צווייטער געוויזן אויפֿן לאָקאָמאָטיוו — אַ פייפער צו אַלדע יאָר!

– אַ הינטישע פרנסה, זאָג איך דיר!

– וואָס?

– גאָרנישט, הויב אַ פּאָלקע!

די מולכערס האָבן זיך צעשאָטן, זיך געשאַרט איבער די פאַרשנייטע פעלדער.

כתריאל איז אונטערגעקומען, זיך פאַרנויגט פאַר מרדכין, אָנגעהויבן האַלב-פּויליש, האַלב-יידיש:

– אפשר קאָן איך עפּעס טון פאַר אייך, פּאַניע? כ'זע דאָך, אַז „המן" האָט אייך צוריקגעשיקט... מיינט איר דאָך, אַז ער איז אַ דייטש? הויבט זיך נישט אָן! אַ פּאָליאַק! איר זעגט נישט די איינציקע. ער האָט נעכטן אויך צוריקגעשיקט דריי יונגע-לייט. און ווען נישט ר' בליאַש, וואָס האָט נישט געקאָנט צוזען דעם צער פון די דריי שגצים און זיי אַריבערגעפירט די גרענעץ, וואָלטן זיי זיך נאָך היינט דאָ געוואַלגערט... כ'ווייס... אפשר.

– וואו וואוינט ער, דער פּאַן בליאַש? – האָט מרדכי זיך געפרעגט.

– וואוינט אויף דער גרענעץ. די באַגומינער גיטער באַלאַנגען צו אים. אַז איר ווילט... איר זעט דעם וואָגן מיט זאַלץ ביי דער ראַמפּע? פאַר אַ האַלבן מאַרק וועט אייך דער בעל-עגלה מיטנעמען, ס'איז קנאַפּע צוויי וויאָרסט... נור זייט מיט אים, מיט בליאַשן, מיין איך, אָפן, זאָגט אים דעם אמת. ער קומט אַליין, דאַכט זיך, פון רוסיש-פּוילן, ער וועט אייך אַ טובה טון... יאָ — האָט דער הויכער כתריאל זיך צעשמייכלט מיטן ברייטן פנים — מען וועט טאַקע „פּאַניען" אַרויסטרייבן?

– מען טרייבט אים שוין.

– הלוואַי!

– און וואָס שמועסט מען ביי אַייך? – איז מרדכי געוואָרן נייגיריקער.

– די גוים מיינט איר? רעדן אויך מער ווי זיי טוען! אַ ביסל שטאָטישע, אַ ביסל פּריצים, דאָס אַלץ! דער עולם אָבער רירט זיך נישט!

– און יידן?

– יידן מישן זיך נישט – האָט כתריאל אָנגעהויבן רעדן שטילער – מען זאָגט, אַז בליאשס זון האַלט-אויס אַ גאַנצן פּולק, שלאָגט זיך ערגעץ

אַרום פּלאָצק, און משהלע באַרבירערס זון, וואָס האָט געלאָזט אָדער אין מרחק, האָט איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט זעקס קינדער און איז אַוועק מיט די „פּאָווסטאַנטשיקעס". אלאָ, וואָס דען? יאָ. די גרענעץ איז אָפן, מאַכט מען דערווייל דעם גראָשן... מען זאָגט, דער גערער רבי האַלט זיִיטן רוס...

– ווער, ר' איטשע מאיר?

– יאָ, ר' איטשע מאיר. כ'מיין, דער פאַן איז אויך אַ פּוילישער ייד

– יאָ

– פון אונזערע מקומות?

– ניין.

– פון וואַנען?

– אַזש פון פּלאָצק.

– און איר גייט טאַקע מיט אַן אמת?

– וואוהין?

– כ'מיין... אין דער „פּאָווסטאַניע"...

– יאָ.

– אַזוי...

אַן איבעררעשטער, האָט כתריאל פאַרשאַרצט דאָס היטל, מאָדנע אַ קוק געטון אויף מרדכין און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, צי ער האַלט עס פאַר אַ שטות, צי ס'קומט פון גרויס דרך-ארץ. ער האָט אַריינגעשטעקט מרדכין אַ האַנט.

– לאָז אייך גאָט העלפן, איר זאָלט בשלום צוריקקומען!

– אמן! – האָט מרדכי אַ צעוואַרעמטער געדריקט דעם יידס האַנט.

– ווער איז דאָס, אַ באַקאַנטער? — האָט ווירשביצקי זיך געפרעגט.

– ניין, סתם אַ ייד — האָט מרדכי געשמייכלט, איבערגעגעבן ווירזשביצקין דעם גאַנצן שמועס און אין קאָפּ ביי אים האָט זיך געפּלאָנטערט אַ שפּאַס.

קראַסנאָפּאָלסקי איז אַמאָל געגאַנגען מיט עטלעכע קאָלעגן איבער מאַרשאַלקאָווסקאַ. זיין פאָטער איז אים אַנטקעגן געקומען אין דער לאַנגער קאַפּאָטע און אים אָפּגעשטעלט. אַז די קאָלעגן האָבן אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ ייד האָט אים אָפּגעשטעלט, האָט ער געענטפערט, אַז זיין פאָטערס פאַכטער.

– מיר דאַרפן נישט פאָרן – האָט ווירזשביצקי זיך אָנגערופן –

איידער דער בעל-עגלה וועט זיך אַ ריר טון, וועלן מיר זיין ביי דעם פּאַן בילאַש...

— טאָ קום.

זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט אין אַ זייטיק געסל, וואָס איז געלאָפן צווישן צוויי פאַרשנייטע פעלדער. די לופט איז געווען קאַלט און בלוי. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס, ווי וועגן מיט משא וואָלטן זיך געשלעפּט איבער אים. אַרום און אַרום האָט זיך געשפּרייט אַ ווייסע וועלט. דער שניי האָט זיך געצויגן, ווי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט כאַפּן, און אין דער זייט, וואו דער ווינט האָט געבלאָזן, האָט ער זיך אויסגעגלייכט מיט די בוימער, מיט דעם נידריקן אָלשינעם וואַלד, צווייגן האָבן זיך קיין ריר נישט געטון, און אַז מען האָט אויף זיי לענגער געקוקט, זענען זיי צעשוואומען אין דער ווייטקייט. פון מאָל צו מאָל האָט די שטילקייט אויפגעציטערט מיטן קראקען פון קראָען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון וואַלד.

אין מיטן וועג איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ זקנה — הויט און ביינער. איר פּנים לענגלעך, פאַרשפּיצט, די נאָז פאַרשנאָבלט, זי האָט זיך אויסגעגלייכט, זיך איינגעקוקט אין די פאַרבייגייער און אַ קראַקע געטון:

— זאָל זיין געבענשט!

— אויף אימער און אייביק, באָבעשי!

— די אַלטיטשקע קראַקעט ווי אַ וואָראָנע — האָט ווירזשביצקי געזאָגט, ווען די זקנה איז פאַרבייגעגאַנגען.

— איז וואָס?

— אַ שלעכטער סימן.

— נאַרישקייטן, יוזשקו, פאַרקנעפּל בעסער דעם פּאַלטא, דער פראָסט בייסט.

— צו ליגן אַזאַ נאַכט אויפן פעלד און וואַרטן אויפן שונא — האָט ווירזשביצקי אין מיטן אָפּגעהאַקט און פאַרענדיקט מיט אַ פייף.

— נישט איין נאַכט, ברודערקע, וועט אויסקומען צו ליגן...

— כ׳וואָלט שוין געוואָלט האַלטן דערביי.

— וועסט האַלטן, וועסט האַלטן.

— הער, אַלטער — האָט ווירזשביצקי אים גענומען אונטערן אָרעם — מיט אַן אמת, דו ווייסט דאָך, אַז כ׳בין גרייט אַוועקצוגעבן צו יעדער

רגע מיין לעבן פאַר פוילן, וואָס זאָגסטו. איז פאַראַן כאָטש אַ האָפנונג, אַז מיר קאָנען געווינען?

— ס׳קאָן אַלץ מעגלעך זיין, יוזשקו. און ווען דו וואָלסט זיכער געווען, אַז עס איז נישטא קיין האָפנונג, אַז ס׳איז אַ שפיל פאַרן טייוול, ווי דער קאָמיסאַר האָט געזאָגט, וואָלסטו נישט געגאַנגען?

— כ׳וואָלט געגאַנגען.

באַרג-אַרויף האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ ריזיקע געביידע מיט פליגל. די געביידע איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון אַן אַלטן, פאַרשנייטן סאָד, וואָס האָט אויסגעזען שיטערער איבער די נאַקעטע צווייגן. פון הויף איז אָנגעפאָרן אַ געשניצטער שליטן, געשפאַנט אין אַ פּאָר גלאַנציקע פערד, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו הירזשען מיט זייערע צעפאַרעטע נאָז-לעכער. זיי האָבן געשיקט אויף אַ פריער מיט זייערע פאָדערשטע קאָפּיטעס צונויפגעקוועטשטע שטיקער שניי, געוואָרפן מיט די קעפּ, זיך געוואָלט באַפרייען פון די שטאָלענע צוימען, וואָס דער אָנטרייבער האָט איינגעצויגן מיט ביידע פויסטן.

אין שליטן זענען געזעסן צוויי דאַמען, אויסגעזען ווי אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער. די יונגערע האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר שוואַרצע, גרויסע אויגן אויף די פאַרביייגייערס. זיי זענען לעבעדיקער געוואָרן, זיך איבערגעקוקט און, אויפגעלייגטע, אַריינגעגאַנגען אין הויף.

אַן עלטערער ייד אין אַ קורץ פעלצל. אין אַ פּאָר געשטרייפטע סאַמעטענע הויזן, איז זיי אַנטקעגנגעריטן אויף אַ פערד:

— ווּעמען דאַרפט איר, פאַנאָוויע

— מיר דאַרפן דעם אייגנטימער.

— דעם אַלטן פאַן בליאַש?

— יאָ, פאַניע.

— מעג איך וויסן צו וואָס?

— ס׳טוט אונז לייד, פאַניע... ס׳איז אַ פּריוואַטע זאַך...

ווירזשביצקי האָט אַרויסגענומען זיין וויזיט-קאַרטע — ביטע — געוויזן אויף מרדכין — דאָס איז מיין קאָלעגע, פאַן אַלטער... זייט אַזוי גוט און גיט איבער דעם פאַן בליאַש אונזערע קאַרטן...

דער רייטער האָט אַ קוק געטון אויף מרדכין, ווי דער נאָמען וואָלט אים געווען באַקאַנט, און געוויזן מיט דער האַנט אויף זיך:

— וואָס קאָן בליאַש טון פאַר אייך?

— מיר זענען געקומען, פּאַניע בליאַש, צו אייך — האָט מרדכי זיך פאַרנויגט — מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז איר זענט אַ פּאָליאַק, זענען מיר געקומען נאָך אַן עצה... כ׳וועל זיין מיטן פּאַן אָפן — מיר פאָרן אָנטייל-נעמען אין אויפשטאַנד. פון דער „קאַמער״ האָט אונז דער קאָמיסאַר, אַליין אַ פּאָליאַק, צוריקגעשיקט. ער האָט רחמנות געהאַט אויף אונז, נישט געוואָלט, אומשולדיק בלוט זאָל פאַרגאָסן ווערן.

וואָס אמת — האָט מרדכי אַ שמייכל געטון — האָט ער מיר, דעם ייד, יאָ ערלויבט אַריבערצופאָרן די גרענעץ. מיין קאָלעגע, דעם קאַטאָליק, האָט ער צוריקגעשיקט. אויב מיר זאָלן אַפילו וועלן צוריקפאָרן, פּאַניע בליאַש, האָבן מיר קיין געלט נישט... זענען מיר געקומען...

— איר זענט דאָך אַוודאַי מיד, פּאַנאָוויע — איז בליאַש אַראָפּ פון זיין פערד, עס איבערגעגעבן אַ פּאַראָבעק — קומט אַריין, איר וועט זיך אַרומוואַשן, עסן מיט אונז מיטאָג און ס׳איבריקע וועל איך שוין באַזאָרגן.

מרדכי האָט באַמערקט, ווי ביי בליאַשן איבער די סאַמעטענע הויזן באָמבלט זיך אַ ציצה פון אַ טלית-קטן. דער אַלטער האָט אַ געשריי געטון:

— מאַגדא!

— אַ גויע איז אַרויס פון קיך און זיך פאַרנויגט פאַר איר פּאַן:

— כ׳בין דאָ.

— פיר אַריין די פּאַנעס אין דעם לינקען פליגל — און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו די פרעמדע. — אין אַ האַלבע שעה אַרום וועלן מיר עסן... נו, נו, קיין אויסרייד, צום ווידערזען.

קאַפּיטל 3

# דער „פּראַקטישער זלמן"

די שטימונג ביי מרדכין און ווירזשביצקין האָט זיך גלייך געביטן. זיי האָבן זיך איינגעוואַשן, אָפּגעבאַרשט די צעקנייטשטע קליידער און געוועזן פאַרטיק, מען זאָל זיי רופן צום מיטאָג. נאָך עטלעכע טעג זיך וואַלגערן אונטערוועגנס און נאָך דעם ברוך-הבא אויף דער גרענעץ, האָט בליאַשעס מענטשלעכע באַציהונג, זיי צענומען, געמאַכט פאַרגעסן, וואָס ס'איז געוועזן און זיי האָבן זיך געפילט אויפגעלייגט.

ווירזשביצקי האָט זיך צופייפט און מרדכי האָט געקוקט דורך דעם צעעפענטן לופטשיק אויף די אַלטע, נאַקעטע דעמבעס, וואָס האָבן מיט זייערע פאַרשנייטע צווייגן פאַרשטעלט די קי-און פערד-שטאַלן, זיך געטוליעט אָן די געמויערטע פליגלען, אַראָפּגעקוקט צו די צוויי קיילעכדיקע טורעמס, וואָס האָבן דערמאָנט אַ פעסטונג.

פון הויף, וואָס האָט זיך געצויגן הינטערן סאָד, האָט זיך געטראָגן אַ שטיל גערויש, ווי דאָס רוישן פון וואַסער אונטער אַ מיל-ראָד. ער האָט זיך איינגעהערט אַ ווײַלע, געוואָלט וויסן פון וואַנען דאָס גערויש קומט, די עטלעכע פויערים, וואָס האָבן געשאַרט דעם שניי פון דעם פאַרפרוירענעם טייכל, וואָס אַרום דעם שלאָס, האָבן צוגעצויגן מרדכיס אויפמערקזאַמקייט.

ער האָט געקוקט אויף די פלייציקע פויערים אין די שעפּסענע פעלצלעך אָן אַן אויבערשלאַק, אויף זייערע בערד, באַדעקט מיט פראָסט, פויערטעס מיט ליימענע „דוואָיאַקעס" עסן זענען אונטערגעקומען. די פויערים האָבן איינציקווייז אויפגעהערט צו אַרבעטן, זיך אָנגעשפּאַרט אָן די שפּאַדלעס, געקוקט אין הימל אַריין.

– שוין נאָך צוועלף.
– טאַקע נאָך צוועלף!
– טאָ פאַרוואָס קלינגט ער נישט?
– אברהמל?
– ער איז נאָך נישט פאַרטיק מיטן שעור.

מרדכי איז געבליבן שטיין, ווי פאַר אַ וואונדער, זיך געוואָלט קלאָר מאַכן, צי דאָס האָט ער טאַקע געהערט יידיש רעדן, צי ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט. ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, זיך איינגעקוקט, דערזען פאַר זיך יידישע פּנימער און ערגעץ הינטער אים האָט זיך געגומען עפּעס פלאָנטערן. אַ קעמערל האָט זיך געעפנט און פון הינטער אַ פאַרוואָלקנטן שלייער האָט אויפגעבליצט די פרייד, מיט וועלכער חסדאי אבן שפּרוט האָט געלייענט דעם בריף פון כאַזארישן קייזער יוסף. דער פאָדעם, וואָס האָט מרדכין ווייניקער ווי אַ רגע פאַרבינדן מיטן ווייטן פלאָנטער, האָט זיך איבערגעריסן און ער האָט ווידער דערזען די צעפלאַמטע פּויערים. ער האָט צוגערופן ווירזשביצקין

– וואָס זאָגסטו אויף די פּויערים?
– דאָס זענען דאָך יידן.

אַ גלאָק האָט זיך צעוויגט צווישן די דעמבעס, העכער, העכער, זיך מיט אַמאָל אָפּגעריסן. דער קלאַנג האָט זיך געוועדלט איבערן שלאָס און זיין ווידערקול איז לאַנג געשטאַנען אין דער קאַלטער לופט. דאָס גערויש, וואָס איז געקומען פון הויף, האָט אויפגעהערט. די שטילקייט איז געוואָרן בולטער, אַזש געזשומעט.

ווירזשביצקי האָט געוויזן מיט אַ פינגער:

– זעסט?

אַן עדה יידן אין שווערע סוברינענע קאַפּאָטעס האָבן זיך געשאַרט צווישן די דעמבעס און פאַרשוואונדן אין אַ נידריקע געביידע.

– וואָס טוען דאָ אַזוי פיל יידן? – האָט ווירזשביצקי געפרעגט.

ביים ערשטן קוק איז מרדכין איינגעפאַלן, אַז בליאַזש אָרגאַניזירט אַ יידישן פּולק, באַלד זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז אַ באַרישקייט. און זיך אַליין אויך געחידושט, וואָס טוען דאָ אַזוי פיל יידן.

די דינסט האָט אָנגעקלאַפּט און געעפנט די טיר:

– דער פּאַן בעט צום עסן!

— באַבקאָ — האָט מרדכי זי פאַרהאַלטן — וואָס פאַר אַ יידן זענען דאָס אויפן הויף?

די גויע האָט באַלד נישט געכאַפּט, וואָס מען פרעגט זי, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און זיך נאַריש צעשמייכלט:

— דאָס זענען דאָך, פּאַנאָוויע, פון דער טוך־פאַבריק — האָט זי געריבן אָן פאַרטוך די נאַסע, צעשפּאָלטענע פינגער פון קאַרטאָפל־שאָבן.

— דער פּאַן בליאַש האָט דען אַ טוך־פאַבריק?

— יאָ — איז זי געוואָרן דרייסטער און איז אַריין אין צימער — ס'איז, פּאַנאָוויע, עפּעס אָנצוקוקן! איבער דריי הונדערט „סטאַראָזאַקאָנניך" אַרבעטן דאָרט. איצט איז מיטאָג־צייט. גייען זיי עסן.

— און וואו וואוינען זיי?

— אַרום די גאָלומינער גיטער, פּאַניע, אין דזשיקאָוויץ, אין שידלאָווע... דער בעל הבית, דעם אַלטן פּאַן בליאַש מיין איך, דאָס איז דאָך אַ מלאך... וואָס ער קויפט אַ גיט, צעטיילט ער עס באַלד געמיינע לייט. אַזוי האָט ער שוין באַזעצט דריי דערפער — דזשיקאָוויץ, שידלאָווע, קאָכער, און אַז ביי איינעם פאַלט אַ בהמה — קויפט ער אַן אַנדערע... אַזעלכע פּאַנעס זעט מען נישט קיין סך... די גאָלומינער גיטער האָט דער פּאַן בליאַש אָפּגעקויפט פון די האַביעס אָלשינסקי, שטרענגע מענטשן געווען די אָלשינסקיס, געשמיסן פאַר אַ בילע־וואָס. דער אַלטער האַביע האָט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, אַראָפּגעבראַכט אַזאַ מאַשין, זי אַוועקגעשטעלט אויפן טורם און געקוקט מיט איר אין הימל אַריין... די פויערים פלעגן דערציילן, אַז דער האַביע האָט צו טון מיטן טייוול...

---

די גאָלומינער גיטער האָבן פון דור־דורות באַלאַנגט צו די מארגראַביעס אָלשינסקי. אין די צוואָנציקער האָט ווינצענטי אָלשינסקי, דער לעצטער פון דער משפחה, פאַרלאָזט וואַרשע און זיך באַזעצט אין גאָלומין מיט זיין זעכצן־יאָריקן אייניקל. וועטעראַנען, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אונטער אָלשינסקין אין די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות און וואָס האָבן זייערע לעצטע יאָרן פאַרבראַכט אין גאָלומין, ווער אָן אַ האַנט, ווער אָן אַ פוס, געלעבט מיט די גבורות פון אַמאָל, האָבן איבערגענומען דעם יונגן אָלשינסקי אין זייערע הענט, אים מדריך געווען לויט זייער שטייגער. אין דער ביבליאָטעק, וואו אָלשינסקיס פון זעקס הונדערט

יאָר צוריק זענען געווען אויסגעהאָנגען, אָראָפּגעקוקט פון ריזיקע מלחמה־בילדער, זענען זיך די וועטעראַנען צונויפגעקומען, אָנגעהויבן פון ווינצענטין, וואָס האָט זיך מיט זיינע טויזנטער זעלנער געשלאָגן אונטער סאָביעסקין.

זיי זענען געזעסן מיטן יונגן אָלשינסקי ביז שפּעט אין דער נאַכט, איבערגעגעבן דעם יחוס פון יעדן איינעם פון זיינע זיידעס. דאָס איז געווען אַ לעגענדע פון האַס, אַ זיידענער שנור, דורכגעווייקט מיט בלוט אַרום די העלזער פון טויזנטער מענטשן.

דער אַלטער אָלשינסקי האָט ביי זיך אין הויף קיינעם נישט אויפגענומען. ער האָט געזען ווי דאָס ריטערטום אין פּוילן גייט אונטער, די אויפגעקומענע שטאָט כאַמעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, אָפּגעשטופּט דעם אמתן שלאַכטשיץ אָן אַ זייט. און אַז כלאָפּיצקי איז צו אים געקומען מיט אַ דעפּוטאַציע, ער זאָל צושטיין צום אויפשטאַנד, האָט ער אים געלאָזט וויסן, אַז ביי די אָלשינסקיס אַ וואָרט איז נישט קיין אונטערוועש, וואָס זיי בייטן יעדן טאָג. ער האָט געגעבן ניקאָלאַיען אַ וואָרט, אַז ער וועט אים בלייבן געטריי, וועט ער עס האַלטן, מעג זיך אַפילו די וועלט איבערקערן. ער וועט נישט דערלאָזן דאָס פּעבל זאָל אים זאָגן דעות, אים פּענטען, פאַרלאַנגען, ער זאָל זיך מקריב זיין פאַרן המון... דערוויילן הייסט ער נאָך מארגראַביא אָלשינסקי, און אָלשינסקיס אַ וואָרט איז — אַ געזעץ!

די וועטעראַנען, ווער אָן אַ האַנט, ווער אָן אַ פוס, וואָס האָבן פון יאָרן געבאַלעבאַטעוועט אין גאָלומין, געהלומט פון אַמאָליקע צייטן, האָבן ביים ערשטן רוף פון אויפשטאַנד צעריסן דעם געשפּאַן און אַוועק אין די וועלדער אַריין. זיי האָבן געלאָזט וויסן דעם מארגראַביא, אַז זייער זעלנערישע ערע לאָזט זיי נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, ווען פּוילן איז אין געפאַר.

דיזעלבע וואָך נאָך האָט דער מארגראַביא זיך אָנגעטון אין אַן אוניפאָרם פון אַ פּוילישן גענעראַל און איז אָפּגעפאָרן מיטן אייניקל קיין פּעטערבורג. ער איז פריינדלעך אויפגענומען געוואָרן אין קייזערלעכן הויף.

נאָכדעם ווי דער שונא האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד און דער אַלטער אָלשינסקי האָט זיך געקליבן אַהיים, איז ער פּלוצלונג געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג. דאָס אייניקל איז געבליבן אין קייזערלעכן הויף. ווייטע יורשים האָבן איבערגענומען די גאָלומינער גיטער,

נישט געקאָנט אַרויס פון די חובות און זיי פאַרקויפט בליאַשן.

וואַרשעווער צייטונגען האָבן געקלאָגט, וואָס קיין פוילישע ריטערס וועלן שוין מער נישט שפּאַצירן צווישן די אַלטע דעמבעס, פויגל וועלן שוין נישט הערן דאָס געלעכטער פון די פוילישע טעכטער. די דעמבעס, וואָס האָבן געהאַט בירושה פון זייערע עלטער-זיידעס, אַז סאָביעסקי האָט דאָ געפייערט איירזאָפּעס זיג איבערן טערק, אָט די אַלטע פוילישע מצבות וועלן פרעמדע אויסהאַקן. די פויגל וועלן זיך צעפליען, דאָס געזאַנג וועט פאַרשטומט ווערן, אַ פרעמד גודערן וועט גרילצן אין די אויערן און אַ שכוו׳ער ריח פון „גאָרזשעלניעס" וועט דורכזאַפּן די הייליקע פוילישע ערד.

---

צו פינף און צוואַנציק יאָר איז בליאַש געוואָרן זעלבסטשטענדיק. זיין פאָטער ר׳ איסר האָט אים איבערגעלאָזט אַ גרויס פאַרמעגן. די משפּחה האָט זיך נישט געחדושט, וואָס דער פאַרחלומטער זלמן האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעהערט צו מישן אין די געשעפטן און זיך באַזעצט אין בערלין.

בליאַש האָט אין בערלין דערפילט דעם ווידערשפּרוך צווישן דעם „אָדם" און דעם „יהודי". דער „אָדם" אַנטוויקלט זיך געניסט פון לעבן איבער דער מאָס, ווען דער „יהודי", אַ געבונדענער אין רצועות, איז פאַרשפּאַרט אין שטוב אויף זיבן שלעסער, דעו׳ תהום וואַקסט פון טאָג צו טאָג, אַז מען וועט אים שוין באַלד נישט קאָנען איבערשפּרינגען.

ער האָט זיך געשלעפּט איבער בערלינער גאַסן, געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי אַרויס פון פּלאָנטער, איז אים מיט אַמאָל איינגעפאַלן, אַז אַ תושב הייסט דער, וואָס באַזיצט און באַאַרבעט דאָס שטיקל ערד, אויף וועלכן ער וואוינט.

גלייך ווי דער געדאַנק איז ביי אים רייף געוואָרן, האָט ער פאַרלאָזט בערלין, אָפּגעקויפט די גאָלומינער גיטער און אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אַז ער טיילט שטיקער ערד מיט אינוועטאַרס צו יידן, וואָס ווילן די ערד אַליין באַאַרבעטן.

פון אַרום און אַרום האָבן זיך אָפּגערופן משכילים, מתנגדים און צוויי דערפער זענען באַזעצט געוואָרן מיט יידישע פויערים. ביים אויסטיילן די ערד איז אויסגענומען געוואָרן, אַ פויער זאָל נישט פאָרן צו אַ רבי, נישט טראָגן קיין שטריימל און נישט קיין אַטלעסענע קאַפּאָטע. די ווייבער איז פאַרווערט געווען צו טראָגן צירונג און זיידענע

קליידער. און אַז אַ פויערטע האָט נישט געקאָנט בײַשטײן דעם נסיון און זיך געקויפט אַ גאָלדענע קייט, האָט מען זי געניית פון הויף צו פאַרקויפן די קייט און פאַר דעם געלט קויפן אַ קו אָדער אַ פערד. שפּעטער האָט ער אויפגעשטעלט די טוך-פאַבריק.

צומייסטן רייכע יידן האָבן געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ שטיק משוגענעם, אים גערופן „דער פּראַקטישער זלמן", און די, וואָס האָבן יאָ מיט אים געהאַלטן, האָבן אים אַזוי פיל העכער אַוועקגעשטעלט פון זיך, אַז ס'האָט זיי פאַרפעלט אָטעם אים נאָכצוטון. אַזוי איז ער געזעסן אָפּגעשלאָסן מיט זיין פאַמיליע אין גאָלומין, ווי אין אַ קליין מלוכהלע, זיך זעלטן צונויפגעקומען מיט די אַרומיקע פּריצים, אויסגעמיטן יידישע גבירים.

אין דער פריערער צייט האָט בליאַש זיך אָפּגעגעבן מיט פילאָזאָפיע, געגרינדעט צווישן די פויערים אַ חברה „מורה נבוכים". ער האָט מיט זיי געלערנט דריי מאָל אַ וואָך און בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן רמב"ם, אַז די מענטשן, וואָס שטייען מיטן נאַקן צום „מלכס פּאַלאַץ", דערווייטערן זיך פון אים — די מענטשן דאַרף מען עוקר מן השורש זיין.

---

אַז מרדכי מיט ווירזשביצקין זענען אַריין אין עס-צימער, האָבן שוין די צוויי דאַמען, וואָס זיי האָבן באַגעגנט אויפן וועג צום שלאָס, זיך געפּאָרעט ביים געגרייטן טיש. בליאַש האָט זיי פאָרגעשטעלט. זיי זענען אונטערגעגאַנגען, געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ, געוואַרט, די מוטער זאָל אויסשטעקן אַ האַנט. און אַז זיי זענען באַערט געוואָרן מיט אַ קליינער, דאַרער האַנט, האָבן זייערע בליקן זיך אָפּגערוט אויף דער טאָכטער מיטן מאַטן פּנים, וועמענס קוק איז געווען אי פאַרשייט, אי צנועהדיק.

די מוטער האָט אָנגעוויזן אויף צוויי ליידיקע שטולן:

— זיצט. אויב כ'האָב קיין טעות נישט, פּאַנאָווע, האָבן מיר אייך אָנגעטראָפן אויפן וועג?

— יאָ, מאַדאַם, — איז ווירזשביצקי געוואָרן ריידעוודיק, זיך דערפילט היימיש — איר זייט געפאָרן מיט אייער טאָכטער.

— מיר פאָרן זיך דורך יעדן טאָג פאַרן מיטאָג, — האָט די טאָכטער זיך אָנגערופן — מעג זיין ווי קאַלט.

די צעשטעלטע מאכלים האָבן געשטערט דעם שמועס. די מוטער

האָט געטיילט מאַרינירטע העכט. בליאַש האָט אָנגעגאָסן שנאַפּס, איבער־געקאָכט מיט נעגעלעך און בלעטער, וואָס האָט פאַרשמעקט דאָס צימער

— צום געזונט!

— צום געזונט, צום געזונט! — האָבן די געסט אים נאָכגעטון און מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס זיך גענומען צו די פיש.

מרדכי און ווירזשביצקי זענען געווען אויסגעהונגערט, געקייט גיך, דערפילט די אייגענע באַקן־ביינער. און אַז דער ערשטער הונגער איז פאַרביי, האָט זיך דער שמועס צעטיילט אין צווייען. די טאָכטער האָט גערעדט מיט ווירזשביצקין און מרדכי מיט בליאַשן. די מוטער, וואָס איז געווען פּאַרטון, געזען, די דינסט זאָל אַריינברענגען אין געריכט נאָכן צווייטן, האָט זיך איינגעהערט צו ביידע שמועסן. דאָ האָט זי אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, דאָרט — אַ שפּאַס, וואָס האָט נישט געפּאַסט צום ענין, און אין מיטן פאָרן זיך האָט זי נישט אויפגעהערט צו דערמאָנען מיט אַ זיפץ איר זון, וואָס האָט זיך געשלאָגן ערגעץ אין פלאָצקער גובערניע.

דער אַלטער בליאַש האָט יעדע ווײַלע אויסגעשטעקט די לינקע האַנט־פלאַך מיט צעעפנטע פינגער, ווי דאָס וואָלט געווען אַ לאַנד־קאַרטע. ער האָט געטייטלט מיט אַ פינגער, אָנגערופן דערפלעך, טייכלעך, וועלדער, געוואוסט, וואו פּויליש מיליטער געפינט זיך, געהאַט אויף דער צעעפנטער האַנט־פלאַך דעם גאַנצן אויפשטאַנד.

— מאָדלין האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין גענומען — האָט בליאַש זיך געבייזערט — נישט געבן דעם רוס אַ געלעגנהייט, ער זאָל זיך דאָרט באַפעסטיקן! ווען מיר פאַלן־אָן אויף מאָדלין באַלד אין אָנהויב און נעמען צו די זיבציק טויזנט ביקסן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַרסענאַל, וואָלט דער אויפשטאַנד געווען אַ געוואונענער! אפילו איצט איז נאָך צייט צו מאַכן אַן אַטאַקע אויף מאָדלין! פונקט דאָס? און אַז דאָס פּוילישע פאָלק גיט נישט קיין געלט אָנצופירן דעם אויפשטאַנד, וועגן דעם רייד איך איצט נישט! די אָנפירער אָבער האָבן געדאַרפט זען באַקומען געלט, און דאָס איז דאָך אַזוי לייכט געווען! פון פעטערבורג קיין ווארשע און צוריק האָט מען דאָך עטלעכע מאָל אין יאָר געשיקט מיליאָנען און געפירט האָבן דאָס געלט אַ צוויי, דריי זשאַנדאַרמען מיט אַן אָפיציר, האָט מען נישט געקאָנט אָפּשלאָגן אַזאַ וואָך? אַז דאָס גאַנצע ביסל ענערגיע האָבן די „ווייסע" אויסגענוצט צו באַזיגן די

„רויטע", און די „רויטע" — די „ווייסע". איצט, זעט איר, איז פֿאַראַן נור איין וועג — די פּאָליאַקן, וואָס וואוינען אין טיף-רוסלאַנד דאַרפֿן זען, דער רוסישער פֿויער זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דעם פּריץ, און אויב פּאָליאַקן וועלן דאָס אויסנוצן, בין איך זיכער, אַז עס וועלן אין רוסלאַנד אויסברעכן אומרוען און דאָס וועט שטערן די רעגירונג צו שיקן קיין פּוילן פֿריש מיליטער... דאָס קאָן מען נאָך טון אפֿילו איצט, און מען מוז עס טון!

די אַלע רייד זענען פֿאַר מרדכין נישט געווען קיין נייעס, נישט איינמאָל זיי געהערט אין פּאַריז. מיט דיזעלבע פּלענער האָט זיך אַ יונגער פּאָלאַק, דאָמבראָווסקי, אַרומגעטראָגן אין וואַרשע און קיינער האָט זיך צו אים ניט געוואָלט צוהערן. די זיכערקייט אָבער מיט וועלכער בּליאַש האָט גערעדט, די אַקצענטירונג, דאָס אַלץ האָט מרדכין אימפּאָנירט, געפֿילט, אַז ער וואָלט געקאָנט זיצן אַזוי אַ גאַנצן טאָג און זיך צוהערן צו בּליאַשס רייד.

מרדכי האָט געקוקט אויף זיין קלוג פּנים, אויפֿן צעאַקערטן שטערן, געקוקט אויפֿן „פּראַקטישן" בּליאַש, וואָס ווייסט נישט, אַז די אייזערנע וואַנט, מיט וועלכער ער פֿירט שטענדיק מלחמה, דיזעלבע וואַנט האַלט זיך אין איין אַרויסגליטשן פֿון צווישן זיינע הענט, ער איז זיכער, אַז ער האָט זי דורכגעבּראָכן, יאָגט זיך מיט אימפּעט נאָך אַ צווייטער וואַנט, ווען ס'איז אַלץ דיזעלבע.

בּליאַשס טאָכטער מיט ווירזשביצקין זענען אַריין אין אָפּענעם זאַל. ווירזשביצקי איז געשטאַנען ביים פּאָרטעפּיאַן. דאָס מויל אָפֿן, געזונגען אַן אַריע און די טאָכטער האָט אים אַקאָמפּאַנירט.

מרדכי האָט זיך איינגעהערט. בּליאַשס רייד האָבן איצט געקלונגען אַזוי אויסטערליש, זיך געפּלאָנטערט צווישן די פּיאַנאָ-קלאַנגען, איבער-געלאָזט איין רויען שטח נאָך דעם צווייטן.

די דערפֿער, באַזעצט מיט יידן, וואָס פֿירן אַ שטיל לעבן, ווייסן נישט פֿון האַנדל, דאַרפֿן כּמעט נישט אָנקומען צו דער שטאָט, אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי פֿרעמד, דערמאָנט די אסיים, וואָס האָבן עוסק געווען אין „קץ".

בּליאַש איז אַריבערגעוואַקסן זיין סביבה, געשטאַנען העכער פֿון די אַרומיקע פּריצים, און מרדכי האָט געזען אין אים איינעם פֿון די געלייטערטע יידן. ער האָט געקוקט אויף די אַלטע דעמבעס, וואָס

האָבן זיך געשפּיגלט אין טאָפּלטע שויבן, און זיך געכאַפּט, אַז דאָ האָט זיך אַלץ געביטן צום בעסערן.

הונדערטער יאָרן האָט געקיניגט דער מאַרגראַביאַ, געגלויבט, אַז דער המון, עקזיסטירט, ס'זאָל אים, דעם מאַרגראַביאַ, זיין באַקוועמער צו לעבן, געזען דערין דעם תּכלית פון מענטשלעכן מין. ער האָט געדריקט דעם המון, געבראָכן זיינע מנהגים און געזעצן. דעם מאַרגראַביאַס ערשאַפט האָט זיך געענדיקט, און ס'איז געקומען דער ייד, וואָס האָט געגליבט ובאמונה שלמה, אַז נור דורך דעם המון וועט ער ווערן אַן „אדם בפועל" אַ געלייטערטער, העכערער מענטש. און אַלץ וואָס איז גוט פאַרן המון און מאַכט אים דאָס לעבן באַקוועמער, מוז ממילא פאַר אים, פאַרן ייד, זיין אַ געזעץ.

---

אַז ס'איז פינסטער געוואָרן, איז פאַרן הויף פאַרפאָרן אַ שליטן, געשפּאַנט אין אַ פּאָר צעגאָווע פערד. עס האָט זיך געהערט אַ הירזשען.

— מיר וועלן זיך קלויבן אין וועג אַריין און טאַקע באַלד, — האָט בליאַש זיך אָנגערופן.

מרדכי און ווירזשביצקי האָבן מיט אַמאָל דערפילט, אַז זיי פאַרלאָזן דאָס הויז אויף שטענדיק. די פנימער פון די אַרומיקע זענען איצט געוואָרן ליבער און אַ בענקעניש, וואָס באַפאַלט אַזוי אָפט אַן איינזאַמען, ווען דער טאָג נעמט זיך זעצן, האָט זיי איצט אַרומגענומען. הענט האָבן זיך האַרציק געדריקט, אויגן האָבן געשטראַלט, געליטן, וואָס מען שיידט זיך.

ווירזשביצקי איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ געבויגענער פאַר בליאַשס טאָכטער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַנידערצוקניען פאַר איר.

אויף דער ווערענדע האָט געוואַרט דער אָנטרייבער מיט צוויי שאָפּענע פעלצן.

— פאַר אייך — האָט בליאַש געוויזן אויף די פוטערס - אין אַזעלכע פעלצן וועט אייך קיינער נישט חושד זיין.

זיי האָבן זיך איינגעוויקלט אין די פעלצן, אַריין אין שליטן, און בליאַש האָט צוגענומען די לייצעס ביים אָנטרייבער:

— בלייב דאָ, איך וועל מיט זיי פאָרן!

ער האָט אַ יאָג געטון די פערד, וואָס האָבן געשמיסן מיט די עקן, געשאָקלט מיט די קעפּ און געגאַנגען באַרג-אַרויף. דער שליטן

האָט זיך פֿאַרקירעוועט אויף אַ שמאָל שנייאיק וועגל, פֿאַרשטעלט דעם הויף.

אַ בענקעניש האָט מרדכין אַרומגענומען. ער האָט זיך געחדושט, וואָס בליאַש אַליין „שוואַרצט" זיי איבער די גרענעץ, וואָס דער טאָכטער איז אַזוי געגאַנגען אין לעבן, דער פֿאָטער זאָל מיט זיי מיטפֿאָרן.

דער הימל, אַ שווערער, איז געהאָנגען איבערן קאָפּ, זיך אַראָפּ־געלאָזט מיט זיינע גרויע אָנגעוואָרפֿענע שטיקער, פֿאַרשטעלט יעדע ווײַלע דעם בלייכן סערפּ, וואָס איז געשוואומען צווישן די שטיקער, אויסגעזען ווי אַן אָפּשיין פֿון אַ לבנה.

מרדכי האָט געוואָרפֿן אַ קוק אויף ווירזשביצקין, וואָס איז געזעסן פּונקט אַזוי פֿאַרלוירן, ווי ער.

אומזעבאַרע פֿעדעם האָבן זיך פֿון ערגעץ־וואו געצויגן — זיך געצויגן פֿון נאָנטע, פֿאַרצערטע הערצער, וואָס האָבן שטאַרק, זייער שטאַרק געבענקט, געליטן, וואָס מען האָט זיי צעשיידט, און אַז דאָס בענקעניש איז דערגאַנגען צו אַ פֿאַרשטיקט געוויין, איז גענוג געווען מען זאָל פֿאַרמאַכן די אויגן, זיך אַוועקלייגן אין אַ פֿינסטער ווינקל און די אומזעבאַרע פֿעדעם, וואָס שפּרייטן זיך איבער דער וועלט, הויבן אָן ציטערן פֿון בענקעניש, פֿאַרוואַרפֿן נעצן, דרינגען דורך שטיין און אייזן, ביז זיי וועקן אויף ס'האַרץ, נאָך וועלכן עס בענקט זיך.

די פֿערד זענען אַריין צווישן צוויי שטיקלעך וואַלד און זענען פֿאַרשלונגען געוואָרן אין פֿינסטערניש. פֿון ביידע זייטן וועג האָבן די ביימער מיט זייערע איינגעקאָרטשעטע צווייגן זיך צונויפֿגעגאָסן, געגלאָצט, ווי טיפֿעדישן. אַ קראָ האָט זיך צעשריען. נאָך איר אַ צווייטע, אַ דריטע און פֿון אַלע זייטן האָט זיך געטראָגן אַ געקראַקעריי. די פֿערד האָבן געהירזשעט, געוואָרפֿן מיט די קאָפּיטעס האַרטע שטיקלעך שניי און געפֿלויגן איבערן איינגעטראָטענעם וועג.

דער שליטן איז אַרויס פֿון וועלדל און באַרג־אַרויף האָבן זיך געצייכנט איבערן שניי די שוואַרצע פּאַסן פֿון שלאַגבוים.

— אָט איז די גרעניץ — האָט בליאַש שטיל געזאָגט.

ער האָט אָפּגעשטעלט די פֿערד, איז אַראָפּ פֿון שליטן, נישט גערעדט קיין וואָרט און פֿאַרשוואונדן צווישן קוסטעס.

מרדכי און ווירזשביצקי האָבן זיך איינגעטוליעט אין די פּעלצן און געשוויגן. זיי האָבן געקוקט אין דעם פֿינסטערן הימל אָן שטערן,

געטראָגן אין זיך די שרעק פאַר דער נאַכט, ווען מען גנבעט די גרענעץ און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער שליטן וועט קיינמאָל נישט אַרויס פון דעם חושך. ווירזשביצקי האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די אַרבל און גענומען ציען דורך די פאַרמאַכטע ציין אַ ניגון.

— פאַרמאַך ס׳מויל. — האָט אים מרדכי איינגערוימט אין אויער.

דער ניגון דורך די פאַרקוועטשטע ציין האָט שאַרפער געמאַכט די קעלט, געדיכטער די פינסטערניש און מיטגעבראַכט פון וועלדל אַ בולטע ליידיקייט. פון מאָל צו מאָל האָט זיך אַ קראָ צעשריען. איבערן שניי האָט זיך געשאַרט אַ שאָטן פון אַ מענטש. נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער און פון דערווייטנס האָבן זיך באַוויזן מענטשן, לאַנגע, דאַרע, אַרויסגעקומען פון וועלדל און זיך געלאָזט צום שליטן.

מרדכי האָט געוואוסט, אַז דאָס זענען בוימער, נישט קיין מענטשן, אַז ס׳איז נאַריש צו שרעקן זיך, ווי לאַנג ער פאָרט מיט בליאַשן, און פונדעסטוועגן האָט ער זיך טיפער אַריינגעזעצט אין שליטן, זיך געכאַפּט, אַז די פיס ביי ווירזשביצקין ציטערן.

בליאַש איז אָנגעקומען פון אַ זייט, אַרויף אויפן שליטן און אָנגעהויבן יאָגן די פערד. די פערד זענען לענגער געוואָרן, געשליידערט אין די אויגן אַריין שטעכיקע שנייעלעך, און איידער זיי האָבן צייט געהאַט אומצוקוקן זיך, האָט בליאַש אַזוי האַסטיק אָפּגעשטעלט די פערד, אַז די פּאַסאַזשירן זענען צוריקגעפאַלן און דערזען פאַר זיך אַ קרעטשמע.

— אָט זענען מיר אין עסטרייך! — האָט בליאַש אויסגעשריען — דאָ אין שענק וועט איר איבערנעכטיקן און מיטן טאָג צוגלייך פאָרט מיט דער גאָלומינער באַן קיין קראָקע. נו, בלייבט מיר געזונט און קומט בשלום אַריבער! אַ גוטע נאַכט!

די אָנגעקוואָלענע הערצער האָבן געטריפט מיט דאַנקבאַרקייט, געליטן, וואָס זיי ווערן אָן בליאַשן, און ביי יעדן אין האַרצן האָט זיך איינגעקריצט אַ חוב צו דעם מענטשן.

איידער וואָס ווען, זענען זיי ביידע געבליבן שטיין אין דער געדיכטער נאַכט, זיך איבערגעקוקט, ווי איינער וואָלט געהאַט פאַריבל אויפן צווייטן, וואָס זיי האָבן בליאַשן אָפּגעלאָזט. דער שליטן איז נישט געוואָרן, בלויז איבערגעלאָזט נאָך זיך צוויי פּאַסן. ווירזשביצקי האָט אַרומגעכאַפּט מרדכין:

— ברודער, מיר וואוינען דאָך צוזאַמען, כ׳מיין, יידן און פּאָליאַקן

וואוינען שוין הונדערטער יאָרן צוזאַמען און מיר קענען זיך נישט ! ווען מען דערציילט מיר אַזאַ פאַל, ווי עס האָט נור מיט אונז געטראָפן, דעם קאָפּ מיינעם גיב איך, אַז כ׳וואָלט נישט געגלויבט ! און זיין טאָכטער ? כ׳מיין בליאַשס טאָכטער, מען קאָן דאָך משוגע ווערן !

– ביזט שוין משוגע – האָט זיך מרדכי אַרויסגעדרייט פון זיינע הענט – וואָס פאַר אַ קושן זיך מיט אַמאָל ? און אַז בליאַשס טאָכטער געפעלט דיר, וואָס בין איך שולדיק ?

– ע, ברודער, נישט דאָס, נישט דאָס – האָט ווירזשביצקי פאַרשעמט געענטפערט – גיי צו אַלדע יאָר, מאַכטס אַלץ קאַליע ! קום בעסער אין שענק אַריין, וועלן מיר נעמען צו גלעזער ביר, קום !

קאַפּיטל 4

# אין קראָקע

אַז זיי זענען געקומען קיין קראָקע, איז נאָך געווען פינסטער. זיי האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אויפן וואָקזאַל, ביז עס וועט טאָג ווערן, דערנאָך צוגיין אויף יאַגעלאָנסקא גאַס, וואוהין זיי האָבן זיך געדאַרפט מעלדן.

זיי האָבן איבערגעביסן, ווירזשביצקי האָט זיך באַקוועם אַריינגעזעצט אין אַ טיפן, געבעטן שטול און גלייך איינגעדרימלט. מרדכין האָט נישט געשלעפערט. ער האָט געשפּרייזט איבערן ליידיקן וואָקזאַל, וואו אין איין ווינקל איז געשלאָפן אַן אָפיציר, אַרומגערינגלט מיט וואַליזקעס, און אין צווייטן ווינקל — ווירזשביצקי.

אַ דיקלעכע דאַמע מיט צוגעברוינטע באַקן האָט זיך פויל געצויגן פון הינטער אַ זודיקן סאַמאָוואַר. מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אויסגעזען, אַז ער וועט יעדע רגע איבערגיין אין אַ גענעץ, האָט זי איינגעטענהט מיט נאָך גאָר אַ יונגן בילעטן-פאַרקויפער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַ פענסטערל מיט שטאַכעטן.

מרדכי איז אַריין אין דריטן קלאַס. שטאָטישע גוים זענען געשטאַנען ביים טאָם-באַנק — ווער איבער אַ ביר, ווער איבער אַ שנאַפּס, גוטמוטיק געשמועסט. אין מיטן זאַל זענען פויערים געזעסן אויף זייערע געפּעק. טייל האָבן אַרויסגעגעסן פון צעעפנטע זעק, אַנדערע זענען געשלאָפן. עטלעכע יידן אין שווערע קאַפּאָטעס, אין פוטערס מיט אויסגעקראָכענע קעלנער, זענען געזעסן אין אַ ווינקל, אויסגעמיטן יעדן בליק און שטיל גערעדט צווישן זיך.

ס׳איז אָנגעקומען אַ צוג. ביים אַרויסגאַנג איז אויסגעוואָקסן אַ גוי, וואָס איז געווען אַזוי הויך און ברייט, אַז ער האָט כמעט פאַרשטעלט

דעם אַרויסגאַנג פון דער טיר. די מעשענע קנעפּ האָבן אַראָפּגעפינקלט פון דער בלויער קאַפּאָטע, די לאַנגע, פאַרדרייטע וואָנסן, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען ווי פאַרקערטע פראַגע-צייכנס, האָבן צוגעגעבן דעם פּנים עפּעס מערדערישעס. אַ גלייכגילטיקער, מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט איינער אַליין געווען אין וואָקזאַל, האָט ער מיט אַ טיפן באַס אויסגערופן אַלע סטאַציעס, וואָס דער צוג וועט דורכגיין.

ס'איז געוואָרן אַ געלויף. עולם איז געגאַנגען, געקומען און אין די אויסגעוועלבטע ווינקלען פון דעם הויכן וואָקזאַל איז נאָך לאַנג געשטאַנען דאָס סאַפּען פון דעם פאַרשוואונדענעם צוג, דאָס ווידער-קול פון די אויסגערעכנטע סטאַציעס.

אַ ייד מיט אַ פול זעקל אויף די פּלייצעס איז אַריינגעקומען, גענומען וואַרפן מיט די צעשראָקענע אויגן, ווי אַ האָז און געזוכט וואו זיך צוצוזעצן. אַ שייגעץ איז פאַרבייגעגאַנגען, אַזאַ דריי געטון מיט די עלנבויגן דאָס זעקל, אַז דער ייד האָט זיך שיער נישט איבערגעדרייט. דער ייד האָט עס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס, כלומרשט געשמייכלט און די איבערגעשראָקענע אויגן האָבן פון צופיל וואַרפן זיך נישט געזען די עטלעכע יידן, וואָס זענען געזעסן אין אַ ווינקל. דער שייגעץ האָט גענומען צוריקגיין מיט נאָך מער אימפּעט. מרדכי האָט אים פאַרלאָפן דעם וועג, געפרעגט דעם ייד:

— איר זוכט עמעצן?

דער פרעמדער האָט געזען, אַז ער האָט צו טון מיט אַ ייד, זענען די איבערגעשראָקענע אויגן ביי אים רוהיקער געוואָרן. ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ קרענקלעכן שמייכל:

— זוכן, זוכן איך קיינעם נישט. וועמען זאָל איך זוכן? נור אַז ס'קומט אויס צו וואַרטן צווישן גוים, בענקט זיך נאָך אַ ייד... מען פילט זיך זיכערער צווישן אייגענע... איר האָט דאָך געזען, ווי דער עשיו איז אויף מיר אָנגעפאַלן! ווי איך זע, פאַניע, זענט איר נישט קיין היגער?

— נישט קיין היגער.

— איר זענט אוודאי דאָ וועגן געשעפט

— יאָ.

דער ייד האָט אַ כאַפּ געטון אַ שפּיץ פונם אויסגעבויגענעם בערדל אין מויל אַריין, אים באַלד אַרויסגעלאָזט.

— כ׳מיין... ווען איר ווילט אַ יידן אַ טובה טון...

— ווער, איך?

— יאָ, פּאַניע, איר. איך דאַרף נויטיק זיין אין דערהיים, איבער־געלאָזט מיטן ווייב אַ קראַנק קינד, געמוזט פאָרן וועגן מסחר... און דאָ וויל נישט טאָג ווערן, ס׳וויל נישט און פּטור! וואָלט איך אייך זייער געוואָלט בעטן, פּאַניע, מיר אַ טובה טון... איר גייט גוייש אָנגעטון, אָן אַ באָרד... כ׳מיין...

— וואָס קאָן איך טון פאַר אייך?

— ווען איר ווילט צוגיין מיט מיר אַהיים... ס׳איז נישט ווייט...

מרדכי האָט נישט געכאַפּט, וואָס דער פרעמדער מיינט, געווען זיכער, אַז ער נעמט אים אָן פאַר אַ דאָקטאָר און זיך אָנגערופן:

— צו וואָס דאַרפט איר מיך?

— איר ווייסט גאָרנישט, אַז אַ ייד טאָר זיך נישט געפונען ביינאַכט אין קראָקע אַ חוץ אויפן קוזמאַרק? הערט אַ שכל פון גויישע קעפּ — קומען ביידערנאַכט מיט דער באַן מעג איך, אַהיים גיין מעג איך אויך, ס׳איז ערלויבט, אלא וואָס דען? די גאַסן, וואָס פירן פון באַנהויף ביז צום קוזמאַרק, טאָר איך ביינאַכט נישט דורכגיין... און דעם סוד פון „קפיצת הדרך״ ווייס איך נישט און איינשטעלן דאָס לעבן וויל איך נישט, מען קאָן טאַקע דערהרגעט ווערן, אויב מען גייט... איז מיר איינגעפאַלן, ווען איר ווילט אַזוי גוט זיין און מיך אונטערפירן, ס׳איז נישט ווייט, וואָלט איר געטון אַ גרויסע מצוה... מיט אייך וואָלט איך געווען זיכער... אַז מען גייט מיט אַ פּאָליאַק, טשעפּעט מען נישט...

— וואָס, יידן טאָרן טאַקע נישט וואוינען אין שטאָט?

— און איר ווייסט עס טאַקי נישט?

— אויב איר רעכנט, אַז כ׳קאָן אייך באַהילפיק זיין — טאָ קומט!

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון וואָקזאַל. ס׳איז נאָך געווען פינסטער. פון אַ טויער האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ נאַכט-וועכטער, פון היימלעכקייט וועגן עטלעכע קלאַפּ געטון מיטן שטעקן, זיי נאָכגעקוקט.

מרדכי האָט פאַרגעסן, וואו ער געפינט זיך, וואָס ער טוט דאָ. זיך דערזען אַ געטאָ-ייד, וואָס איילט זיך, שלייכט זיך אין דער פינסטער איבער ליידיקע גאַסן, גייט וועגן אַ דבר מצוה, ווי נישט איין ייד האָט זיך אַמאָל איינגעשטעלט דאָס לעבן, געגאַנגען ראַטעווען זיינע ברידער אין אַן עת צרה.

— וואוינט טאַקע נישט אין קראָקע קיין איין ייד?

— אין דער שטאָט?

— יאָ.

— קיין איינער, דאָס הייסט, רייכע יידן גיבן זיך אַן עצה, מען שמירט אונטער. ווי דען אַנדערש? און צוריק גערעדט, וואָס פאַר א ייד וועט דווקא וועלן וואוינען צווישן גוים, ווען ער קאָן וואוינען אויפן קוזמאַרק צווישן יידן?

די הייזער זענען געוואָרן שיטערער. דער מאָרגן אַ פרישער, אַ שטייפער האָט זיך געגאָסן פון פלאַמען, געבליבן הענגען אַזאַ פרעמדער, זיך אַרויסגעשיילט פון אַ ליידיקן חלל, וואָס האָט זיך פאַרטשעפעט אָן דער ווייסל.

— מיר זענען, ברוך השם, דורכגעקומען בשלום. — האָט דער ייד אָפּגעאָטעמט און געוויזן אויפן בריקל — מען קאָן נאָך אַפילו אויך כאַפּן אַ קלאַפּ, נור דאָרט איז זיכערער, פאָרט אין דער היים... איר האָט דאָך אַוודאי נאָך נישט געדאַוונט, כאַפּט אייך מיט, וועלן מיר צוזאַמען אָנבייסן...

אַ הילצערן בריקל האָט אָפּגעטיילט קראָקע פון קוזמאַרק.

מרדכי האָט זיך נישט איינגעהערט, ווי דער ייד דאַנקט אים, געקוקט אויף דער פאַרפרוירענער ווייסל, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין דעם רויטן באַגינען, געקוקט, ווי דאָס בריקל שאָקלט זיך אונטער דעם געבויגענעם ייד, און איבער די געלאַטעוועטע דעכער האָבן פאַר־שפּיצטע צלמים פון אַ געל־געפאַרבטן קאָשציאָל זיך געשניטן.

מרדכי האָט זיך געפילט שולדיק, וואָס ער דערווייטערט זיך פון צבור און זיך געלאָזט איבערן בריקל. די שמאָלע הייזלעך, די ענגע געסלעך האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן. דאָ און דאָרט איז פאַרביי־געלאָפן אַ ייד מיט אַ טלית־זאַק אונטערן אָרעם. שפּייז־געוועלבלעך האָבן זיך געעפנט. אויף אַ לאָדן פון אַ צעעפנט פענסטער איז געהאָנגען אַ בלעך מיט אַן אויסגעמאָלטן שטיוול און אונטער אים מיט גרויסע אותיות — מאיר אַברבנאל. דער נאָמען האָט געוואַרעמט, אַרויסגערופן דעם אַלטן אברבנאל, וואָס האָט נישט געוואָלט בלייבן אין קייזערלעכן הויף, געגאַנגען מיט די גולי־ספרד, און דער נאָמען איז מגולגל געוואָרן אַזש קיין קוזמאַרק.

מרדכי האָט אַריינגעקוקט צום שוסטער דורכן פענסטער.

אַ שווערער, באַוואָקסענער ייד איז געזעסן און געקלאַפּט שטיפטן אין אַ שטיוול אַריין. זיין לאַנגע באָרד האָט זיך געפלאָנטערט צווישן האַמער און שטיוול, און ער, מרדכי, וואו גייט ער? וואָס טוט ער דאָ אין קראָקע, ווען זיינע ברידער זיצן פאַרשפּאַרט אין שמאָלע, איינגע געסלעך, זענען נישט זיכער מיטן לעבן דורכצוגיין אַ גאַס?

קאַפּיטל 5

# אַרום וואַוועל

די חושים זענען בײַ מרדכין געוואָרן פאַרשאַרפט, אויפגעכאַפּט זאַכן, וואָס זענען גאָרנישט געווען בנמצא.

וואָס פאַראַ פּראַקטישע מענטשן זענען יידן, אַז וואו זיי זאָלן זיך נישט פאַרקלויבן, אַפילו אויף אַ תהום, קלאַפּן זיי פלעקער אין וואַסער אַריין און מיינען, אַז זיי פונדעווען זיך איין?

איבערן קוזמאַרק האָט זיך געריסן דער וואַוועל מיט זיינע טורעמס, הונדערטער יאָרן פוילישע קולטור אין שכנות מיט דער געטאָ, הענגט איבער איר ווי עפּעס פּרעמדס, האַלט די צונויפגעקוועטשטע הייזלעך אין שאָטן, אין פּחד.

פּוילישע קרוינען, וואָס יידן האָבן געשמידט, הייליקע בילדער פון איטאַליענישע עפּיגאָנען, פּוילישע מלכים — ווער מיטן ערשטן ווייב, ווער מיטן צווייטן, ווער מיט ביידע און קינדער זענען געלעגן אין געוועלבטע קעלערס, ווי אין גרויסע קייזערלעכע שלאָף־צימערן.

ס׳האָט בלויז געפעלט דאָס צאַפּלדיקע וואָרט, וואָס זאָל זיך אַוועקשטעלן קעגן די איינגעפאַלענע ישיבות און ווי לאַנג די פייערדיקע ווערטער פון אַ מיצקעוויטש, אַ נאָרוויד וועלן נישט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער שווערד, קאָנען יידן ווייטער קלאַפּן פלעקער אין וואַסער אַריין, און דער נס וועט אָנהאַלטן — דאָס מענטשלעכע וואָרט, גאָטס וואָרט, וועט זיך שטענדיק אַנטקעגנשטעלן דער שווערד.

אַזעלכע פלעקער שווימען נישט אַוועק, כאָטש קלאַפּ זיי אין אַ תהום און דער ריזיקער וואַוועל קאָן זיך נישט פאַרמעסטן מיטן איינגעפאַלענעם קוזמאַרק.

מעגן קומען באַרבאַרן פון אַלע פיר עקן, צוועקלאָזן דעם

וואַוועל מיט פייער. וואַנדע, קראַקוס וועלן ווייטער רוהיק שלאָפן אונטערן באַרג אַש, וואַרטן אויף אַ נאָרוויד, וואָס קיינער קאָן אים ביי פוילן נישט צונעמען, ער זאָל זיי מחיה מתים זיין.

ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען מרדכי האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. ער האָט זיך געפילט שולדיק, וואָסווירזשביצקי איז איינער אַליין געבליבן אויפן וואָקזאַל. געציילטע מענטשן האָבן זיך גערדרייט איבער די זאַלן, געגאַנגען מיט אַ יראת-הכבוד, זיך אָפּגעשטעלט פאַר יעדן בילד, פאַר יעדן האָלץ-שניט.

עסטרייכישע באַאַמטע זענען געשטאַנען אין די ווינקלען, נאָכגעקוקט דעם עולם. דער עסטרייכישער אָדלער האָט שטאָלץ אַראָפּגעקוקט פון איבערן אַריינגאַנג, פאַרנומען דעם פּלאַץ פון פוילישן.

דער שונא איז אַריין אין וואַוועל, דורכגעשטאָכן דעם ווייסן אָדלער, און די זין, די שיינע טעכטער קוקן, ווי דער אָדלער פאַרגייט אין בלוט.

דער שונא האָט אַריינגעשטעלט אין בית המקדש דעם רוימישן אָדלער. ס׳איז געווען שניט-צייט. ס׳פאָלק האָט געוואָרפן די שניידמעסערס, איבערגעלאָזט די תבואה אויפן פעלד, זיך געלאָזט אין די צענדליקער טויזנטער – מענער, פרויען, קינדער – געגאַנגען צום פּראָקוראָר, געבעטן, נישט צו פאַרשוועכן גאָטס הויז. ס׳פאָלק האָט באַלאַגערט דעם פּאַלאַץ טאָג און נאַכט. און אַז דער פּראָקוראָר האָט נישט געקאָנט פון זיי פטור ווערן, האָט ער אַרויסגעשיקט אַן אַרמיי מיט געצויגענע שווערדן, געסטראַשעט, אַז אויב זיי וועלן זיך נישט צעגיין, וועט מען זיי אויסהרגענען, נישט לאָזן קיין שריד.

איבער צוואָנציק טויזנט נאַקעטע העלזער האָבן זיך אַ צי געטון אַנטקעגן די געצויגענע שווערדן:

– אָדער נעם אַרויס דעם רוימישן אָדלער פון בית-המקדש, אָדער שחט אונז! מיט אַ פאַרבלוטיקט האַרץ קאָנען מיר נישט לעבן!

ווירזשביצקי מיט אַ באַוואַקסענעם יונגערמאַן זענען מרדכין אַנטקעגן געקומען:

– ווי קומסטו אַהער, יוזשקו?

– כ׳האָב באַגעגנט אויפן וואָקזאַל בוימפעלדן – איר קענט אייך נישט? דאָס איז מיינס אַ שול-קאָלעגע, באַקענט אייך. וואָס זאָגסטו, אַלטער, צום וואַוועל? אַז מען געפינט זיך דאָ, קאָן מען נישט זאָגן,

אַז פּוילן איז ערגעץ געבוירן געוואָרן הינטער אַ פּלויט, האָט קיין קולטור נישט.

— גערעכט, יוזשקו, גערעכט!

— אַלע מאַכן אַ ווען פון פּאַריזער פּאַנטעאָן. — האָט זיך בוימפּעלד אָנגערופן — ווי קומט ער צום וואָוועל? ווי אַן אויפגעקומענער שליאַכטשיץ צו אַן איינגעפּונדעוועטן פון דורות הראַביע.

— און אין „סמאָטשאַ יאַמאַ", אַלטער, ביזטו געווען? — האָט ווירזשביצקי געפרעגט.

בוימפּעלד איז אַריין אַלטערן אין די רייד, געקוקט פאַר זיך, אין חלל אַריין, ווי ער וואָלט גערעדט פאַר אַן עולם:

— ס'איז דאָך אַ זעלטנהייט, די „סמאָטשאַ יאַמאַ" מיין איך, ס'דער־נענטערט דעם מענטש צו מעשה בראשית. די רויע שטיינערנע געוועלבער פאַרכאַפּן דעם אָטעם, דערמאָנען דעם תוהו ובוהו, וואָס רינט מיט פייער. דאָס שוואַרצע פייער איז פאַרשטיינערט געוואָרן פון גאָטס שטים — זאָל זיין טריקעניש — געבליבן הענגען אַן אָפּגרונט איבער אַן אָפּגרונט און פון דער טיפעניש רייסן זיך צעקרימטע פנימער, פאַרגליווערטע גלידער, וואָס דאָס פּילקעפיקע פאַרזעעניש האָט געשלעפּט צו זיך, אין דער הייל אַריין.

— און היינט — האָט ווירזשביצקי געשמייכלט — קומען פאָרלעך אַהין ראָמאַנסירן.

אַ קלינגערייַ האָט אויפגעטרייסלט די ליפּט. ס'איז אָנגעפאָרן אַ גלח. פאַרבייגייער זענען געפאַלן אויף די קני אין שניי אַריין

בוימפּעלד האָט זיך אַ קער געטון מיטן אויסגעצערטן גוף, ווי ער וואָלט זיך געקליבן קניען, און ער האָט זיך איבערגעצלמט.

— כ'האָב געמיינט, איר זענט אַ ייד? — האָט מרדכי אַן איבערראַשטער זיך געפרעגט און באַלד חרטה געהאַט.

— כ'שטאַם פון יידן. — האָט ער שטאָלץ געענטפערט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף דער שאלה — כ'קען מיר אָבער נישט פאָרשטעלן פּוילן אָן קאַטאָליציזם. אַ ייד אַ פּאָליאַק איז אַן אבסורד. ביידע, סיי יידן, סיי פּאָליאַקן, זענען קולטורעל מיד, כמעט אומפּרוטבאַר. דאַרף מען זען, זיי זאָלן זיך צונויפמישן, ווי אין דער פראַנקיסטישער באַוועגונג. מען דאַרף פרישן בלוט, ס'זאָל באַשאַפן ווערן אַ נייער פּוילישער זשעני, וואָס זאָל איבערשטייגן די מיצקעוויטשעס, די סלאָוואַצקיס, וואָס די פראַנקיסטישע באַוועגונג האָט אַרויסגעבראַכט.

— זיי האָבן דען געשטאַמט פֿון יידן? — האָט מרדכי געעפֿנט אַ פּאָר אויגן.

— אי מיצקעוויטש, אי סלאָוואַצקי שטאַמען פֿון דער מוטערס צד פֿון יידן.

אַרום דעם וואָוועל האָבן זיך באַוויזן פּאָליציאַנטן אויף פערד. בוימפעלד האָט קרענקלעך געשמייכלט, שטומערהייט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט קיין חשק נישט אַריינצופאַלן אין עסטרייכישע הענט און, אַ געבויגענער, מיטן גאַנג פון אַ ישיבה־בחור, נישט געוואָרן.

— ווער איז ער?

— אַ געשמדטער.

— דאָס זע איך.

— טאָוויאַנסקיס אַ תּלמיד. כ׳האָב אים געטראָפֿן אין פּאַריז, וואו ער האָט געלייענט לעקציעס איבער קבלה.

— און וואָס טוט ער דאָ?

— ער אַגיטירט קעגן אויפשטאַנד.

ס׳אויג איז געפאַלן אויפן קוזמאַרק. די צעוויפגעוואָרפענע שטיבלעך, ווי חורבות האָבן געדריקט, זיך געלייגט מיט זייער משא אויף די פליגל, און דער גוף האָט דערפילט די האַרטקייט פון דער שטיינערנער ערד. ווער איז גערעכט?

די רייטערס אַרום וואָוועל האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי שורות, געזען, אַז דער וועג צום אָפענעם טויער זאָל זיין פריי. פּאָליציאַנטן מיט געצויגענע שווערדן האָבן געפירט אַ צוואָנציק יונגעלייט אין פוילישע מונדירן. די יונגעלייט, זעכצן־זיבצן־יאָריקע יונגלעך, ווער אָן אַ היטל, ווער אָן אַ מאַנטל, זענען געגאַנגען צו צוויי אין אַ שורה.

— ס׳איז דאָך אונזערע?

— אונזערע!

— וואו האָט מען זיי געכאַפּט?

— ווער ווייסט?

— הינטער מיעכאָוו.

— מען גייט זיי איינזעצן אין וואָוועל?

— מען גייט זיי שמייסן!

— וואָס ?

— וואָס איר הערט !

די טאַטעס, פֿאַרכמורעטע פּאָליאַקן, איבערגעשראָקענע יידן אין שטריימלעך, זענען נאָכגעגאַנגען מיט געבויגענע קעפּ, ווי נאָך אַ לויה. די רעגירונג האָט געלערנט די טאַטעס — געהייסן קוקן, ווי מען שמייסט שלעכטע קינדער, ווי מען דאַרף זיי אײַנברעכן פֿאַר גוטע בירגער.

די פּאָליציי האָט אײַנגעלאַדן דעם אַרומיקן עולם. דער המון האָט זיך גענומען רוקן אויף צוריק, און אין עטלעכע מינוט איז די גאַנצע געגנט געוואָרן פּוסט, ווי אויסגעשטאָרבן. פֿון היגטער־טויערן האָבן דאָ און דאָרט אַפּער געקוקט פּנימער, זיך פֿאָרזיכטיק אַרומגעקוקט, געטשטאַצעוועט אַ ווײַלע און זיך דורכגעשלײַכט צום וואַוועל.

ס׳האָרץ האָט געבלוטיקט. מרדכי האָט ניט געהערט, ווי ווירזשביצקי שילט, פֿאַרהילכט די קללות מיט די אייגענע טריט און פֿאַר די פֿאַרלאָפֿענע אויגן האָבן זיך געשאַרט יידישע יונגעלייט דורך דעם טיטוס־טויער. ווען איז דאָס געווען ? און צוליב וואָס גייט מען שמייסן יידישע יונגעלייט ? איבער די קני אין בלוט לויפֿט דער מענטש באַגעגענען דעם „באחרית־הימים”. וואָס פֿאַר אַ ישועה איז דאָס, ווען גאָט אַליין האָט נישט געקאָנט די יידן געבן ארץ־ישראל אָן מלחמה ? און אויב מען קאָן דעם „באחרית־הימים” אָן בלוט נישט דערגרייכן, טאָ ווער דאַרף אַזאַ ישועה

— וואו גייען מיר, אַלטער ?

— קום צוריק.

— וואָס איז דאָס, אַ שול ?

— אַן אַלטע שול.

די אײַזערנע טויערן זענען געווען אָפֿן. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ ייד און געדאַווענט. מען האָט געקאָנט ציילן די ווערטער, וואָס האָבן זיך געקויקלט אין דער קאַלטער שטילקייט פֿון דער שול. דער שמש איז געזעסן ביי אַ צעעפֿנטער באַנק און געציילט חלבנע ליכט.

אַ פֿרוי מיט צענומענע הענט, די עקן פֿון דער קאָלירטער פֿאַטשיילע צעפֿלויגן, ווי פֿליגל, איז האַסטיק אַריין אין שול, געשניטן צום אָרון־קודש.

די ליידיקע שול מיט די געשפּיצטע פֿענסטער זענען פֿול געוואָרן מיט יאָמער. די מאַמע האָט געקלאָגט אין צעעפֿנטען אָרון־קודש אַריין, גאָט זאָל שיקן איר קינד אַ רפֿואה שלמה.

דער שמש איז געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג מיט אַ געגנזענער פעדער. די יידענע האָט אים געשטעקט אַ מטבע און דער שמש האָט געשריבן אַ קוויטל.

קעגנאיבער דער שול האָט זיך געבליכט צווישן נאַקעטע בוימער אַ בית־עולמל. אין די שפּאַלטן פֿון דער מצבה, וואָס אויפֿן רמ״אס קבר, האָבן געשטעקט קוויטלעך.

מרדכי האָט דערציילט ווירזשביצקין, ווי מענטשן מיט שווערע געמיטער קומען אויפֿן רמ״אס קבר, רעדן זיך אָפּ די הערצער. ווירזשביצקי האָט געקוקט אויפֿן אַלטען בית־עולם, אויף דער שורה קברים, וואו דעם רמ״אס משפּחה איז געלעגן, און אָפּגעזיפֿצט:

— לאָמיר איבערלאָזן אַ קוויטל.

מרדכי האָט אים געגעבן זיין נאָטיץ־ביכל. ווירזשביצקי האָט געמאַכט אַ מגן דוד און גענומען שרייבן אין פּויליש:

— הייליקער רמ״א, איך, אַ קראַנקער דיכטער, פֿון אַ קראַנק אַריש פֿאָלק, בויג זיך פֿאַר דיר, בויג זיך פֿאַר דער שפּראַך, מיט וועלכער דו האָסט געלעבט און געטראַכט. די שפּראַך, מיט וועלכער מען דאַרף קיין פֿאַרמיטלער נישט, מען קאָן זיך גלייך מיט איר ווענדן צו גאָט. די גריכן, די רוימער אַלע האָבן געהאַט פֿאַרמיטלער. מיט העברעאיש האָט גאָט גערעדט צו די אָבות, צו די נביאים. באַמי זיך פֿאַר מיר! — כ׳גיי העלפֿן מיינע ברידער אַראָפּצוואַרפֿן דעם גלות. באַמי זיך פֿאַר אַן אָרעמען זינגער, הייליקער רמ״א, הייליקער רבי.

ער האָט אַנידערגעקניט פֿאַרן קבר, אַריינגעשטופּט ס׳קוויטל און אַ שטומער אַוועק מיט מרדכין.

# דער אויפשטאַנד

# דריטער טייל

# דער אויפשטאַנד

## קאַפּיטל 1

## הראַביע קאָמאַראָווסקי

דעם ערשטן מערץ נאָך מיטאָג איז אַ פּוריערישער שליטן מיט צוויי פּאַסאַזשירן דורכגעפאָרן די גרענעץ ביי באַדאַן. די פערד האָבן זיך געשלעפּט איבער זייטיקע וועגלעך, זיך אַרייַנגעדרייט אין אַ וואַלד און צו אָוונט-צו זיך אָפּגעשטעלט.

אַרום אַ וואַלד-שטיבל, באַשלאָגן מיט „אָבליאַדרעס" האָט זיך געטומלט. געזאָטלטע פערד זענען נישט איינגעשטאַנען, געוואָרפן מיט די פעדערשטע פיס איינגעקוועטשטע שטיקער שניי, געדרייט מיט די געצוימטע מאָרדעס. אַ האַלז איבער אַ פערדס האַלז. אַן אָגער האָט אַ ביס געטון אַ קאָבילע, און אַן אומגעהאַריש געלעכטער האָט זיך געקויקלט צווישן די בוימער, פאַרזונקען ערגעץ אין וויסטן פעלד, וואו דער נישט-גוטער רוט, און צוריקגעבראַכט שרעק און אומבאַהאָלפנקייט.

מענטשן זענען אָנגעקומען, אָפּגעפאָרן, געזען, דער טומל זאָל זיין וואָס קלענער און דאָס איינגעטראָטענע שניי-וועגל, וואָס האָט געפירט צום וואַלד-שטיבל, האָט זיך געבלייכט ווי אָקסידירט זילבער.

אין שטיבל ביי אַ קליין טישל איז געזעסן איבער אַ לאַנד-קאַרטע הראַביע קאָמאַראָווסקי. די קעלט האָט אים לאַנג נישט געלאָזט איינזיצן אויף אַן אָרט. ער האָט זיך פון מאָל צו מאָל אַהויב געטון פון טישל, געשפּרייזט אַהין און צוריק, און אַז די גלידער האָבן זיך אַ ביסל צעוואַרעמט, זענען די פינסטערע געדאַנקען געוואָרן ליכטיקער.

קאָמאַראָווסקי איז שוין דאָ געזעסן דריי וואָכן, צוגעשיקט רעקרוטן, וואָס האָבן פאָרמירט לאַנגעוויטשעס בייע אַרמיי.

ער איז געווען מיד. שוין וואָכן, ווי ער האָט געוואַכט צו אַכטצן, צוואַנציק שעה אין מעת-לעת, אַלץ געהאַט אויפן קאָפּ, זיך געערגערט, וואָס קיין זאַך איז נישט צוגעגרייט, און ווען ער וואָלט נישט געגלויבט, אַז ס'מוז אַ נס געשען און ס'וועט געשען, וואָלט ער שוין לאַנג אַנט-לאָפן פון וואַלד.

דער זעלנער אין קאָמאַראָווסקין האָט געזען דעם דורכפאַל פון דעם צוויי-און-צוואַנציקסטן יאַנואַר, געזען אין דעם דורכפאַל אַ שלעכט געפּלאַנטע דעמאָנסטראַציע.

הונדערטער פונקטן, ווי פּאָליאַקן האָבן געדאַרפט און האָבן אַטאַקירט די רוסן, זענען אין אַ רגע דורך פאַר זיינע אויגן, אומעטום דאָס זעלבע, אומעטום דאָסזעלבע. פאַרוואָרפענע שטעטלעך, דערפלעך. קיין שוואונג, קיין אויסגעאַרבעטער פּלאַן. יעדער איז געווען בעל הבית איבער זיינע זעלנער. איין פּלאַצק האָט עפּעס צוגעזאָגט — דאָרט איז דאָך געווען פּאַדלעווסקי — געוואָלט דורכפירן די גרויסע, פּוילישע אידעע. דערפאַר האָט מען אַנדערע וויכטיקע פונקטן אינגאַנצן פאַרזען.

די ערשטע נאַכט פון אויפשטאַנד איז ביי קאָמאַראָווסקין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקן אָדלער, וואָס וואַרפט מיטן גוף, שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות, ווען די פיס און די פליגל זענען געפּענטעט, באַוועגן זיך קוים.

וואָס מער קאָמאַראָווסקי האָט זיך צעוואַרעמט, איז דער זעלנער אין אים נישט געוואָרן, זיך מער נישט געפונען אין דעם ענגן קאַלטן וואַלד-שטיבל, פאַרגעסן, אַז ס'איז דער ערשטער מערץ, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן וועט ער אַריבער צו לאַנגוויטשן. פאַר די בלויע פאַרצויגענע אויגן האָט זיך געשפרייט אַ שטח איבער אַ שטח, מער נישט געלאַכט פון די הונדערטער בעלי-חלומות, וואָס האָבן גענומען אין באַטראַכט, אַז דעם צוויי און צוואַנציקסטן יאַנואַר וועט זיין אַ פינסטערע נאַכט, אַז די רוסישע אָפיצירן, וואָס סימפּאַטיזירן מיט פּוילן, וועלן אַרויסגעבן די זעלנער טויבע קוילן, ער האָט פאַרגעסן, אַז דאָס פּאָלק איז צעשפּרייט איבער דערפער, איבער שטעט, געווען זיכער, ווי טויזנט אַנדערע, אַז אַ דראַנג וועט שיסן, אַ קאָסע — אַטאַקירן, און אַ יעגער-ביקס — באָמבאַרדירען.

די אויסגעוויטאַקטע אידעע פון מיליאָנען פּאָליאַקן האָט אָפּגעשאַרט אַלע שוועריגקייטן, געוואַקסן אין אים, און דער אויסגעמאַטערטער

קאָמאַראָווסקי פֿון נישט-דערעסן, פֿון נישט-דערשלאָפֿן, איז געוואָרן יינגער. די בלויע אויגן, דאָס בלאָנדע בערדל, די געדיכטע ווייסע ציין — האָבן געוואַרעמט דאָס קאַלטע שטיבל

מען האָט אָנגעקלאַפּט.

אַן אויסגעניכטערטער איז ער ווידער געשטאַנען אין מיטן צימער, געהאַלטן די רעכטע האַנט אויפֿן פּיסטאָלעט, זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף די לעצטע פּאַרטיע אַרויסשיקן קיין גאָשטשי און אַ געשריי געטון:

— אַריין!

הראַביע קאָמאַראָווסקי האָט זיך צעקושט מיט מרדכין, מיט ווירזשביצקין, זיי האַרציק באַגריסט:

— ביטע, ביטע!

ער האָט גלייך אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש אַ פֿלאַש בראָנפֿן מיט וואורשט:

— דערוואַרעמט אייך, פּאַנאָוויע! געהאַט שוועריקייטן מיט דער גרענעץ?

— קיינע שוועריקייטן.

— מיר האָט קאַהאַנע געזאָגט, אַז איר דאַרפֿט קומען.

— וואו איז קאַהאַנע?

— ער איז אין גאָשטשי. מאָרגן מיט גאָטס הילף וועלן מיר אויך זיין דאָרט.

מרדכי האָט געטרונקען, פּאַרביסן מיט וואורשט, און אַז דער אָקעוויט האָט צעוואַרעמט זיינע גלידער, איז אים מיט אַמאָל געוואָרן אומהיימלעך.

דער טרויער איז געוואָרן שווערער, האָט אָפּגענומען ביי אים ס׳לשון, און וואָס שטאַרקער ער האָט געוואָלט דערגיין די סבה, אַלץ מטושטשער איז ביי אים געוואָרן אין מח.

אַ רייטער האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטערן פענסטער. באַלד איז אין דער טיר געשטאַנען אַן עלטערער מאַן אין אַ קאָנפעדעראַטקע, די וואָנסן פּאַרדרייט ווי פּייקעס און סאַלוטירט. דאָס פּנים איז ביי אים צעקרימט געווען פֿון פראָסט און די אויגן האָבן געטרערט.

— וואו זענען די „כלאָפּצעס“, סטאַך? — האָט קאָמאַראָווסקי געפרעגט.

— אַן אומגליק, פּאַניע פּולקאָווניקו, אַן אומגליק!
— וואָס איז?
— די גלחים ווילן נישט פאַרגעבן די זינד.
— וואָס? — האָבן זיך די בלויע אויגן ביים גראַף אַ צינד-אָן געטון.

מרדכי האָט אויפגעכאַפּט קאָמאַראָווסקיס אַ בליק, וואָס ער האָט ביז איצט נישט באַמערקט. אין מוח ביי אים איז פונם פּלאָנטער געוואָרן אַ שלייף, וואָס האָט זיך לייכט געעפנט, אין אַ רגע האָט אויפגעלויכטן אַן אייגן שטיק לעבן, זיך גלייך פאַרלאָשן און אין שאָטן האָט זיך געבלייכט פעליציע. וואו איז זי איצט?

געפרווירענע שטיקער האָבן זיך געטראָגן פאַר די אויגן, אָפּקלאַנגען ווייטע, פרעמדע זענען אָנגעלאָפן, איינגערוימט, אַז ס'איז אַ שפּיל פאַרן טייוול, אַז דער שונא שטייט פון אַלע זייטן, ס'געוועד אָנגעלאָדן.

מרדכי האָט איבערגעשריען די אָנגעלאָפענע קלאַנגען, זיי דערשטיקט מיטן אייגענעם בלוט, מיטן בלוט פון טויזנטער אַנדערע פּאָליאַקן, וואָס זענען געגאַנגען זיך מקריב זיין פאַר פּוילן.

ער האָט געליטן, וואָס ער גלויבט נישט אין זיינע אייגענע כּוחות, זיך געערגערט, וואָס די האַרטקייט אין אים ראַיעט אויף, זיך געשעמט פאַרן געדאַנק, וואָס האָט פאַרעקשנט געבעטן — ס'וועט נישט זיין אַפילו, ווער ס'זאָל אָנזאָגן טאַטע-מאַמע, וואו ער ליגט.

ער האָט אַ כאַפּ געטון די פלאַש, זי איבערגעדרייט מיטן האַלז אין מויל אַריין און צווישן דעם בול-בול, וואָס דער אָקעוויט האָט אויסגעקלאַפּט איבערן גרגרת, האָבן זיך געוויקלט דעם פּויערס ווערטער:

„— — — פּאַניע פּולקאָווניקו, ס'איז מיין שולד — — — אָט וואָס — די „כלאָפּצעס" האָבן זיך געבעטן ביי מיר, כ'זאָל זיי פירן אין קלויסטער, מיר גייען זיך שלאָגן — זאָגן זיי — קיינער ווייס נישט וועמנס מאָרגן ס'איז, ווילן מיר זיך מתודה זיין, מיר ווילן, די גלחים זאָלן פאַרגעבן די זינד.

— גוט, פיר זיי אין קלויסטער אַריין!
— כ'האָב זיי געפירט, פּאַניע פּולקאָווניקו.
— טאָ וואָס ווילסטו?
— די גלחים ווילן נישט פאַרגעבן די זינד.

— פאַרוואָס ?

— כ׳ווייס נישט. זיי טענהן, אַז אַן ערלעכער קאַטאָליק טאָר נישט גיין אין מלחמה אַריין.

— טאָ וואו זענען זיי געבליבן ? — האָבן די בלויע אויגן זיך אַצינד-אָן געטון ביי קאָמאַראָווסקין, ווי שוועבעלעך.

— זיי ווילן נישט אָפּטרעטן פון קלויסטער, טענהן, אַז אָן וידוי וועלן זיי נישט גיין.

— שיקט מיך, הראַביע — האָט ווירזשביצקי זיך אײַנגאַנצן געטרייסלט.

ער האָט נישט געוואַרט מען זאָל אים שיקן, אַ שלעפּ געטון נאָך זיך מרדכין און אַלע דריי זענען אַרויס פון וואַלד-שטיבל.

זיי זענען אַרויף אויף די פערד, און סטאַך האָט געפירט. ווירזשביצקי האָט נישט אויפגעהערט טאַפּן זיך ביים פּיסטאָלעט :

— דערשיסן וועל איך זיי ! דערשיסן ! אָפּווישן דעם קלויסטער פון דער ערד !

סטאַך איז געריטן אויף אַפּריער. זיך געהויבן אויף דער קאָבילע, פאַרלאָפן דעם וועג, געפייפט מיט דער נאָז, געדרייט די געפּרווירענע וואָנסן, וואָס זענען געקראָכן אין מויל אַריין. ס׳האָט אים נישט געלאָזט רוען, וואָס ער, אַן אולאַנער פון 1831, פאָרט מיט צוויי שנעקעס, און זיי מיינען אַוודאי, אַז ער איז עפּעס אַ שטאָטישער שוסטער.

ער איז אַריין מיטן פערד צווישן מרדכין און ווירזשביצקין און גלייך אויסגעשאָסן :

— דאָ גנבענען מיר זיך, באַפּאַלן דעם שונא פון הינטער אַ פּלויט, ווי מערדער — — — און וואָס פאַר אַ פּנים האָט אונזערס אַ זעלנער ? ווי דאָס גייט, ווי דאָס שטייט — — — מען נעמט אַרויס אַ פויער פון דער „באַבאַס״ בעט, מען גיט אים אַ קאָסע — גיי שלאָג זיך !

— און אין 1831 איז אַנדערש געווען ? — האָט מרדכי געשמייכלט.

— ע, פּאַניע, פּאַניע, מיר האָבן זיך געמאָסטן מיטן שונא, געגאַנגען אין מלחמה אַריין מיט געזאַנג — — — אונזערע מונדירן, אונזערע פערד — אַלץ האָט געשפּיגלט ! איצט שלעפּן מיר זיך איבער פעלדער, איבער וועלדער, ווי ציגיינער, און אויב מען צעזינגט זיך שוין יאָ אַמאָל, נעמט עס אָפּ ביים זעלנער הענט און פיס. אַמאָל איז געווען בעסער, פּאַנאָוויע, פריילעכער — — —

אין אַ זייט, צווישן נאַקעטע דעמבעס, האָט זיך געבלייכט דער

קלויסטער. הינטער אים האָבן זיך געצויגן געקאַלעכטע געביידעס, פאַרשפּיצטע צלמים פון דער קליינער קירך, וואָס זענען געווען באַצויגן מיט צעדריוולטן שניי, האָבן זיך געצייכנט אין דעם גרויען הימל.

דער המון, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, האָט געמאַכט פּלאַץ, דורכגעלאָזט די רייטערס.

ווירזשביצקי האָט איבערגעגעבן סטאַכן די פערד און איז מיט מרדכין פאַרשוואונדן אין דעם אייזערנעם טויער, וואָס אַרום דעם קלויסטער.

אין טונקעלן קלויסטער האָט זיך געטומלט. יונגע פויערים האָבן געקניט, געבעטן זיך ביי די איינגעשפּאַרטע גלחים, ביי די קלויסטער-ברידער, געקושט די לאַנגע קאַפּאָטעס און אַז ס׳האָט נישט געהאָלפן, האָבן אַנדערע געסטראַשעט:

– מיר וועלן פון דאָ נישט אַוועקגיין!

– מיר גייען זיך שלאָגן פאַר פוילן!

– פאַר אונזער לאַנד!

– מיר ווילן זיך מתודה זיין!

– לאָז דער קסיאָנדז האָבן רחמנות!

– כ׳האָב איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט קינדער!

– מען מוז אונז פאַרגעבן די זינד!

– מען מוז!

מרדכי האָט געקוקט אויף די אויסגעצערטע גלחים, אויף די באַלייבטע קלויסטער-ברידער מיט שמים-פּנימער, וואָס זענען געשטאַנען צווישן המון מיט פאַרגלאָצטע אויגן, געזאָגט מוסר און געהייסן די פויערים זיך פאַנאַנדערגיין.

ווירזשביצקי איז אַריין צווישן די גלחים ווי אַ רוח:

– וואָס טוט איר, טאַטעס? דאָס פוילישע פאָלק וועט אייך קיינמאָל נישט מוחל זיין, קיינמאָל נישט! ס׳איז אַ פאַרברעכן!

— הרגע נישט, איז איינע פון די עשרת-הדברות – האָט אַ הויכער אויסגעצערטער קלויסטער-ברודער, מיט גרויסע אויסגעהונגערטע אויגן זיך איבערגעצלמט.

פון אַלע זייטן האָבן קלויסטער-ברידער אונטערגעכאַפּט:

– הרגע נישט!

– הרגע נישט!

— הרגע נישט!

די צוויי ווערטער זענען געקומען פון די טונקעלסטע ווינקלען, זיך געוויגט איבער אַלעמענס קעפּ, ווי אַ שווערער גלאָק, און די קלויסטער־ברידער האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן די ווערטער, ווי אַ געהיימען צייכן, מיט וועלכן מען וויל זיך באַשיצן פאַר אַן אומגליק.

אַ קלויסטער־ברודער, אַ קליינער, אַ פעטער, מיט אַ גלאַט, מילכיק פּנים, האָט געהאַלטן די גראָבע פינגער אין דעם לויזן גאַרטל, געדרייט דעם קאָפּ פון איין „ברודער" צום צווייטן, זיך אַיינגעקוקט בשעתן ריידן מיט די קורצזיכטיקע אויגן אין יעדן קנייטש פון זייערע פּנימער, ווי אַן אַנטיקן־הענדלער באַטראַכט אַן אַלט בילד, און זיינע ווערטער, רונדיקע, זענען געפאַלן מיט געוויכט און זיכערקייט:

— וואָס האָבן מיר, גייסטלעכע, צו טון מיטן שטאַט? אויב ס'איז דאָ אַ האָפנונג, אַז קאַטאָליציזם זאָל ווערן אַ וועלט־רעליגיע און אַ וועלט־מאַכט, וועלן זיי מיט זייער פריי פּוילן צעשטערן די האָפנונג. טאָוויאַנסקי איז גערעכט, וואָס ער איז קעגן די היץ־קעפּ! וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ באַפרייט פּוילן צווישן אַזעלכע וועלף ווי רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך? איידער פּוילן וועט זיך שטעלן אויף די פיס, וועלן זיי עס ווידער צערייסן אויף שטיקער! אָ, אַרויסגיין אין נאָמען פון קאַטאָליציזם, דאָס פאַרשטיי איך! אַז איבער הונדערט מיליאָן רוסן וועלן ווערן קאַטאָליקן — אָבער אַז זיי האָט זיך דווקא פאַרוואָלט אַ פריי־פּוילן, ווילן ניט אַנדערש ווי דער כאַם זאָל רעגירן. — מיר, גייסטלעכע, מוזן און וועלן זיין דאַגעגן!

דער טומל איז געוואַקסן, און אין חלל איז געשטאַנען דער ריח פון ווייררויך, וואָס האָט געשמעקט מיט צעפאַלנקייט.

די אויגן ביי ווירזשביצקין האָבן געפלאַמט, די ווייסע ציין האָבן זיך געשוימט און מיט אַ צעקרימט פּנים, ווי ער וואָלט איבערגעלעבט יסורים, האָט ער נישט גערעדט, נור געשריען:

— אָבער אַז אַ פּאָליאַק גייט אין דער רוסישער אַרמיי, גייט הרגענען זיינע ברידער, פּאָליאַקן, שטראָפט איר אים נישט? איר פאַרגיט אים די זינד, האַ? וואָס פאַר אַ פּאָליאַקן זענט איר, וואָס פאַר אַ פּאַסטוכער? שעמען מעגט איר זיך, טאַטעס! איר ציטערט פאַר דער אייגענער פעל! איר ווילט נישט פאַרשטיין, אַז ווען ס'וועט נישט זיין קיין פּויליש פאָלק וועלן קיינע פּוילישע גלחים אויך נישט זיין! וואָס

שווייגט איר? פאַרגיט דעם אָרעמען פויער די זינד, לאָז ער זיך מתודה זיין!

— קיינער קאָן אונז נישט דיקטירן, וואָס מיר האָבן צו טון! — האָט אַ באָרוועסער „ברודער", הויט און ביינער, אַ הויב-געטון דעם צלם, וואָס האָט געהאָנגען אויף זיין ברוסט.

— קיינער האָט קיין רעכט נישט זיך צו מישן! — האָט זיך צווייטער אַרויסגערוקט.

— פאַרגעסט נישט, אַז איר זענט אין אַ קאָשציאָל! — האָט אַ דריטער זיך אַ שטעל-געטון, פאַרמאַכט אַ צעעפנט בוך, און אַ קלאַפּ-געטון מיט דער האַנט איבער די הילצערנע טאָוולען.

ביי די לעצטע ווערטער, האָט זיך הראַביע קאָמאַראָווסקי, וואָס איז נאָר-וואָס אָנגעקומען, אַ הויב-געטון איבער אַלעמענס קעפּ. דאָס פּנים לענגלעך, בלייך, די האָר צעשויבערט, דאָ און דאָרט צוגעקלעפּט צום נאָסן שטערן. ער האָט אַ צי-געטון די הענט צו די גלחים, געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע מיט פאַרווייטאָקטע אויגן און, ווי סאַוואָנאַראָלאַ, געשיט פעך און שוועבל:

— מיט פייער וועל איך אַוועקלאָזן דעם קלויסטער, איר הערט? מיט פייער! אויסגלייכן מיט דער ערד! וואָס שווייגט איר? פּאָליאַקן זענט איר? טאַטעס? כ׳וועל אייך פאַרברענען לעבעדיקערהייט!

די ווערטער, אויפריכטיקע, זענען געפאַלן אין דעם האַלב-פינסטערן קלויסטער מיט אַזאַ פּחד, אַז די גלחים, איבערגעשראָקענע, האָבן זיך גענומען איבערקוקן, זיך גערוקט צו זייטיקע טירן, זיך פאַרענטפערט:

— נישט אונזער שולד!

— וועמענס דען?

— דער אויפזעער האָט נישט געהייסן.

— וואו איז ער?

— ביי זיך!

גאָר אַ יונג „ברודערל" מיט גרויסע קינדערשע אויגן האָט געפירט קאָמאַראָווסקין אין דער שטיינערנער געביידע אַריין, וואָס איז געשטאַנען הינטער דעם קלויסטער.

— פון וואָס לעבט איר דאָ? — האָט ווירזשביצקי זיך געפרעגט ביים „ברודערל".

— פון נדבות.

— איר וואָלט בעסער אויסגעטון די קאַפּאָטעס און געהאָלפן פאַרטרייבן דעם מאָסקאַל — — —

ס'„ברודערל" האָט פאַרשעמט אַ הויב געטון די קינדערשע אויגן אויף ווירזשביציצקין און אומבאַהאָלפן זיי צוריק אַראָפּגעלאָזט.

— ס'איז דאָך טאַקע נישט געהערט געוואָרן — האָט קאָמאַראָווסקי נאָך אַלץ געזאָגט — פּוילישע גלחים — —

— אין דעם איז שולדיק דער קראָקעווער בישאָף — האָט דאָס „ברודערל" שטיל אַ זאָג געטון און זיך מיט חשד אַרומגעקוקט.

— וואָס האָט דער קראָקעווער בישאָף צו טון מיטן קלויסטער?

— ער איז פריער געווען אויפזעער איבערן קלויסטער — איז דאָס „ברודערל" געוואָרן רעדעוודיקער — זיך געחברט מיט פּאַשקעוויטשן.

מרדכי האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די קלויסטער-ברידער, וואָס האַלטן זיך אויף פון נדבות זאָלן לעבן אין אַזאַ רייכקייט.

איבער האָריקע דיוואַנען האָבן זיך געדרייט קלויסטער-ברידער מיט שטרענגע פּנימער, געקוקט קרום אויף די פרעמדע, וואָס האָבן געשטערט די רו. די בלאַנקנדע קאָכל-אויוונס האָבן געאָטעמט מיט היץ, געאיידלט די פולע באַקן, די פוכלע הענט. אין לייכטע געגאַרטלטע כאַלאַטן זענען די „ברידער" געזעסן איבער אַלטע, לאַטיינישע ביכער, געבוגן אין פאַרמעט, געבונדן אין האָלץ, זיך געשפּילט מיט די טראָלבן פון די גאַרטלען און זיך געמחט. אַנדערע זענען געזעסן מיט געגנזענע פעדערס, געמאַכט נאָטיצן, איבערגעשריבן. און אין די לאַנגע כאַלאַטן, אין די פולע ווייבערשע פּנימער, אין דער פוילקייט איז געווען עפּעס אָריענטאַלישעס, וואָס אין תוך דאַרף עס שטענדיק בלייבן פרעמד דעם סלאַוו.

די ברייטע צימערן מיט די גאָבעלינען אויף די ווענט מיט די אַלטע הייליקע בילדער, האָבן מער דערמאָנט אָן אַ מוזעאום, ווי אָן אַ קלויסטער. פון אַ ווייטן חדר האָבן זיך צעטראָגן אָרגל-קלאַנגען, לייכט געטרייסלט די שויבן און צעשוואומען אין די פאַלדן פון די כאַלאַטן, אין די האָריקע דיוואַנען.

ברידער מיט געבויגענע קעפּ האָבן זיך שטיל געשאַרט, אויסגעמיטן די פרעמדע, ווי אַ טמא-זאַך, זיך געסודעט און פאַרשוואונדן אין זייטיקע טירן.

— דער אויפזעער קען אייך ניט אויפנעמען — האָט דאָס יונגע „ברודערל" מיט די קינדערשע אויגן אַ פאַרלוירענער געמאָלדן — ער האָט אָבער געהייסן צולאָזן דאָס פויערים-פאָלק צו יידוי.

זיי האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

ווירזשביצקי האָט אָפּגעשטעלט קאָמאַראָווסקין, אים געוויזן אויף דער וואַנט. פאַשקעוויטשעס בילד איז געהאָנגען אין אַ שווערער ראַם. קאָמאַראָווסקי האָט זיך אויף אַ רגע נישט פאַרטראַכט, איז גלייך אַרויף אויף דער קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען אונטערן בילד, זיך נישט צוגעהערט צו די פּראָטעסטן פון די קלויסטער-ברידער און עס אַרויסגעשניטן פון דער ראַם מיט אַ קליין מעסערל.

— וואָס טוט איר, מענטשן?

— אַן אומגליק!

— מען וועט דאָך פאַרמאַכן דעם קלויסטער!

— אונז צעטרייבן אויף אַלע פיר עקן!

— שיקט אַריין דעם עבאַט! — האָט קאָמאַראָווסקי איבערגעשריגן די קלויסטער-ברידער.

— וואָס באַהאַלט ער זיך?

— מענטשן קומען אַריין אין אַ פרעמד הויז און בעל-הבתעווען ווי ביי זיך — האָט אַ „ברודער" זיך אַזש געטרייסלט פון כעס — פאַר אַזעלכע מענטשן דאַרף מען זיך באַהאַלטן!

— אויב דאָס איז אַ פרעמד הויז — האָט ווירזשביצקי געענטפערט — איז דער עבאַט מער קיין „טאַטע" נישט, אונזערער אַוודאי נישט!

קאָמאַראָווסקי, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער קאַנאַפּע, געהאַלטן פאַשקעוויטשעס בילד, איז אומערוואַרטעט אַראָפּגעשפרונגען, אַריין צווישן די קלויסטער-ברידער, אַז זיי האָבן זיך אַזש אָפּגערוקט. ער האָט אָנגעהויבן:

— איר ווייסט, ווען דער שונא האָט באַשאָסן דעם פּאַלאַץ, איז פּיוס דער נייַנטער נישט אַרויס מיטן צלם צו די דעבעלן, נישט געזאָגט הערט-אויף אין נאָמען פון גאָט! ווען ער וואָלט אַרויסגעקומען, וואָלטן די דעבעלן געוויס זיך אַראָפּגעלאָזט פאַר אים אויף די קני, און ווען פּיוס וואָלט אפילו געפאַלן פון זייערע קוילן, וואָלט ע ר אויפן פּלאַץ אויפגעשטאַנען תחית-המתים, געבליבן אַ הייליקער — — — און אַז פּיוס איז ניט אַרויסגעקומען, געלעגן באַהאַלטן אין אַ פינסטערער

קאַמער און געבליבן לעבן, איז וואָס ? פאַר אונז, קאַטאָליקן, איז ער געבליבן אַ טויטער !

קאָמאַראָווסקי האָט געקוקט אויף די איבערגעשראָקענע קלויסטער־ברידער, וואָס האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו צלמן. זיך געכאַפּט, אַז נישט דאָס האָט ער געדאַרפט זאָגן, אַז די מעשה מיט פּיוסן האָט אים אַ פריינט געשריבן פון רוים, אויפגעכאַפּט אין מרדכיס בליק אַ שמייכל און אַן אויסגעליידיקטער איז ער אַרויס מיט די באַגלייטער אויפן הויף.

אויפן וועג אַהיים האָבן די רייטערס געשוויגן, זיך געשעמט, ווי מען שעמט זיך מיט אַ גנב אין דער משפּחה און אויפן האַרץ איז געוואָרן שווער. ס'האָט זיך עפּעס נישט געגלויבט, אַז אין קלויסטער, אין קדשי־קדשים פון דעם פוילישן פאָלק, זאָל זיצן אַן אייגענער שונא.

קאַפּיטל 2

## אויף דער וואַך

פאַרנאַכט, ווען די פּאַרטיע, וואָס איז באַשטאַנען פון איבער צוויי הונדערט מענטשן, איז שוין גרייט געווען צו לאָזן זיך אין וועג אַריין, זענען פאַרפאָרן עטלעכע וועגעלעך מיט געווער, וואָס איז געווען פאַרגראָבן אין וואַלד.

— ווער איז באַקאַנט מיט בעלגישע ביקסן? — האָט קאָמאַראָווסקי אויסגעשריגן.

געציילטע מענטשן האָבן זיך געמאָלדן.

— עפּעס אַ קעסטל מיט ביקסן, נור גיך! מען דאַרף האָבן אַ וואַך אַרום די וועגעלעך מיט געווער.

איידער קאָמאַראָווסקי האָט נאָך געענדיקט, איז אַ קעסטל מיט ביקסן שוין געווען אָפן. ווירזשביצקי האָט געשאָלטן דעם בעלגיער ביז דעם זעקסטן דור אַריין. וואָס ער האָט גענומען אַ ביקס, זי געוואָלט צונויפשטעלן, האָט ער געמוזט זי צוריקלייגן. די רערן האָבן קיין לעכלעך נישט געהאַט, ס'האָבן געפעלט צינגלעך, נישט געווען קיין שרייפלעך צו פאַרפעסטיקן דאָס האָלץ.

— אַ הינטישע אמונה — האָט סטאַך געצויגן די לאַנגע וואָנסן — ווען איך באַקום דעם ייד, וואָס האָט אונז אָפּגענאַרט, וואָלט איך אים אויפן פלאַץ דאָ אויפגעהאָנגען.

מרדכי האָט זיך דערפילט באַליידיקט. האָט זיך קאַהאַנע נישט געערגערט, וואָס מען שיקט יאָקס, געטענהט, אַז מען דאַרף שטיין ביים פּאַקן? און דאָ קומט עפּעס אַ כאַם און לייגט די גאַנצע שולד

צוויפן ייד. די באַליידיקונג איז איבערגעגאַנגען אין אַ פאַראַכטונג צו זיך אַליין. וואָס טוט ער דאָ און וואָס פאַר אַ ייד איז ער? האָט געמעגט שטיין אַ פולע שטוב גוים, האָט זיין טאַטע אָנגעטון טלית און תפילין און זיך געשטעלט דאַוונען מיט דביקות. ער וואָלט דאָס אויך נישט געקאָנט טון! און ווער ווייס, וואוהין זיין פלינקער מוח וואָלט אים פאַרפירט, ווען ווירזשביצקי, וואָס האָט געהאַלטן אין אויספרובן די ביקסן, וואָלט זיך נישט אָנגערופן:

— נישט קיין ייד, סטאַך, נישט קיין ייד, דאָס האָט אונז צו ברודער, אַ קאַטאָליק, אָפּגענאַרט!

— וואָס נעמט עס אַזוי לאַנג? — האָט קאָמאַראָווסקי געפרעגט.

— מען האָט אונז אָפּגענאַרט, פאַניע פולקאָווניקו! קוקט — מען דאַרף עפנען נאָך אַ קעסטל!

— עפנט!

די וואַך אויף פערד מיט ביקסן אין די הענט איז געריטן אַרום די וועגעלעך מיט געווער און אַמוניציע. די פּאַרטיע האָט זיך גערירט.

ס'איז שוין געווען טונקל. פון וואַלד האָבן זיך אָנגערוקט גרויע שטיקער, זיך אַראָפּגעלאָזט נידריק, געבליבן הענגען. אַ פייכטע קעלט האָט אַ בלאָז געטון און ס'איז מיט אַמאָל פינסטער געוואָרן. פאַר די אויגן האָט זיך געעפנט אַ חלל פון אַ שמאָלן אויסגעהאַקטן פאַס וואַלד, געגלאָצט מיט דער אומהיימלעכקייט פון אַ לאַנגען געוועלבטן קעלער. און דאָ, וואו דער פאַס וואַלד איז ברייטער געוואָרן, האָט די בלייכקייט פון די פאַרשנייטע פעלדער זיך פון מאָל צו מאָל דורכגעריסן צווישן די ביימער.

איינער פון דער פּאַרטיע האָט אויפגעכאַפּט אַ ניגון. מען האָט אים באַלד איינגעשטילט. די פויערים זענען געגאַנגען אין ברייטע שורות, און אין דעם הילך פון זייערע טריט האָבן זיך געהערט דאָס סקריפּן פון רעדער, דאָס קנעטן פון פערדישע קאָפּיטעס. ערגעץ האָט אַ הירש זיך צעשריען, פאַרבענקט, מיט עקשנות, און אַז ער האָט אָפּגעריסן, איז דאָס בענקעניש לאַנג געבליבן אין דערנאַכט.

דער פאַס וואַלד איז געוואָרן שיטערער, געשניטן צו אַ וועג. די פערד זענען אַרויס פון וואַלד, זיך אַ צי געטון, אויפגעשטעלט

י אויערן און זיך איינגעהערט. באַלד האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געגומען שמעקן.

דער שני פון די פעלדער איז אַ פאַל געטון אין די אויגן, געצייכנט אַ רייטער אין גרויען.

דער ווינט איז דאָ געווען בייסיקער, זיך געפּלאָנטערט מיט אַ קרעכץ צווישן די נאַקעטע ביימער, און די פעלדער, גרויע, שוואַרצע זענען פאַרלאָפן דעם וועג.

די פערד האָבן זיך צעהירזשעט.

— ווער רייט?

— ס'איז אַ קלויסטער־ברודער.

— יאָ, אַ קלויסטער־ברודער.

אויף אַ קליין פערדל איז געזעסן אַ קלויסטער־ברודער, געהאַלטן אַ צוויי־רעריקע ביקס איןביידע הענט, ווי אַ פרומער קאַטאָליק האַלט אַ הייליקע פאַלמע.

— וואוהין? — האָט אים די וואַך אָפּגעשטעלט אַ פּיפּציק טריט פון דער פאַרטיע.

— ברידער קריסטן, פירט מיך צו אייער עלטסטן!

קאָמאַראָווסקי איז צוגעריטן, דערקענט דעם יונגן קלויסטער־ברודער מיט די קינדישע אויגן:

— וואָס וועט דער קלויסטער־ברודער זאָגן נייעס?

— כ'וויל בלייבן מיט אייך.

— ווערן אַ זעלנער?

— יאָ, פאַניע.

— און אין קלויסטער ווייסט מען עס?

— ניין. כ'בין אַנטלאָפן. כ'האַלט, אַז ס'איז אַ חרפה צו זיצן איבער לאַטיינישע ביכער, ווען פוילן גייט פאַרטרייבן דעם שונא. — האָבן די קינדישע אויגן ביי אים געפינקלט — מיר, גייסטלעכע, וואָלטן געדאַרפט גיין די ערשטע און אפשר נישט מיט דער ביקס, נאָר מיטן צלם.

דער קלויסטער־ברודער, וואָס האָט געגלויבט, אַז ער טאָר נישט האָבן קיין מיינונג, דאַרף בלינד פאָלגן, וואָס דער עלטסטער הייסט אים, האָט זיך מיט אַמאָל דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע רייד, געזעסן אַ פאַרלוירענער אויפן פערדל, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט

געשטאַנען פאַרן עבאַט און אין זיין בליק איז געווען די שרעק פון אַ שילער, וואָס פאַלט־דורך אַן עקזאַמען. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיט דער ביקס און אָנגעהויבן שטאַמלען:

— די ביקס האָט זיך געוואַלגערט אין קלויסטער — — — איר האָט דאָך נישט קיין סך ביקסן, האָב איך זי מיטגענומען — — — נור איין זאַך וועל איך אייך בעטן — ערלויבט מיר צו טראָגן מיינע קליידער — — —

— געוויס וועט מען אייך ערלויבן צו טראָגן אייערע קליידער — האָט קאַמאַראָווסקי אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן קלויסטער־ברודערס פלייצעס, אים אַרויסגענומען פון פאַרלעגנהייט — מיר דאַרפן וואָס מער גלחים און ווען מיר וועלן האָבן די גלחים מיט זיך, וועט דאָס פויערים־פאָלק אויך גיין!

די פויערים זענען געווען גערירט. די באַהאַלטענע שרעק פאַר דער פינסטערער נאַכט, וואו פאַר די אויגן שאַרן זיך שאָטנס און דער שונא, אַ פרעמדער, וועמנס פנים קיינער שטעלט זיך ניט פאָר, קאָן דיך יעדע רגע באַפאַלן — די שרעק איז נישט געוואָרן. זיי האָבן אַריינגענומען דעם קלויסטער־ברודער אין דער מיט, געקוקט אויפן יונגן פנים, אויף די קינדישע אויגן, ווי ער זיצט אויפן קליינעם פערדל, ווי אַ מענטש פון אַן אַנדער וועלט, און קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי ס'איז גוט פינסטער געוואָרן. קיין לבנה, קיין שטערן, און ווען נישט דער גרוילעכער שניי, וואָלט איינער דעם צווייטנס פנים נישט דערקענט.

אַ פאַכטקייט איז געשטאַנען אין דער לופט, געקרעלט אין האַלז. פון מאָל צו מאָל האָט אַ פערד זיך צעהירזשעט. מען איז געגאַנגען אַ שעה, צוויי, זיך געהאַלטן ביים וואַלד, אַז אין פאַל, דער שונא וועט זיי איבערפאַלן, זאָל מען זיך קאָנען באַהאַלטן צווישן די בוימער.

הויכע סאָסנעס, נאַקעטע, פאַרשנייטע, זענען געשטאַנען ווי געמאָלענע, זיך געהויבן פון צווישן די געדיכטע יאַלאָווע בוימלעך. די בוימלעך האָבן זיך קוים אַרויסגעזען פון דעם אָנגעטראָגענעם שניי, וואָס איז געלעגן צווישן די בוימער, ווי פריש אָנגעשאָטענע קברים.

מרדכי האָט זיך געכאַפּט, אַז קאָמאַראָווסקי רייט נעבן אים.

קאָמאַראָווסקי האָט געלאָזט זיין פערד גיין טריט ביי טריט און זיך אָנגערופן:

— איר ווייסט, אַלטער, אַז פאַן שטראַל איז געשטאָרבן?

— ווען? — האָט מרדכי כמעט אַ גלייכגילטיקער געפרעגט

— שוין באַלד אַ האַלב יאָר.

— און וואו איז מאַדאַם שטראַל?

— זי איז אין קראָקע ביי אַ שוועסטער.

זיי האָבן געשוויגן. די פלאַכטעס שניי האָבן שווערער געמאַכט די שטילקייט, איינגערוימט, אַז דער טויט לויערט הינטער יעדן בוים. און די נאַכט, אַ שוואַרצע, איז פאַרלאָפן דעם וועג, איינגעשלאָסן דעם מענטש אין אַ שטח פון צוויי איילן.

מרדכין האָט מיט אַמאָל פאַרפעלט אָטעם, ווי צווישן אים און קאָמאַראָווסקין וואָלט קיין לופט נישט געווען. ער האָט פון דער זייט אַ קוק געטון אויף אים, אויף דעם מידן, אויסגעצערטן פנים, נישט געגלויבט, אַז דאָס איז ער, קאָמאַראָווסקי, מיט וועמען ער פלעגט זיך טרעפן ביי שטראַלן. שטראַל איז מער נישטאָ. און פעליציע? מרדכי האָט פאַרעקשנט געקוקט אין דער פינסטערניש, וואו קאָמאַראָווסקי איז בור-וואָס געווען, זיך געחדושט, פאַרוואָס ער זעט אים נישט, הערט בלויז ווי דאָס פערד טינקט די קאָפּיטעס אין דעם ווייכן שניי. דאָס פערד האָט זיך אַרוק געטון אויף צוריק, זיך געשטעלט אַן איבערגעשראָקנס אויף די הינטערשטע פיס, זיך געדרייט אין אַ זיג-זאַג, און זיך פאַרבייגעטראָגן נעבן מרדכין מיט אַזאַ אימפעט און אַזוי נאָענט, אַז ער האָט דערפילט אַ ברי איבערן גאַנצן לייב, ווי מיטן אַנטלויפן וואָלט קאָמאַראָווסקי עפּעס פון אים מיטגעריסן, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום שטח, וואָס האָט אָפּגעטיילט איינעם פון צווייטן.

האָט ער זיך אָפּגעשטעלט?

אַ שטום בענקעניש האָט זיך געטראָגן פון די פליכעוואַטע פעלדער זיך געפּלאָנטערט צווישן די ביימער, געוואָרן איינס מיט דער פינסטערניש, וואָס האָט אַרומגענומען הימל און ערד, און געטריבן דעם מענטש ווי מיט בייטשן.

האָט ער געוויינט?

אַ באַליידיקטער איז דער מענטש געלאָפן פון שטאָט, געלאָפן פון דאָרף, זיך געטוליעט צו דער פינסטערניש און געוויינט, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד

די פּאַרטיע האָט זיך אָפּגעשטעלט. איינער האָט געפרעגט ביים אַנדערן:

— וואָס איז?

— ווער?

— דער שונא?

מען האָט אָפּגעשטעלט אַ שליטן, וואו אַ פּויער אין אַ שעפּס-פּעלצל אָן אַן אויבערשלאַק האָט אָנגעטריבן. אין שליטן איז געזעסן אַ יונגע, רויטע מויד, אַ פּנים — זיין טאָכטער, אַלע אַרום דעם שליטן האָבן געשמייכלט צו דער מויד, זיך געוואַרעמט מיטן בליק, און די מויד, אַ פאַרלוירענע, האָט געפינטלט מיט די אויגן, ווי אַן איבערגעשראָקענער האָז.

— וואוהין פאָרט איר? — האָט קאָמאַראָווסקי געפרעגט.

— אַהיים, פּאַניע נאַטשעלניקו.

— וואו וואוינט איר?

— אויפן „גרונד" וואוינען מיר, עס וועט זיין אַ מייל פון דאַנען, פּאַניע נאַטשעלניקו.

— האָט איר קיינעם אויפן וועג נישט באַגעגנט?

— איר זענט דאָך אונזערע — האָט דער פּויער פאַרדעכטיק זיך אַרומגעקוקט — וועלן מיר זאָגן. ביי דער מיל האָבן אונז „מאָסקאַלעס" אָפּגעשטעלט, געזוכט געווער.

— וויפיל זענען זיי געווען?

— געווען, פּאַניע נאַטשעלניקו, אַ צען זעלנער. שפּעטער, אַז מיר האָבן זיך פאַרנומען רעכטס, האָט מען געזען, ווי זיי שיטן זיך אַרויס פון וואַלד ווי מאָן.

ווען דער שליטן איז פאַרשוואונדן, און קאָמאַראָווסקי האָט געהייסן פאַרקירעווען אין וואַלד אַריין, האָט דער עולם נאָך אַלץ זיך געוויצלט, געווען אויפגעלייגט, וואָס אַפילו אין אַזאַ העק זענען פאַראַן שיינע, געזונטע ווייבער.

עטלעכע הונדערט פיס פון דער פּאַרטיע האָט מען צעשטעלט „פּיקעטן". מרדכין מיט אַ יונגן פּויער איז אויסגעקומען צו בלייבן אין פעלד.

ביסלעכווייז זענען די טריט נישט געוואָרען. די פּאַרטיע האָט זיך צעלייגט אין וואַלד אַרום די וועגן מיט אַמוניציע, און די שטילקייט, אַ שווערע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די פעלדער.

מרדכי מיטן פויער זענען געשטאַנען ביי אַ בוים, געקוקט איןביידע זייטן וועג.

אין דער לופט האָט אַ שפּריץ געטון אַ רעגנדל, געשמיסן די בוימער מיטן קלימפּער פון גלאָז און אונטער די פיס איז געוואָרן גליטשיק.

פון דער צווייטער זייט וואַלד, פון וואַנען דער שונא האָט געדאַרפט אָנקומען, האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשטיקט וואָיען. דאָס וואָיען האָט זיך דערנענטערט, איז זיך פאַרגאַנגען מיט אַ פּחד, זיך מיט אַמאָל אָפּגעריסן, און דער אָפּקלאַנג האָט געציטערט אין דעם נאַסן חלל.

— אַ וואָלף וואָיעט — האָט דער פויער זיך איבערגעצלמט

— פאַראַן וועלף אין די מקומות?

— זינט דעם אויפשטאַנד גייען זיי סטאַדעסווייז. אַ וואָלף איז אַ כאָלערע — גייט נאָך דעם מענטש, ווערט נישט מיד, און אַז ס׳פאַלט עמעצער, צי ס׳בלייבט אַ פאַרוואונדעטער אויפן פעלד — ער איז דאָ! היטן זאָל מיך פאַן יעזוס פון אַזאַ טויט.

די נאַסע, שוואַרצע ערד האָט אָנגעהויבן אויפצוזאַיען אונטערן ווייכן שניי, געפּלאַצט, געטריפט מיט פאַרע נאָכן לאַנגן ווינטער. ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, וואו איז ערד און וואו איז הימל. און דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט, האָט בלויז געזען פונקען פאַר די אויגן, זיך געבויגן, ווען ס׳רעגנדל האָט ווי אַ פלאַכטע זיך געוויקלט אַרום זיינע פיס, אַרום קאָפּ, געררויטלט די נאַסע, שוואַרצע שטאַמען פון די בוימער, און איבערן ליידיקן פעלד זענען אויסגעוואַקסן מענטשן. איינציקווייז, אין צווייען, קופּקע־ווייז זענען זיי אָנגעקומען פון אַלע זייטן, ניט איינגעזעסן אויף די פערד.

— דאַכט זיך „מאַסקאַלעס — האָט די ביקס זיך ביים פויער געטרייסלט.

— ס׳זענען קשאַקעס — האָט מרדכי געענטפערט און געפילט, ווי די ביקס וויגט זיך אין זיינע הענט.

— מען דאַרף אָנזאָגן — האָט דער פויער זיך אַ רוק געטון צום וואַלד.

— דאָס זענען בוימער, נישט קיין מענטשן — האָט מרדכי מיט אַ זיכערקייט אין דער שטים אַרויסגעזאָגט און נישט געגלויבט זיין אייגן קול — וואו גייסטו? שטיי וואו מען האָט דיך אַוועקגעשטעלט?

דאָס רעגנדל האָט געשמיסן, געצונדן שרפות אין די אויגן און

דאָס פעלד איז אַלץ געוואָרן געפּאַקטער מיט מענטשן. קיין זאַך איז נישט איינגעשטאַנען, זיך גערוקט אַהין, צוריק, זיך געשאַרט, זיך געקליבן אַרומצורינגלען די וואַך און פון מאָל צו מאָל איז אין מיטן פעלד אויסגעוואַקסן אַ רייטער, זיך געריסן מיטן פערד אויף זיי.

— מיר שטייען דאָך שוין מער ווי דריי שעה, פאַרוואָס קומט קיינער נישט אונז איבערצובייטן ? — האָט דער פויער זיך עטלעכע מאָל געפרעגט ביי מרדכין און יעדעס מאָל זיך איבערגעצלמט.

מרדכי האָט זיך געשעמט פאַר זיין אומבאַהאָלפנקייט, געוואָלט בייקומען די שרעק, דעם ציטער אין די קני און פאַר די אויגן האָט זיך געדרייט אַ פייערדיק ראָד, געשפּריצט מיט פונקען ווי אַן אָנגעגליטע שטאַבע אונטערן האַמער.

ער איז געשטאַנען ביים בוים, נישט געפילט ווי די ערד אונטער די פיס זינקט, ווי די גריבלעך ווערן פול מיט וואַסער.

דער מענטש, וואָס האָט מיט זיך פאַרבונדן הימל מיט ערד, איז געשטאַנען אַ דורכגעווייקטער, אַן איינגעקאָרטשעטער, זיך געפילט קליין און נישטיק. איינציקע טראָפּנס זענען געפאַלן אין קאַרק אַריין, געצונדן דעם חוט-השדרה ביז איבער די קנעכלעך. ס'האָט אויפגעהערט רעגענען. די לופט איז וואַרעמער געוואָרן.

איבערן קאָפּ אין אַ וואַרעמען נעסט זענען געזעסן קראָען און געוואָרטשעט מיט די בייכער, לאַנג און נודנע.

— פאַרשאָלטענע — האָט דער פויער אויסגעשפּיגן און אַ קלאַפּ געטון מיט דער ביקס אין דעם נעסט אַריין.

מיט אַן אויפטרייסלענדן קראַקען זענען די פויגל אַרויס פונם נעסט, זיך געטראָגן נידריק, און די די נאַסע לופט איז פול געוואָרן מיט אַזאַ געשריי, ווי מען וואָלט פון די פויגל לעבעדיקערהייט די פעדערן געפליקט.

דער פרימאָרגן האָט זיך געוועקט. בלויליכע שטיקלעך נעבל האָבן אָפּגעטיילט איין שטיק הימל פון צווייטן, אָנגעזאָגט, אַז דער פרילינג איז שוין אין וועג. און דער באַגינען האָט געשפּיגלט מיט פאַסיקלעך ליכט, אָפּגעגאָסן דעם שניי מיט לילע, אַרויסגעשיילט אַ שפּיץ פון אַ פאַרצווייגטן בוים, און ס'האָט אויסגעזען, אַז די צווייגן האָבן קיין שטאַם נישט, הענגען אין חלל, ווען אין אמתן האָבן זיי געצויגן זייער יניקה פונם פאַרשטעלטן שטאַם, פון בוימס באַהאַלטענע וואָרצלען.

מרדכי האָט געקוקט אויפן בוים. איינזילביקע קולות זענען פאַרהילכט געוואָרן אין דעם אויסגעהונגערטן קראַקען. די ערד האָט געקרעכצט אונטערן שניי, געיאוירן, און פון די שפּאַלטן האָט זיך געשפּאַרט דער ריח פון פריש-געבאַקן ברויט. אויסגעווייקטע קשאַקעס האָבן זיך געררויטלט אין דעם פרימאָרגן.

# אין גאָשטשי

אין גאָשטשי האָט די פּאַרטיע זיך אָפּגעשטעלט. ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג. איבער די פעלדער האָט דער הימל זיך גע-הויבן, געוואָרן טיפער, בלויער, געאָטעמט מיט פרילינג.

בלינדע שטיבלעך, געדעקט מיט שטרוי, זענען געווען צעוואָרפן אין טאָל. די דעכער אַלטע, צוגעפוילטע, האָבן זיך געגרויט אין דעם ליכטיקן פרימאָרגן, אַ לאַטע איבער אַ לאַטע און צווישן די לאַטעס האָט אַ פריש-געדעקטער דאַך, צוגעזעגנט פון דער זון, געשימערט מיטן פינקל פון געברענטע קאָסעס.

אָן אַ זייט, אַ ביסל העכער, האָט זיך געצויגן אַן אַלט-פּרענקישער הויף מיט פליגל. צעוואַקסענע מאַזורן מיט אויסגעוועלבטע קאָסעס, ווי טויערן, זענען געשטאַנען ביי יעדן אַריינגאַנג.

די וועראַנדע איז פול געווען מיט גרויע קורטקעס, מיט קורצע און לאַנגע שווערדן, מיט רעוואָלווערן.

די ווייט האָט געלאָקט — געוויקלט פלאַכע, גרויע פעלדער, וואו אַרומגעביסענע שטיקער שניי זענען געלעגן, ווי אויסגעקראָכענע שעפּסן-פעל. אַ מחנה זעלנער זענען געווען צעוואָרפן. הונדערטער פּאָר פיס האָבן געשניטן די בלויקייט — פּראַוואָ-לעוואָ, פּראַוואָ-לעוואָ — זיך געפּאַלדעוועט אַ רינג אין אַ רינג, זיך צוריק אויסגעגלייכט, גע-בליבן שטיין ווי קאַלירטע בייטן.

די ווייט האָט געלאָקט — געוויקלט שלאַכטשיצעס אויף פערד אין ווייסע קראָקער מונדירן, מאַזורן אין פאַרביקע קליידער מיט

קאָסעס איבערן אַקסל, פוס-גייער מיט שווערע יעגער-ביקסן, מיט קורצע בעלגישע, רויטע גאַריבאַלדי-העמדער, זשואַוועס אין רויטע פעסקעס מיט שוואַרצע טראָלדן, פּענער מיט ווייסע צלמים און אָדלערס.

פון דערווייטנס האָבן קאָסעס געפינקלט, פאַרשטעלט דעם וואַלד. — אַ וואַלד הינטער אַ וואַלד. פערד האָבן גאַלאָפּירט, מיטגעריסן שטיקער ערד, געטראָגן אויף זיך רייטערס, וואָס האָבן געשניטן די לופט מיט בלאַנקענדע שווערדן.

און איבער אַלעם האָט זיך געהויבן דאָס האַמעריי פון די שמידן, זיך געקויקלט ווי ווייטע דונערן, געקומען פון אַלע זייטן, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אויפצערייסן דעם טאָל.

ווירזשביצקי האָט געלויכטן פון פרייד איינגערוימט מרדכין:

— וועמען האָט דאָס גאָר געקאָנט חלומען? אַ פּוילישע אַרמיי! מיט אַזאַ אַרמיי קאָן מען באַגעגענען אַ שונא, נישט אָנפאַלן פון הינטן, אַ ביס טון ווי אַ הונט און אַנטלויפן!

הראַביע קאָמאַראָווסקי האָט זיך געדרייט אויף זיין ווייסער קאָבילע, באַטראַכט די רעקרוטן, ווי זיי שטייען שורות-ווייז און אין דער שטיל געלאָזט פאַלן ווערטער, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי זיי — דעם רעכטן פוס, דעם רעכטן, כלאָפּצי, אַזוי! אַ זעלנער דאַרף קאָנען שטיין!

— ווער קומט? — האָט איינער געפרעגט.

— אַ גענעראַל.

— אַ פּוילישער?

— ניין, אַ מאָסקאַל — האָט אַ זעקספּוסיקער מאַזור איינגערוימט אַ צווייטן.

ווירזשביצקי האָט געשמייכלט, זיך איבערגעקוקט מיט מרדכין. געוויזן אויף שורות זעלנער:

— זעסט די רויטע פּעסקעס מיט די שוואַרצע טראָלדן — צום וואַלד צו, צום וואַלד, דאָס זענען אונזערע, די זשואַוון.

אַן עלטערער אונטעראָפיציר מיט אַ בייכל, ווי אַ פייקל, איז אונטערגעלאָפן. די שווערד האָט ער געהאַלטן אויף אַ פריער, עס זאָל אים די זייטן נישט אָפּהאַקן און אַז ער איז צוגעקומען נעענטער,

האָט ער זיך אַ לאָז געטון אויף די שפּיץ פינגער און דער בויך האָט זיך ביי אים געהויבן, ווי אַ בלאָז-זאַק. ער איז געבליבן שטיין פאַרן יונגן קאָמאַראָווסקי און סאַלוטירט מיט אַ יונגלשער צופרידנקייט.

— גענעראַל לאַנגעוויטש קומט.

די שורות זעלנער האָבן זיך אַ צי-געטון, זיך אויסגעגלייכט. קאָמאַראָווסקי איז אַראָפּ פון פערד, געמאַכט עטלעכע טריט פאָראויס, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַנטקעגן גיין לאַנגעוויטשן און איז געבליבן שטיין מיט אַן אַרויסגעצויגענע שווערד.

די זעלנער האָבן זיך געהאַלטן אין איין רוקן, געשאַרט מיט די פיס, מיט אַמאָל געבליבן שטיין אויסגעצויגענע, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, ווי די שורות מענטשן וואָלטן זיך געקליבן אַריבערצושפּרינגען אַ גרוב.

פון הויף איז אָנגעקומען לאַנקעוויטש, נישט קיין הויכער, מיט אַ שוואַרץ געשוירן בערדל, אויגן טונקעלע, שאַרפע. די שווערד איז באַכלעסיק געהאָנגען אויף אַ קורצער „טשאַמאַרקע״ מיט באַרינקעס. די קאָלירטע באַנד, וואָס איז געווען צו-שטייף פאַרצויגן איבערן אָרעם, האָט שעמערירט בשעתן גיין. אַרום אים די שטאַב-אַדיוטאַנטן אין געפּאַסטע, נייע מונדירן, וואו גאָלד און זילבער האָבן געריסן ס׳אויג.

קאָמאַראָווסקי האָט סאַלוטירט. לאַנגעוויטש האָט אים דערלאַנגט אַ האַנט און באַגריסט די פּאַרטיע.

— זאָל לעבן דער גענעראַל!

לאַנגעוויטש האָט גענומען קאָמאַראָווסקין אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט מיט אים צווישן די שורות. ער האָט באַטראַכט די צעוואַקסענע מאַזורן, געוויזן קאָמאַראָווסקין אויף די דרענגער, וואָס די רעקרוטן האָבן געהאַלטן אָנשטאַט ביקסן, קיינעם נישט באַשולדיקט און זיין לענגלעך פּנים איז געוואָרן ערנסט.

— וואָס מאַכט איר, קאָמאַראָווסקי, — האָט לאַנגעוויטש זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט און זיך באַגריסט מיט אַ יונגן מאַן אין פענסנע, אין אַ גאַריבאַלדי העמד, וועמען ער האָט געלערנט אין דער גענויער מיליטערישער שולע.

— אַ דאַנק, גענעראַל!

די סוויטע האָט זיך אַ שפּאַר געטון, געוואָלט זען מיט וועמען

לאַנגעוויטש רעדט. ס׳האָט זיך געהערט האַלב-פּויליש, האַלב-פראַנצויזיש. אַ יונגער אַדיוטאַנט מיט עפּעס מיידלשעס אין דעם שמאָלן גוף איז געגאַנגען מיט טשאַכאָווסקין. טשאַכאָווסקי, אַרויטלעך ברוינער, ווי געברענטע ציגל, האָט אַרויסגערופן מורא און דרך-ארץ. די וואָנסן לאַנגע, דער בלוטיקער קאַרק ציטערט און ס׳טיפע אויג פּאַראַליזירט יעדן בליק.

— ס׳הונגערט דאָך אייך אוודאי, כלאָפּצי? — האָט לאַנגעוויטש מיט אַמאָל אַ פרעג געטון ביי דער פּאַרטיע.

— זאָל לעבן דער גענעראַל!

נאָכדעם ווי לאַנגעוויטש איז אַוועק מיט דער סוויטע, האָט די פּאַרטיע זיך צעשפּרייט איבערן פעלד, געוואָרן אויפגערוימט.

מען האָט אַרומגערינגלט קראַסנאָפּאָלסקין. יעדער האָט געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ שייכות ער האָט מיטן גענעראַל. קראַסנאָפּאָלסקי האָט זיך געפּייפט אַ פראַנצויזיש גאַסן-לידל, כמעט נישט געענטפערט, און זיין גאַנץ האַלטן האָט נאָך מער פאַראינטריגירט די פּאַרטיע.

מרדכי איז אונטערגעגאַנגען.

— אָ, פּאַניע אַלטער — האָט קראַסנאָפּאָלסקי פאַרשאַרצט זיין רויט היטל און ס׳פאַרבויגענע נעזל איז געוואָרן שפּיציקער — מיר האָבן דאָך דאָ גאַנץ קאָצק — קאַהאַנע דינט אין שטאַב, קאָמאַראָווסקי איז מיט אונז, איר, איך, ס׳פעלט נור מאַדאַם שטראַל...

— מען האָט געבראַכט אַ באַליע מיט בראָנפן, זעק מיט ברויט און קאָשן מיט וואורשט.

דער אויסגעהונגערטער עולם האָט פאַרגעסן אָן דער מידקייט, זיך צוגעכאַפּט צום עסן און נישט אויפגעהערט רעדן:

— ווער איז דער אַדיוטאַנט מיטן מיידלשן פּנים?

— וואָס איז געגאַנגען מיט טשאַכאָווסקין?

— דאָס איז דאָך לאַנגעוויטשעס אַדיוטאַנט.

— דאָס ווייס איך אויך!

— טאָ וואָס פרעגסטו?

— דאָס איז אַ מיידל!

— אַ מיידל?

— איז אַ פּנים אין שטאַב פריילעך!

— אין די פּיס האָב איך דערקענט, אַז ס׳איז אַ מיידל

— פאַרמאַך דעם פּיסק!

— דאָ, ברודער, איז נישט רוסלאַנד, דאָ מעג איך רעדן, וואָס כ'וויל !

— לאָז־צו אַ צווייטן אויך !

— הע, לאָז אַ זופּ־טון פון דער באַליע, רוק זיך, פּראַנעק !

— וואָס איז דאָס פאַר אַ העמד, וואָס דער אין די ברילן טראָגט ?

— דאָס איז אַן איטאַליענער.

— זיי זענען גוואַלדיקע שלעגערס, זאָגט מען !

— און איך וואָלט זיך געפּרובט מיט אים — האָט זיך, אַ צוואַקסע־נער מאַזור אָנגערופן.

— מען זאָגט, אַז גאַריבאַלדי אַליין שטייט מיט אַן אַרמיי בײַ קראָקע.

— ווער איז גאַריבאַלדי ?

— לאָז אַ צווייטן אויך איינגעצן די ליפּן, וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט, פּראַנעק, איבער דער באַליע, ווי אַ סטאָדאָלע ? רוק זיך !

— וועסט געבן אַ פּאַפּיראָס ?

— נאַ, כ'וועל דיר נישט זשאַלעווען!

אַ מויד מיט פאַרשאַרצטע פּאָלעס פון איר רויטער „באַרכאַנקע" אין סטון, איז פאַרבײַגעגאַנגען מיט צוויי עמערס מילך

— מאַגדאַ !

— מאַגדושאַ !

צוויי קראָקער יונגען אין געפּאַסטע שטיוול זענען פאַרלאָפן דער מויד דעם וועג :

— מיר וועלן פאַר דער פּאַניענקע צוטראָגן די מילך... וואו וואוינט די פּאַניענקע ? דאָרט, אין דער כאַטע ?

זי האָט פאַרשעמט אַ קוק געטון אויף די יונגען. איר ליכטיק, קיילעכדיק פּנים איז פאַרפלאַמט געוואָרן ווי אַן אויפגייענדע זון, און איידער זי האָט צייט געהאַט צו זאָגן אַ וואָרט, האָבן ביידע „פּאַצעטן" אַרויסגענומען בײַ איר די עמערס מילך, געגאַנגען מיט פאַרריסענע קעפּ, ווי זיי וואָלטן די מויד נישט אָפּגעפירט אַהיים, נור אַ שונא, וואָס זיי האָבן געפאַנגען.

---

אַז דער עולם האָט אויסגעליידיקט די באַליע בראָנפן, נישט איבערגעלאָזט קיין קרישקע אין די זעק און זיך נאָך געהאַלטן אין

באַלעקען – האָבן שוין אונטעראָפיצירן גרופירט די רעקרוטן, זיי געטיילט אין פיס-גייער מיט ביקסן, מיט קאָסעס, און קאַוואַלעריע, אַוועקגעפירט איין אָפּטיילונג נאָך דער צווייטער.

די זשואַוון, אַ מאַן זעכציק, זענען געשטאַנען צו דריי אין אַ שורה אַלע אויפגעלייגט און אין דערזעלבער צייט אומגעדולדיק, וואָס מען שיקט זיי נישט אין פולק אַריין. און אַז אַן אונטעראָפיציר האָט אַ געשריי-געטון מיט אַ טיפער בויך-שטים – פּראַ – אַ – האָט זיך דערהערט דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די נייע שטיוול.

מען האָט דורכגעשניטן דעם הויף, אַרומגעגאַנגען ס׳דאָרף, און צו מזרח צו האָט זיך, געזען אַ גרויסע שוואַרצע פאָן, מיט אַ ווייסן צלם.

קאָמאַראָווסקי האָט שוין געוואַרט, איז געשטאַנען מיטן פולקאָווניק ראָשבראָן – אַ קליינער, אַ שוואַרצער, די הויט אויפן פּנים, אויף די הענט אָנגעצויגן, אַז די מוסקולן, לעבעדיקע, האָבן זיך געהאַלטן אין איין באַוועגן, אויגן טיפע, קלוגע, אַ רגע נישט איינגעשטאַנען און דאָס שפּאַנישע בערדל אויף דער שפּיץ גאָמבע האָט געשמייכלט.

די רעקרוטן זענען שטאָלץ געווען מיט ראָשבראָנען, זיך אָנגעהערט וועגן זיינע גבורות היגטער מיעכאָוו, און מרדכי האָט פון זיך געטריבן אַ פאַרעקשנטן געדאַנק, אַז דער פראַנצויז זעט-אויס ווי אַ ייִד פון אַלזשיר.

מען האָט די רעקרוטן אויסגעשטעלט איינציקווייז, אין אַ ענגע שורה, ווי אַ קישקע. ראָשבראָן האָט באַטראַכט יעדן זעלנער באַזונדער, גערעדט גיך, זיך ווייניק געקימערט, וואָס די פויערים פאַרשטייען אים נישט, און ער זיי – אַוודאי נישט.

די פויערים זענען אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן, גערעדט אין דער שטיל, זיך איינגעהערט אין דעם גודער, וואָס איז געשטאַנען אין די אויערן – פראַנצויזיש, איטאַליעניש, אונגאַריש, אַפילו דייטש. פּויליש האָט מען כּמעט נישט געהערט.

מיט יעדן זעלנער, וואָס האָט געטראָגן אַ מונדיר, געהאַט אַ ביקס, האָט ראָשבראָן זיך געפרייט, נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן – מיר וועלן פאַריאָגן דעם מאָסקאַל! און אַז ס׳האָט זיך אונטערגערוקט אַ רעקרוט אין ציווילע קליידער מיט אַ דראָנג אין דער האַנט, האָט ער אים אויף גיך געפּטרט פון זיך, געשריען צו די אַרויסהעלפערס:

– יעדן איינעם אַ פּעז!

מען האָט געטיילט רויטע טערקישע פעזן מיט שוואַרצע טראָלדן. די פויערים האָבן אויסגעזען, ווי פאַרשטעלטע, געדרייט מיט די קעפּ, ווי די היטלען וואָלטן געשטערט, און יעדעס מאָל, ווען ס׳פאַרריסענע אויג האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דער שוואַרצער טראָלד, האָט דאָס פּנים זיך נאַריש צעשמייכלט.

– אונטער דער קאָמאַנדע פון די אונטער-אָפיצירן! – האָט זיך צעוויגט איבערן פעלד אַ הייזעריק קול, ווי אַ צוגעשפּאָלטענער גלאָק.

ס׳איז געוואָרן אַ געאייל. מען האָט זיך געוואָרפן רעכטס, לינקס און בשעת מען האָט זיך געטיילט אין קליינע גרופּעס, האָבן טראָמפּייטן אויפגעציטערט די לופט מיט זייערע סיגנאַלן, אָנגעזאָגט, אַז די איבונגען האָבן זיך געענדיקט, ס׳איז מיטאָג-צייט.

מרדכי איז געגאַנגען אויפזוכן קאַהאַנען, זיך געדרייט צווישן פערד און זעלנער, יעדער ווילע אָפּגעשטעלט געוואָרן פון אַ פּאַטרול און עס האָט אויסגעזען, אַז לאַנגעוויטשעס אַרמיי באַשטייט פון צענדליקער טויזנטער.

די לופט איז געווען ריין און דורכזיכטיק. און דער רויך, וואָס האָט זיך געצויגן פון אונטער די קעסלען, האָט זיך געהויבן גלייך, געבליבן הענגען אין חלל, ווי אַ שנירל. די דורכגעפרוירענע ערד האָט בייטאָג אָנגעהויבן אויפצוטאַיען, געפּלאַצט, אַריינגעצויגן אין זיך דאָס שיטערע ביסל שניי און צווישן דעם שאַרפן פערד-ריח, וואָס האָט געשטייפט די הויט, האָט פון מאָל צו מאָל אַ בלאָז געטון מיט פרישע געבאַקן ברויט, וואָס די ערד-שפּאַלטן האָבן אַרויסגעאָטעמט.

אין הויף איז דער שטאַב נישט געווען. מרדכי האָט זיך געחדושט, וואָס דוקא דאָ שטעלט מען אים נישט אָפּ, מען לאָזט אים אַריין. אין אַ שמאָלן, לאַנגן צימער זענען געזעסן אין די באַראַנקענע קאָנפעדעראַטקעס עטלעכע אַדיוטאַנטן, געזעסן אויפן טיש, וואו עס האָט זיך געוואַלגערט קעלבאַס, ברויט, רעוואָלווערן, חתימות און אָן אַ שיעור פּאַפּירן און מאַפּעס.

מרדכי האָט סאַלוטירט. אַן אַדיוטאַנט האָט זיך אים צעגענעצט אין פּנים אַריין:

– וואָס דאַרפסטו ?

– כ׳דאַרף דעם אַדיוטאַנט קאַהאַנען.

— ער איז מיטן שטאָב אויף די פּאָזיציע — איז דער אַדיוטאַנט אַראָפּ פון טיש און זיך צעלייגט אין אַ שטול.

מרדכי איז אַרויס, זיך נאָכגעפרעגט, וואו דער שטאָב איז. קיינער האָט נישט געוואוסט. טייל האָבן געהייסן גיין רעכטס צום וועלדל, אַנדערע לינקס — צו דער פּלעבאַניע. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן זעלנער צום קראָקער שאָסיי. מרדכי האָט זיך געלאָזט נאָך זיי. אַ באַקאַנט פּנים איז אים אַנטקעגן געקומען. דאָס פּנים האָט ביי מרדכין אַרויסגערופן אַ שמייכל און ער האָט אין דער ערשטער רגע פאַר קיין פאַל זיך נישט געקאָנט דערמאָנען דעם פרעמדנס נאָמען.

— איר דערקענט מיך נישט, פּאַניע אַלטער ?

— בלום !

— דאָ הייס איך מער נישט בלום — האָט ער זיך אַ בויג געטון צו מרדכין — דאָ רופט מען מיך לעאָן פינקעלשטיין, אַן ענגלישער אונטערטאַן, וואָס שטעלט צו געווער פוילן.

בשעת אין רעדן האָט דאָס קליינע מענטשל אַרויסגעפּרעסט דעם איינגעפאַלענעם בויך, געמאַכט אַ געמבע, אום צוצוגעבן דער קליינער פיגור געוויכט.

— וואָס הייסט אַן ענגלישער אונטערטאַן ? — האָט מרדכי אים איבערגעפרעגט.

— אַזויערנאָך איז באַקוועמער, פּאַניע אַלטער, כ׳קאָן זיך לייכטער באַוועגן, די גרענעצן זענען אָפן פאַר מיר און געווער קומט אָן מיט יעדן צוג, נישט נור געווער, עס קומען אָן זאָטלען, צוימען, קוילן-טאַשן. און אין פּאַריז האָט מען געלאַכט פון מיר, מיך חושד געווען, אַז כ׳נעם שטיצע ביי די „רויטע" און ביי די „ווייסע". בלום האָט שטענדיק געעבלוטיקט פאַר פוילן און וועט עס ווייטער טון !

— ווי נאָך זענט איר אָבער געוואָרן אַן ענגלישער בירגער ?

— דאָס איז דאָך די גאַנצע קונץ, פּאַניע אַלטער ! אַ ייד גיט זיך אַן עצה ! מיר וועלן זיך זעען, איצט אייל איך, דאַרף דורכרעדן אַן ענין מיט גענעראַל לאַנגעוויטש. היינט-מאָרגן וועלן מיר האָבן נייעס, וואַזשנע נייעס, פּאַניע אַלטער, דערווייל מוז מען האַלטן די צונג צווישן די ציין.

דער איינגעפאַלענער בויך האָט זיך ביי בלומען אָנגעבלאָזן, די געמבע — אויסגעצויגן און מיט אַ מינע פון אַ דיפּלאָמאַט האָט ער געשטעלט דראָבנע טריט, מיושבדיקע.

מרדכי האָט געשמייכלט, געשניטן צום שאָטיי, וואו וועגעלעך, שמאָלע יידישע וועגעלעך, געשפּאַנט אין איין פערד, זענען געווען אויסגעשטעלט צום פעלד-צו. אויף די וועגעלעך האָבן זיך געפונען שפּייז-געוועלבלעך, שענקען, יובעליר געשעפטן. זעלנער האָבן זיך געדרייט אַרום די וועגעלעך, געקויפט, פאַרקויפט, זיך פאַרפּוצט מיט זייגערס און קייטן, מיט גאָלדענע פינגערלעך. שטייענדיקער-הייט, פון די פלעשער, האָט מען געטרונקען ביר, וויין, פאַרביסן מיט הערינג, מיט קעלבאַס, געזען, עס זאָל נישט בלייבן קיין גראָשן אין דער קעשענע.

אַ גויע מיט צוויי שיינע טעכטער האָבן קאָנקורירט מיט די יידן. אַ חוץ פרישע זעמל מיט קעלבאַס, וואָס די שיינע טעכטער האָבן פאַרקויפט, האָט די מוטער געהאַט אויף די אָרמס גאָלדענע און זילבערנע צלמימלעך, געשפּרייזט הין און צוריק און זיך נישט געמאַכט זעען, ווי די טעכטער זיצן געאַרעמט מיט די זעלנער, קריגן מער פאַר אַ קוש, ווי פאַר אַ זעמל מיט קעלבאַס.

מיטן וועג זענען אָנגעקומען דריי בעטלערס מיט טאָרבעס. אַ קאַליקע מיט אַקוליע אין געגאַנגען אויף אַ פריער, געגאַנגען ווי אַ היימישער מענטש מיטן שעף פון שטאַב. אַ פאַרחדושטער האָט מרדכי אַ פרעג געטון ביי די איבריקע צוויי:

— וואָס טוט איר דאָ, יידן?

— וואָט אייער קאַוואַלעריע קאָן נישט אויסגעפינען, געפינען מיר אויס, — האָט אַ געל יידל וואוילעריש אַ זאָג געטון.

— וואָס מיינט איר?

— מיר דינען אין שטאַב, ברענגען די זיכערסטע נייעס — איז דער געלער בעטלער געוואָרן ריידעוודיק.

— און מען צאָלט אייך דערפאַר?

— אונז צאָלט מען, דער מיט דער קוליע אַרבעט זאָן געלט.

מיטן וואָרט „שפּיאָן" איז ביי מרדכין שטענדיק אויסגעוואַקסן אַ דינע, הויכע געשטאַלט, אַ צוויי-פּנימדיקס, גליטשיק ווי אַ פּיאַווקע און דאָ האָט ער דערזען פאַר זיך יידישע בעטלערס מיט תּמעוואַטע, אויסגעהונגערטע אויגן, געזען מסירת-נפש פון דעם בעטלער מיט דער קוליע און דאָסזעלבע וואָרט האָט מער נישט באַליידיקט, אַרויסגערופן דרך-ארץ.

פון הינטער דער „פּלעבאַניע" איז אָנגעקומען דער שטאַב. אין

בלאַנקענדע, געפּאַסטע מונדירן, אין קורצע, אין לאַנגע שווערדן, זענען געגאַנגען די אַדיוטאַנטן, געגאַנגען ווי אַ האַלבע לבנה. אין דערמיט האָבן געשפּרייזט לאַנגעוויטש, טשאַכאָווסקי, יעזשאָראַנסקי און צויי גלחים.

די אַדיוטאַנטן מיט זייער גלאַנץ, אַנדערע געפּאַנצערט, האָבן גאָרנישט אַריינגעפּאַסט אין דעם אויפשטאַנד, מער אויסגעזען, ווי מען וואָלט זיי פון אַ קייזערלעכן פּאַלאַץ אַרויסגענומען.

מרדכי האָט געזוכט צווישן די אַדיוטאַנטן קאַהאַנען, אים נישט גע-פונען און ווי ער האָט זיך אַזוי געדרייט, האָט קאַהאַנע אים אַרומגעכאַפּט:

— און איך זוך דיך שוין פון מיטאָג אָן, געווען ביי קאָמאַראָווסקין — — — אַזאַ אַרמיי האָט זיך דיר נישט געחלומט און אַזאַ שטאַב אוודאי נישט. אַז שוין יאָ דיקטאַטאָר, פאַרוואָס נישט מיט מענטשן גלייך? נאַפּאָלעאָן מעג האָבן אַ שטאַב, אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט, פאַרוואָס נישט לאַנגעוויטש?

— ער ווערט דען דיקטאַטאָר, לאַנגעוויטש? — האָט מרדכי זיך געפרעגט און בעת מעשה זיך דערמאָנט אָן בלומס ווערטער, אַז היינט — מאָרגן וועט אין שטאַב פאָרקומען וויכטיקע בייעס.

— צו וואָס דען זיצט ער דאָ, אין טאָל — האָט קאַהאַנע אָן אויפגערעגטער גערעדט מיט אַ ביי-קול, אַז די ווערטער האָבן אַזש געפייפט - וואו די פּאָזיציעס זענען אָפן פון אַלע זייטן און ביים ערשטן געשיקטן מאַנעוור פון איין פּולק רוסן, שטויסט מען אונז אַריבער דער עסטרייכישער גרענעץ? לאַנגעוויטש פאַרלאָזט זיך אויף דער רוסישער אומפעהיגקייט, ריזיקירט צו-פיל — — — צען מאָל גיט עס זיך איין און דאָס עלפטע מאָל מוז מען אריינפאַלן! וואָס ווייסטו, מרדכי — האָט קאַהאַנע אים גענומען אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט מיטן פעלד — וואָס ווייסטו, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ! הינטער דעם שטילן, פאַרכמורעטן לאַנגעוויטש שטייט דאָך די גאַנצע רעאַקציע! די, וואָס זענען קעגן דעם אויפשטאַנד, ווילן אים באַגראָבן, זעען אין מעראָסלאַווסקין מיט זיינע אָנהענגער קאָמוניסטן, וואָס ווילן באַפרייען די פּויערים, ווילן אומברענגען די שליאַכטע. וואָס זאָג איך, די רעאַקציע — די „רויטע" אויך, פאַר די נאַאיווע „רויטע" איז לאַנגעוויטש דער טרעגער פון אַ נייער אידעע, און פאַר די „ווייסע" — דאָס איינציקע געווער צו פאַרטרייבן פון פּוילן נישט אַזוי מעראָסלאַווסקין, ווי זיין אידעע פון אַ באַפרייט פּוילן. און דאָסזעלבע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביים פונאַנדערפאַלן פון פּוילן,

חזרט זיך איבער אין דעם דערפֿל גאָשטשי. יעדער וויל ווערן דיקטאַטאָר. יעדער — פון לֿאַנגעוויטשן ביז יעזשאראנסקין. מ׳איז מקריב פוילן פאַר די אייגענע אַמביציעס. דאָס איז קיין שטאַב נישט, עס איז אַן אינטריגע, יעדער האַנדלט ווי אים ווילט זיך און כ׳האָב מורא, אַז היינט - מאָרגן, וועט זיך דאָ אָפשפּילן אַ קאָמעדיע, וואָס פאַסט פאַר קאָמעדאַנטן, נישט פאַר זעלנער.

— און מעראָסלאַווסקי האָט אין שטאַב קיין אָנהענגער נישט ? — האָט מרדכי געפרעגט.

— ווייניק. אין שטאַב זענען פאַראַן די ברידער קאסקאָווסקי, איך און נאָך עמעצער. צווישן די זשואַוון וועסטו טרעפן מער - קינדער פון פראַנצויזישע אימיגראַנטן, סטודענטן און סתם רעוואָלוציאָנערן.

— און לֿאַנגעוויטש אַליין ?

— די הראַביעס, וואָס פאַרפלייצן גאָשטשי, האָבן אים פאַרדרייט דעם קאָפּ. מען האַלט אין איין אַראָפּברענגען פאָרשטייער פון דער אויסלענדישער פרעסע, מען באַשרייבט, מען פאָטאָגראַפירט דעם שטאַב און די גוט-באַזיצערינס, וועמענס מענער זענען אַנטלאָפן נאָך אויסלאַנד, זיך נישט געוואָלט אָנשליסן אָן אויפשטאַנד, קויפן אויס זייערע מענערס זינד מיט די אייגענע לייבער, טרעטן ניט אָפּ פון שטאַב.

— מיר דאַכט זיך, אַז צווישן די אַדיוטאַנטן איז אויך דאָ אַ פרוי ? — האָט מרדכי אים איבערגעהאַקט.

— מיינסט פוסטאָוואויטאָוונאַן ? זי איז עפּעס אַנדערש — — — אין דעם פויליש-רוסישן מיידל איז דאָ דער צאַפּל פון דעם אונטערדריקטן פוילן. אויב לֿאַנגעוויטש וועט נישט פאַלן אַ קרבן פון די אינטריגעס, וואָס בושעווען אַרום אים, וועט עס זיין צו פאַרדאַנקען פוסטאָוואויטאָוונאַן. אַז אַלע אין שטאַב זענען פאַרליבט אין איר — פון לֿאַנגעוויטשן ביז טשאַכאָווסקין און ווי מיר שיינט, געפעלט איר דער אַלטער טשאַכאָווסקי, און דער אַלטער קאָן געפעלן ! עס איז גענוג, ער זאָל פאַרדרייען די לייצן אַרום זיינע הענט, און די ווילדסטע פערד וועלן זיך נישט אַרויסרייסן ! דו וועסט אים אָנקוקן !

— כ׳האָב אים געזען — האָט מרדכי זיך אָנגערופן.

— זעט ער נישט אויס ווי אַ קאַזאַצקער אַטאַמאַן ? — האָט קאַהאַנע זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט — כ׳טראַכט אָפּט, אַז ווען נישט דער אויפשטאַנד, וואָלטן מיר זיי נישט געהאַט — די טשאַכאָווסקיס, די

פּוסטאַוואַיטואָוונעס – די סאָציאַלע קאָנוואולסיעס וואַרפן זיי אַרויס און זיי לויכטן אויף.

– עס איז אויך פאַראַן פּלאַץ פאַר אינטריגאַנטן — איז מרדכי אים אַריין אין די רייד.

– זיי האַלטן זיך אָבער נישט לענגער, ווי עס האַלט זיך אַ ראַקעטע אין דער לופט — האָט קאַהאַנע געשמייכלט – געדענקסט אין דער „קאָמונע״ דעם יונגנמאַן מיטן מאָנאָקל, ווי האָט ער געהייסן?

– ווער האָט דאָרט נישט געהאַט קיין מאָנאָקל?

– כ׳מיין דער, וואָס האָט פאַרטשעפּעט טערעזען.

– הראַביע גראַבאָווסקי?

– יאָ, דער בחור האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן אין שטאַב אַלס רויטער און ער פירט די „גרענדע״! ווּעסט זען, ווי דער אַפּעריסט וועט אונז אַלעמען קאָמפּראָמיטירן, אַז עס וועט זיין אַ חרפּה זיך צו ווייזן אויף די אויגן!

– טאָ וואָס שווייגסטו?

– וואָס קאָן איך טון, אַז דער בחור איז געקומען מיט אַ „חתימה״ פון וואַרשע, כאָטש פּלאַץ און האַלט די צונג צווישן די ציין. וואַרף דיך אונטער דעם כּוח פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע. מאָרגן האָבן מיר אַ באַראַטונג, דער גאַנצער שטאַב, צי מען זאָל אָננעמען די דיקטאַטור, צי זי אָפּוואַרפן — — — מעגלעך, אַז כ׳וועל מאָרגן אויפהויבן די פראַגע. כ׳וועל אפשר אין אָוונט צו דיר צוקומען.

זיי האָבן זיך געזעגנט. מרדכי איז געגאַנגען מיט דער האַלב־פאַרפרוירענער לאָנקע, זיך מער נישט געחדושט, וואָס דער מענטש האַנדלט מיט דער אייגענער נשמה און געפילט, ווי די משא איבער די אייגענע פּלייצעס ווערט שווערער.

## קאַפּיטל 4

# אַרום די פייערן

שטיקער פאַרנאַכט, ווי פלעקן, האָבן זיך געלייגט איבער דער פייכטער ערד, וואָס האָט אָנגעהויבן שטייפער צו ווערן, זיך פאַרצויגן מיט אַ פרעסטל.

די זשואַוון האָבן זיך צעשיט איבערן פעלד, גענומען גראָבן נאַכט-לעגערס, ס'זאָל זיין וואו איבערצונעכטיקן.

מרדכי מיט ווירזשביצקין האָבן פון צווייגלעך און דרענגער אויסגעבויט אַ געצעלט, ווי אַ בודע פאַר אַ הונט. דאָס געצעלט האָט מען באַדעקט מיט שטרוי און ערד. דער ווינט זאָל עס נישט אַוועקטראָגן.

דאָ און דאָרט האָבן אויפגעפלאַמט פייערלעך, געטריבן פון זיך די שאָטנס, זיי געדיכטער געמאַכט און נישט ווייט פון די פייערלעך האָט זיך די נאַכט צעלייגט.

מען איז געזעסן צו צען, צו צוואַנציק אַרום אַ פייערל, געבראָטן קאַרטאָפל, צוגעפרעגלט אויף צווייגלעך שטיקלעך קעלבאַס און גערעדט אינאײנעם. און אַז די רייד האָבן זיך ביי אַ פייערל מיט אַמאָל אויסגעלאָזט, האָט איינער פאַרצויגן אַ ליד. די אַרומיקע האָבן זיך געטוליעט אין בורקעס, צוגעקלאַפּט מיט די טילקעס און געבויגענע זיך איבערגעגעבן דער נאַכט.

קראַסנאָפּאָלסקי מיט דער טראָלד ביי דעם היטל, מיט די פיס הינטער זיך, האָט אויסגעזען ווי אַ טערק. ער האָט געלאָזט רויך פון אַ קליינער פייקע און קונציק געשפּיגן אין פייער אַריין. ס'רעקל איז ביי אים געווען פאַנאַנדערגעקנעפּלט, און די פייער-פלעמלעך האָבן זיך געשפּיגלט אין זיין רויט העמד. אין דער נאַכט ביים פייער האָט זיך זיין קליינער

וואוקס נישט אַרויסגעזען, און אין קול איז געווען אַזאַ זיכערקייט אַז דער אַרומיקער עולם האָט זיך געפילט היימלעך מיט אים.

— ווי קאָנען זיי זיך פאַרגלייכן צו גאַריבאַלדין ? — האָט קראַסנאָפּאָלסקי פון געוווינהייט איבערזעצט יעדן פּוילישן זאַץ אין פראַנצויזיש.

— צו מעראָסלאַווסקין אויך נישט — האָט דעם גענעראַלס אַן אָנהענגער זיך אָנגערופן.

— מעראָסלאַווסקי האָט אַלץ פאַרלוירן און מיאוס פאַרלוירן — האָט זיך אַ דריטער אַריינגעמישט.

— אַזוי איז עס, פּאַנאָוויע — האָט קראַסנאָפּאָלסקי אַ שפּיי געטון אין סאַמע מיט פון פייער — אַ העלד טאָר נישט פאַרלירן !

— וואָס האָט דער גענעראַל מיט זיינע זעכציק זעלנער זיך געקאָנט העלפן, — האָט מעראָסלאַווסקיס אָנהענגער אים געזוכט צו פאַרטיידיקן — ווען דער שונא האָט אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן ? גאַריבאַלדי אַליין וואָלט דאָ נישט געהאָלפן !

— אויב ער האָט זיך געלאָזט אַרומרינגלען פונם שונא — האָט קראַסנאָפּאָלסקי האַסטיקער געצויגן די פּייקע — האָט ער געדאַרפט טון איינס פון דיביידע — אָדער צעשלאָגן דעם שונא, אָדער אַליין פאַלן אויפן פעלד, נישט אַנטלויפן, ווען מען האָט זיינע זעכציק זעלנער אויסגעשאָכטן ווי די בהמות !

אַ קלויסטער-ברודער אין אַ ווייסן פלאַשטש מיט אַ שפּיציקן קאַפּושאָן איז אויסגעוואַקסן ביים פייער. ער האָט זיך אַ ווײַלע איינגעהערט, מיט פאַרגלאָצטע אויגן אויסגעשניטן איבער די זעלנערס קעפּ אַ צלם און מיט אַן אומגעהויער קול זיך צעשריען :

— לעבן זאָל לאַנגעוויטש !

דאָס געשריי האָט פרעמד געקלונגען אין דער קאַלטער נאַכט און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, איז דער קלויסטער-ברודער שוין געשטאַנען ביי אַ צווייט פייער און פון דערווייטנס האָבן די ווערטער אָפּגעהילכט, ווי אַ בייזע בשורה.

— צופיל קאַפּאָטעס ביי אונז אין שטאַב, — האָט זיך אַ גאַריבאַלטשיק אָנגערופן.

— און צופיל ווייבער אויך !

— דאָס וואָלט שוין נישט אויסגעמאַכט !

— איר זינדיקט, פּאַנאָוויע!
— כ׳וואָלט יעדן שרה אויפגעהאָנגען.
— און איך — די גלחים! — האָט זיך אָנגערופן אַן איטאַליענער.
— ווען נישט די גלחים, וואָלט דאָס פּויערים־פאָלק זיך נישט געגאַנגען שלאָגן!
— און אַזוי גייען זיי, די כאַמעס?
— אָן די גלחים וואָלטן זיי אינגאַנצן נישט געגאַנגען!
— זיי גייען סיי־ווי נישט!
— גערעכט, באָרגיאַ איז גערעכט, וואו אַ שרה און אַ גלח, דאַרף מען זיי הענגען!
— און איר זייט זיכער, אַז גאַריבאַלטשיק וועט אונז קומען צו־הילף? — האָט אייגער אַריבערגערעדט צו קראַסנאָפּאָלסקין.
— ער קומט מיט אַן אַרמיי!
— און קאָשוט, זאָגט מען, מאַרשירט מיט אַ צווייטער!
— און די פראַנצויזן, מיינט איר, וועלן שווייגן?
— אַ נאַר איז ער, דער פראַנצויז, ער זאָל שווייגן!
— וועלן מיר אין גיכן גיין אויף וואַרשע?
— אי, ברידער, וועט מען אונז דאָרט באַגעגענען!
— און וואו איז דיין יאַדוויגאַ, יאַנעק?
— אין וואַרשע.

אויגן האָבן זיך געצונדן. אַ באַהאַלטענע פריידן האָט אויסגעגלייכט די פּנימער, וואָס זענען געווען פאַרקרימט פון קעלט. איינער האָט געבראַכט אַ „בלאָז" מיט בראָנפן, אַ זופּ געטון פון העלזל און די „בלאָז" איז געגאַנגען פון מויל צו מויל.

עטלעכע זעלנער מיט וואקסענע ליכט אין די הענט זענען אָנגעקומען.

— וואָס פאַר אַ פּראָצעסיע?
— ס׳איז ווער געשטאָרבן?
— דאָס גייט מען טוישן די וואַך.
— מיט ליכט?

די זעלנער האָבן געשניטן אין פעלד אַריין, איבערגעלאָזט הינטער זיך פלעמלעך און זיי זענען נישט געוואָרן אין דער

פינסטערניש. פון צווישן די פייערן האָט זיך געטראָגן דעם קלויסטער־ברודערס אויסגעשריי:

— לאַנג לעבן זאָל לאַנגעוויטש!

— וואָס הערט ער נישט אויף צו קראַקען?

— אַזאַ ווייסער פלעדער־מויז!

— לעסטערט נישט! — האָט אַן עלטערער זעלנער אַנידערגעקניט און זיך אָנגעהויבן צלמען.

— צווישן אונז צלמט מען זיך נישט!

— אין קאָשציאָל אַריין!

— דערצו האָב איך זיך געדאַרפט שלעפּן איבער פינף הונדערט מייל, קומען אַזש פון אונגאַרן?

— קריגט זיך נישט, ברידער! לאָמיר בעסער עפּעס פּאַרציען: וואו איז דער לערער פון מלאַווע?

— אָט איז ער!

דער לערער, אַ הויכער, אַ שמאָלער, האָט זיך עטוואָס אַרויסגערוקט פונם ראָד און אָנגעהויבן מיט אַ טיפער שטים, וואָס האָט נישט געפּאַסט צום אויסגעצערטן גוף:

Siedzi Krakus pod drzew cieniem,
Kosa przy nim leży;
Z czoła spływa pot strumieniem,
A krew na odzieży.

דער עולם, וואָס האָט זיך אַ צי געטון צום לערער האָט שטיל אונטערגעכאַפּט:

Z czoła spływa pot strumieniem,
A krew na odzieży.

פון צווישן די פייערן האָבן זיך געהויבן שאָטנס, אויסגעוואַקסן אַרום די זינגערס. ער לערער, אַן אויפגערוימטער, וואָס עולם קלויבט זיך, האָט זיך טיפער אַ רוק געטון אין ראָד אַריין, געוואָרן אָפּגעגאָסן מיט אַ רויטן שיין, און זיין שטים איז געוואָרן ווייכער און טרויעריקער:

Z moskalami jutro może
Bić się będziem, co daj Boże,
Czy zwyciężym, czy zginiemy,
Zawsze sława nam!

און איבער די פייערן לאַנג אפגעהילכט:

Czy zwyciężym, czy zginiemy
Zawsze sława nam!

מרדכי האָט זיך אַרויסגערוקט פונם ראָד, געמאַכט פלאַץ פאַר אַנדערע. ווירזשביצקי איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן געשוויגן, זיך געשאַרט צווישן די צונויפגעקאָרטשעטע קופקעס מענטשן, וואָס האָבן געשטאַרט איבער דער ערד, ווי אויסגעגראָבענע קאָרטשעס פון בוימער.

קאָמאַראָווסקי האָט פאַרבייגעפּאַטשט אויף זיין קאָבילע, מיטגעריסן עפּעס אָנזעבאַרעס פון מרדכין און אַז ער איז שוין געווען ווייט, האָט ער זיך דערמאָנט אָן אים און איז צוריקגעריטן.

— אַ גרוס דיר, אַלטער, פון דער פּאַני פעליציע.

— דער פאַן פולקאָווניק האָט באַקומען פון איר אַ בריף?

— זי איז נאָר-וואָס געווען אין שטאַב. געקומען מיט אַ שליחות. כ'האָב זי אָפּגעפירט צו דער גרענעץ.

קאָמאַראָווסקי האָט איבערגעגעבן די קאָבילע מרדכין, מער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, בלויז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און געהייסן האָט עס:

— פיר דאָס פערד אין שטאַל אַריין.

די קאָבילע האָט געפאַרעט. מרדכי האָט אַראָפּגענומען פון זיך די בורקע, איבערגעדעקט דעם פערדס נאַסן רוקן און גענומען גיין טריט ביי טריט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן ווירזשביצקין, אים געזוכט. אַרום איז קיינער נישט געווען. אין דעם חושך האָט זיך צעוויינט אַ וואָלף, לאַנג און נודנע. קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן איבערן קאָפּ.

אַ וואָרעמקייט האָט מרדכין דורכגענומען. ער איז מער נישט געווען אַליין, געפילט אַרום זיך עפּעס נאָענטעס, ווי נישט אַ פערד וואָלט געשפּרייזט מיט אים, נאָר אַ נאָענטער מענטש, זייער אַ נאָענטער, און ער האָט איינגענורעט זיין פּנים אין פערדס האַלז.

דאָס אַרומיקע טיפעניש האָט אויפגעציטערט — אָן אָגער האָט זיך צעשריען. די קאָבילע האָט אויסגעצויגן איר בויגיקן האַלז, אָנגעזאַפּט מיט די נאָזלעכער דאָס בענקעניש פון דער נאַכט. זי האָט זיך צעהירזשעט איינמאָל, נאָכאַמאָל, זיך אַזש פאַרגאַנגען אין אַ געוויין און די ווייסע ציין האָבן זיך געשוימט.

מרדכי האָט אַרומגענומען דאָס פערד אַרום האַלז, צוגעלייגט אַ באַק

צו דער גלאַטער, ווייסער פעל און אַזוי געבליבן שטיין פאַר דער שטאַל. ער האָט אַריינגעאָטעמט דעם שאַרפן פערד-ריח און אַ הונגער צו דער וועלט האָט זיך געריסן אין אים.

ווירזשביצקי איז שוין געשלאָפן. אויף אַלע פיר איז מרדכי קוים אַריינגעקראָכן אין דער נאָרע, וואָס איז געווען פאַרדעקט פון דריי זייטן מיט ערד. אַ פייכטע וואַרעמקייט האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין. ער האָט זיך איינגענורעט אין דעם שטרוי, וואָס איז געקראָכן אין די אויערן, אין דער נאָז, געוואַרעמט דאָס דורכגעפרוירענע לייב. ער האָט זיך צוגעדעקט מיט דער בורקע, אַרום און אַרום, ווי ער וואָלט דערמיט זיך אָפּגעטיילט פונם חבר, קיינעם נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין זיין אייגענער וועלט.

קולות האָבן זיך געבערעקלט, אָנגעלאָפן מיט אַ פאַרשטיקטן פייף, דערציילט וועגן מעראָסלאַווסקין. איבער אַ פערטל יאָרהונדערט האָט דער דיקטאַטאָר געוואַרעמט זיין חלום, געשראָקן מיט אים מלכים. און אַז ער איז מיט זיין סוויטע אַריבער די גרענעץ, געוואָלט דעם חלום פאַרווירקלעכן, איז אים באַפאַלן דער שונא, אויסגעהרגעט אַלעמען און אַ פאַרלאָזטער, אַ פאַרגעסענער, שטייט מעראָסלאַווסקי אין פרייען פעלד, האַלזט זיין פערד און וויינט.

קאַפּיטל 5

## מאַריאַן לאַנגעוויטש

לאַנגעוויטש האָט לייכט געעפנט די טיר פון זיין צימער — געקוקט, צי דער שטאַב שלאָפט שוין. מען איז געלעגן אויף די טישן, אויף דער פּאָדלאָגע, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען דורכצוגיין. דער „דעזשורני״, וואָס האָט געדאַרפט וואַך זיין, איז געזעסן ביים אַריינגאַנג אין אַן אויסגעבעטן שטול. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ, געעפנט דאָס מויל און לויט דעם ווי ער האָט געאַרבעט מיטן האַלז, האָט זיך געהויבן די קאָנפעדעראַטקע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבערן אויער

לאַנגעוויטש איז צוריק אַריין צו זיך אין צימער, פאַרשלאָסן די טיר און געווען צופרידן, וואָס קיינער וועט אים נישט נאָכקוקן. ביי אַ חלבן ליכט, וואָס האָט געשמאָלצן, האָט ער זיך געזעצט צום טיש. ער האָט אַראָפּגענומען דורכן קאָפּ די „קאַסע״, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך אויפן האַרץ, אַרויסגענומען אַ קליין נאָטיץ-ביכל, וואו אַלע הכנסות און הוצאות זענען געווען פאַרשריבן, און נאָכגערעכנט יעדעס קוויטל, יעדעס פּאַפּירל, וואָס איז צוגעקומען דורכן טאָג. די קאַסע, האָט ער קיינעם ניט פאַרטרויט, זי געציילט יעדן אויף דער נאַכט, געלייגט אַ באַנקנאָט צו אַ באַנקנאָט. די פראַנקען, קראָנען און פּוילישע גילדן זענען אויסגעוואַקסן אין פּעקלעך און לאַנגעוויטש אין די ברילן, ס׳בערדל צעשויבערט, מיט פיבער אין די אויגן, האָט ווי אַן אַלכעמיקער, פאַרוואַנדלט די פּעקלעך אין געווער, אין אַמוניציע. און ניט איינמאָל, ווען ס׳איז אים אויסגעקומען צו רעדן וועגן געלט, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט — די קאַסע האָט אַזויפיל און אַזויפיל ביקסן.

ער האָט באַהאַלטן די באַנקנאָטן אין דער לייוונטער טאָרבע, זי

צוריק אָנגעטון אויפן האַרץ און דורכגעקוקט די ידיעות, וואָס מען האָט אים היינט געבראַכט וועגן שונא. ער האָט אויפן פּלאַץ צונויפגעשטעלט אַ מאַפּע, און באַשלאָסן, אַז מען קאָן רוהיק בלייבן אין גאָשטשי. ביז דער שונא וועט אַהער קומען, וועט נעמען אַ דריי, פיר טעג. די צרה אָבער, וואָס פון טאָג צו טאָג ווערט ווייניקער עסן. מען האָט שוין אויסגעליידיקט אַלע שכנישע דערפלעך, צוגענומען ביים פּויערים־פאָלק די קאַרטאָפל, ס׳מעל און די בהמות. און אפשר איז יעזשאָראַנסקי גערעכט — האָט לאַנגעוויטש זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּרייזן איבערן קליינעם צימער — אַזאַ אַרמיי, וואָס קאָן זיך נישט פריי באַוועגן, וועט שטענדיק זיין שווער צו ערנערן. הייסט עס, מען דאַרף צעטיילן די אַרמיי אין פּאַרטיעס, דאָס וועט אפשר אויפהאַלטן דעם אויפשטאַנד, אים פאַרציען אַ חודש, צוויי, אָבער סוף־כל־סוף מוז עס פירן צו אַ זיכערער מפּלה, רוסלאַנד קאָנצענטרירט יעדן טאָג מער מיליטער. מיט דער צייט וועט זי באַזעצן יעדעס דערפל, יעדעס וועלדל, אויסשיסן איין פּאַרטיע נאָך דער צווייטער. אַן אַרמיי מיט אַ שטאַב — איז פאַראַן אַן אַדרעס. הילף וועט קומען און מוז קומען. פראַנקרייך איז דערפאַר, אַז צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד זאָל זיין אַ באַפרייט פּוילן, נישט אַזוי צוליב פּוילן, ווי צוליב פראַנקרייך. ווען מיר, פּאָליאַקן, וואָלטן געוואָלט אַ באַפרייט פּוילן? מיר ווילן נישט! וויניצקי העצט, יעזשאָראַנסקי פאַרגינט נישט, דעמאָראַליזירט די אַרמיי. טשאַכאָווסקי שוויגט, קען זיך יעדן טאָג אָפּרייסן מיט זיין פולק און אַוועקגיין. גיי ווער אַ דיקטאַטאָר פון אַזאַ אַרמיי! און דאָ דאַרף מען האַנדלען גלייך, אַז נישט וועט מאָרגן מעראָסלאַווסקי פאַרכאַפּן די ממשלה! דער דעמאַגאָג האָט שוין פאַרפלייצט גאָשטשי מיט זיינע פּראָקלאַמאַציעס. וואַרשע שוויגט — שוין איבער אַ וואָך קיין ידיעה נישט געווען, און דער הראַביע גראַבאָווסקי הויבט נישט אָן צו געפעלן. מעגלעך, אַז דאָ ווערט אָפּגעטון אַ שפּיצל, וואו דער געדאַנק פון אַ באַפרייט פּוילן ווערט געשטעלט אין קאָן. און דאָס, וואָס די מאַגנאַטן האָט זיך מיט אַמאָל פאַרוואָלט אַ דיקטאַטאָר, איז אויך נישט גלאַטיק. זיי ווילן קאָנצענטרירן אַלע פּוילישע כחות און זיי מיט אַמאָל איבערגעבן דעם שונא, מאַכן אַ סוף פונם אויפשטאַנד. ס׳קאָן זיך זיי איינגעבן. טאָמער אָבער נישט — די געשיכטע ווייס פון אַזעלכע פאַלן — וועט מען יעדן מאַגנאַט אויפהענגען אויף אַן אַנדער בוים.

אַ מידער האָט זיך לאַנגעוויטש אַראָפּגעלאָזט ביים טיש, געקוקט, ווי דאָס אָנגעטריפטע חלב שמעלצט זיך אויס און וואָס טונקעלער ס'ווערט אין צימער, אַלץ מער שאָטנס קריכן פון די ווינקלען, לייגן זיך איבער אים. ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער – ס'איז געווען נאָך צוועלף. איבער דער פּאַרמאַכטער טיר האָט זיך שוין די נאַכט לאַנג געהאַט אָנגעהויבן. ס'האָט לאַנגעוויטשן עפּעס ווײ געטון. ער האָט זיך געערגערט, וואָס מען האָט אים אַליין איבערגלאָזט, וואָס הענריקע זוימט זיך אַזוי לאַנג. שוין העכער אַ שעה, ווי זי איז געגאַנגען מיט טשאַכאָווסקין אויף די פּאָזיציעס. ווען הענריקע וואָלט כאָטש געהאַלטן מיט אים? אויב ס'איז איצט דאָ אַ שטיקל אַרמיי אין גאָשטשי, איז עס צו פאַרדאַנקען הענריקען. זי האָט אים געטריבן זיך צו פאַראייניקן מיט יעזשאָראַנסקין. און ווער ווייסט, צי די אַלע פּרייוויליקע, וואָס באַווייזן זיך יעדן טאָג, קומען נישט אַדאַנק איר? גאַנץ פּוילן איז דאָך פול מיט הענריקען!

דער קאָפּ ביי לאַנגעוויטשן איז געוואָרן שווערער, זיך געלייגט אויף דער שמאָלער ברוסט. איבער דער וואַנט האָט דער שלאָף זיך צערעדט, איינגעוויגט אַלץ אַרום, ווי דאָס קוואַקעריי פון אַ לאָנקע פרילינג-צייט. דער שלאָף האָט לאַנגעוויטשן איבערגעטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט, וואו דער שונא איז געווען צעשלאָגן, פּוילן באַפרייט, און הענריקע, אַ צעשטראַלטע, האָט אויפגעהויבן די „דיקטאַטור", וואָס האָט זיך געוואַלגערט ביי זיינע פיס און זי אים אָנגעטון אויפן קאָפּ.

לאַנגעוויטש האָט זיך מיטאַמאָל אַ ריס געטון פון דער שטול, געכאַפּט דעם רעוואָלווער און מיט אַ צעקרימט פּנים, ווי ער וואָלט נור וואָס איבערגעלעבט יסורים, האָט ער זיך געלאָזט צו דער טיר, פון וואַנען ס'האָבן זיך געטראָגן קולות.

אין מיטן צימער איז געשטאַנען טשאַכאָווסקי מיט אַ שפּיצרוט אין דער האַנט און מיט די בלויזע אויגן, גרויע וועלפישע אויגן, אָפּגעשטעלט די צעהיצטע אָפיצירן, וואָס האָבן זיך געריסן צו אים פון דער פּאָדלאָגע מיט אַנטקעגנגעשטעלטע רעוואָלווערן.

– וואָס איז? וואָס איז געשען? – האָט לאַנגעוויטש אַ פרעג געטון.

קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט צו אים. טשאַכאָווסקי האָט זיך גערעדט זיינס:

– חזירים דאַרף ער פּאַשען, נישט טראָגן אַ מונדיר! אַ דעזשורנער

שלאָפט נישט! ווען איך בין לאַנגעוויטש, וואָלט איך אייך אַלעמען דורכגעטריבן, אַלעמען געשיקט חזירים פּאַשען!

— דער פּאַן פּולקאָווניק האָט אָבער קיין רעכט נישט צו שלאָגן! — האָט דער דעזשורנער, אַ בלייכער, מיט אַ לענגלעכע טויטע נאָז, זיך אַנטקעגנגעשטעלט.

— דערשיסן וואָלט איך דיך געדאַרפט! — האָבן די אויגן ביי טשאַכאָווסקין אַרומגענומען יעדן בויג, יעדן קער, זיי פּאַראַליזירט — אַ זעלנער טאָר נישט שלאָפן אויף דער וואַך! און דאָס רעדט נאָך אַנטקעגן. האַלט ס'מויל!

קאַלטבלוטיק האָט ער זיך געדרייט צווישן די אָפיצירן, וואָס זענען האַלב-געלעגן, האַלב-געזעסן, געשטיקט אין זיך דעם כּעס. ער האָט קרום אַ קוק געטון אויף לאַנגעוויטשן, ווי ער וואָלט געזאָגט — דאָס איז דיין אַרבעט — און איז אַרויס אויף דער גאַס.

דער געטאַמעוועטער פּאַרדרוס האָט זיך איצט גענומען רייסן פון הינטער די פונאַנדערגעקנעפּלטע מונדירן, אַנדערע האָבן זיך געזעצט, אַנדערע — געשטעלט:

— וואָס מיינט ער זענען מיר?

— זיך לאָזן באַליידיקן?

— אויפהויבן די הענט אויף אַ גלייכן?

— מיר טאָרן נישט פאַרשווייגן!

— עסן גיט מען נישט!

— שלאָפן לאָזט מען נישט!

— ער מוז זיך אַנטשולדיקן פאַר אונז!

— ווער גייט מיט מיר צום גענעראַל?

— און דעם גענעראַל הערט ער?

— וועט ער אונז הערן!

— קומט!

די שווערדן האָבן אָנגעהויבן קלימפּערן, מען האָט זיך געטומלט און אין דעם טומל האָט קיינער נישט באַמערקט פּוסטאָוואָויטאָוונען, ביז זי האָט זיך וואוילעריש אַ שטעל אַוועק געטון:

— און וואָס נעמט איר זיך אַזוי איבער, פּאַנעס מיינע? איז וואָס, אַז טשאַכאָווסקי גיט אונז נישט אָפּ קיין כּבוד? אַ גוטער זעלנער איז ער, דעם שונא שלאָגט ער? איך בין פּונקט אַזאַ יחסנטע,

ווי איר, און ווען ער וואָלט אַפּילו מיך געראָפן „גרויע סוקע" און וואָלט דעם שונא געשלאָגן, וואָלט איך געשוויגן, נישט זיך געבונטעוועט.

— אָבער קיין האַנט דאַרף ער נישט הויבן — האָט זיך עמעצער געפּרובט פאַרענטפערן.

— אַז אַ דזשורני שלאָפט אויף דער וואַך, דאַרף מען אים דערשיסן! דאָס ווייס יעדער פון אייך!

העניריקעס רייד האָבן אָפּגעשוואַכט דעם כעס. איינציקווייז האָבן די אָפיצירן זיך צוריק געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע. דאָ און דאָרט האָט זיך נאָך געהערט אַ גראָב וואָרט. ס'האָט אָבער לאַנג נישט גענומען און דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט שלאָף.

לאַנגעוויטש, וואָס האָט צוגעזען די סצענע, האָט נישט געטראַכט וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך, זיך בלויז געערגערט, וואָס אין דעם טומל האָט מען איינגאַנצן פאַרגעסן אָן אים. קיינעם איז צומאָל נישט איינגעפאַלן זיך ווענדן צום גענעראַל, וואָס איז געשטאַנען אין דער טיר. איז וואָס, אַז ער איז אַ גענעראַל, וועט מאָרגן אפשר ווערן דיקטאַטאָר? וואָס גייט עס אים איצט אָן? און אַז ער שלאָגט דעם שונא, איז וואָס? העניריקע וואָלט זיך פאַר אים קיינמאָל אַזוי נישט אָנגענומען! זי לייקנט, ער איז אָבער זיכער, אַז זי איז נישט גלייכגילטיק צו טשאַכאָווסקין, האָט אים נאָך אַלץ ליב...

ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אין דעם טיפן שטול, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן פאָרענטש און זיך איינגעהערט, ווי אין די שלייפן קלאַפּן העמערלעך.

העניריקע איז שטיל אַריין, געקוקט אַ ווייל אויפן איינגעקאָרטשעטן גענעראַל, וואָס איז קלענער געוואָרן אין דעם שטול און דערפילט, אַז ער ליידט איבער איר. זי איז אונטערגעגאַנגען, אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין דין־געשוירענעם קאָפּ האָר. דאָס איז גענוג געווען. ער האָט זיך אַ הויב געטון פון שטול, אַריינגעזעצט אין איר העניריקען און גרייט געווען איר צו פאַרגעבן אַלע עוולות. דאָס אָנגעכמורעטע פּנים האָט זיך גענומען לייטערן.

אין העניריקעס האַלטן־זיך האָט מען געזען, אַז דאָ זיצט נישט מער קיין גענעראַל מיט זיין אַדיוטאַנט — דאָ זיצט אַ דאַמע, אַ צעפּיעשטשעטע, וואָס איז פאַרליבט אין זיך, הערט ניט, וואָס מען רעדט צו איר און

קוקט אויף אירע אָפּיצערסקע קליידער, ווי זי וואָלט זיי דאָס ערשטע מאָל אָנגעטון.

— וואָס זאָגסטו, הענריקאַ — האָט לאַנגעוויטש אַריינגעזעצט די שפּיץ פינגער פון דער רעכטער האַנט צווישן צוויי קנעפּלעך פון מונדיר, אָנגעטאַפּט מיט זיי די קאַסע, וואָס האָט געהאָנגען אויפן האַרץ און זיך דערפילט זיכערער — זיי שטייען דאָך אַלע צו, ווילן, כ׳זאָל ווערן דיקטאַטאָר — — — —

— ווער זענען דאָס די אַל ? מיינסט דאָך די מאַגנאַטן פון וואַווער ? — האָט זי אים איבערגעריסן — די אַרמיי האַלט זיך ביים פּאַנאַנדערפאַלן, יעזשאָראַנסקי מיט זיין שטאַב טוען דיר אַ טובה, ווען זיי גייען האַנט אין האַנט, און מיטאַמאָל — ד י ק ט אַ ט אָ ר, איבער וועמען ?

— פאַרוואָס ביסטו קעגן ? — האָט זיין שטים געציטערט.

— האָסט דאָך געהערט — האָט זי מאַנסבילִיש פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פּיס — און כ׳בין גאָר נישט קעגן. כ׳וויל אָבער, דו זאָלסט די דיקטאַטור דיך אָנטון מיט דיינע אייגענע הענט, נישט זי נעמען פון די מאַגנאַטן, ווי אַ געשאַנק און דערמיט צערייצן די אַפּעטיטן ביי יעדן „הונטצוואָט״ אין שטאַב. און דאָס איז דאָך אַזוי לייכט ! די דיקטאַטור וואַלגערט זיך אונטער די פיס, מען דאַרף זיך נור איינבויגן און זי אויפהויבן — וועלן אַלע פאַרמאַכן די מיילער. אויב דו, מאַריאַן, וועסט זי באַקומען פון די מאַגנאַטן, וועט מען עס דיר קיינמאָל נישט מוחל זיין ! קענסט נישט יעזשאָראַנסקין און, דער עיקר, דעם אינטריגאַנט זיינעם, דעם געשטופּעלטן וויניצקין — — —

— און וואָס זאָגט טשאַכאָווסקי ? — האָט לאַנגעוויטש זיך אַ פרעג געטון, זיך גלייך געכאַפּט, אַז ס׳איז איבריק, געוואָלט פאַריכטן און באָך ערגער געמאַכט — ער איז אַוודאַי קעגן !

— כ׳האָב מיט אים וועגן דעם ניט גערעדט.

— האָסט מיט אים נישט גערעדט ?

— טשאַכאָווסקי איז אַ געבוירענ׳ער זעלנער. ער מישט זיך ניט אין פּאָליטיק, איז בייז, וואָס מיר זיצן דאָ אין גאָשטשי, טוען גאָר נישט, ווען דער שונא רוקט זיך אַלץ נענטער

— דאָס זאָגסטו דאָך, דאָס האָב איך שוין געהערט, אבער וואָס זאָגט ער, טשאַכאָווסקי ?

זי האָט אַ צי געטון מיט די שמאָלע אַקסלען, ווי זי וואָלט אָפּגעשאָקלט אַן אומאַנגענעמע זאַך, און גערעדט אירס.

— זיצן מענטשן אין גאָשטשי און ווילן דווקא מאַכן „געשיכטע". געשיכטע אָבער מאַכט מען נישט, געשיכטע מאַכט זיך אַליין.

— הענריקאַ, האָסט אים נאָך אַלץ ליב?

— וועמען?

— טשאַכאָווסקין.

זי האָט נישט געענטפערט, זיך אויסגעוויקלט פון לאַנגעוויטשעס פענכער מיט טאַבאַק אַ פּאַפּיראָס, פאַררויכערט און אויסגעזען, ווי אַ פאַנסיאָנערקע, וואָס האָט זיך איבערגעטון אין מיליטערישע קליידער.

— וואָס שווייגסטו, הענריקאַ — איז ער צוגעשטאַנען צו איר — זאָגסטו, כ'זאָל נישט אָננעמען די דיקטאַטור?

— ניין.

— וועט זי דאָך אַ צווייטער נעמען

- נישטאָ קיין צווייטער.

— און מעראָסלאַווסקי?

— וואו אַ שאָטן, זעסטו אַ קאָנקורענט. מען וועט מעראָסלאַווסקין קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין מפּלה ביי קשיוואָסאָנדז.

— טאָ וואָס איז דיין עצה, טייערע הענריקאַ?

— מען דאַרף פריער שלאָגן דעם שונא!

— דאָס טוען מיר דאָך!

— דערווייל, מאַריאַן, שלאָגט מען אונז, און פאַרגעס נישט, אַז גלייך ווי דו וועסט ווערן דיקטאַטאָר, וועט דער שונא נישט שווייגן. ער וועט קאָנצענטרירן אַ וואָס גרעסערע אַרמיי קעגן דיר, וועט זוכן צוצעשלאָגן אונזער ביסל מיליטער, און צי האָסטו שוין אַ טראַכט געטון, וואָס פאַר אַ פּנים ס'האָט אַ דיקטאַטאָר אָן אַן אַרמיי?

לאַנגעוויטש איז געשטאַנען ביי הענריקאַן, געגלעט אירע ווייכע, צוגעשוירענע האָר און זיך געחדושט, פון וואַנען ס'נעמט זיך צו אים אַזאַ זיכערקייט אין איר געגנוואַרט. פון אַלע קנופּן ווערן שלייפן, עפּענען זיך לייכט.

פון דעם בלאָנדן, צעפּאַטעלטן קעפּל האָר, האָט זיך געהויבן

אַ ליכטיגקייט, וואָס נור ער, לאַנגעוויטש, האָט עס געזען, געגלויבט, אַז שטענדיק, ווען די ליכטיגקייט באַווייזט זיך, איז מער נישטאָ קיין געפאַר. ער האָט זיך אַ צי געטון איבער איר, און אַז העגריקאַ האָט זיך לייכט אַרויסגעדרייט, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען אַ געבויגענער, איינגעזאַפּט אין זיך אַ ליכטיקע וואַרעמקייט, וואָס העגריקאַ האָט איבערגעלאָזט אין צימער.

## קאַפּיטל 6

# די דיקטאַטור

מיטן טאָג האָט זיך לֿאַנגעוויטש אויפֿגעכאַפּט. אַן אָנגעכמורעטער, אַ טרויעריקער, ווי שטענדיק, איז ער אײנער אַלײן אַרומגעריטן די פּאָזיציעס. דאָס, וואָס ער האָט נעכטן העגריקען צוגעזאָגט, האָט ער פֿאַרגעסן, געווען זיכער, אַז אויב ער נעמט הײנט נישט אָן די דיקטאַטור, נעמט זי מאָרגן מעראָסלֿאַווסקי אָן.

ער איז געריטן האַרט מיטן וואַלד. אָפּטײלֿונגען מילֿיטער האָבן מיטן באַגינען שוין מאַרשירט איבערן פֿעלד, וואָס איז געלֿעגן אין טאָלֿ. קאַוואַלֿעריע האָט גאַלֿאָפּירט אַהין און צוריק. זעלֿנער אין קורצע פּעלֿצלֿעך, אין אויסגעריבענע קאַפּטאַנעס, זעלֿנער אין אולֿאַנישע מונדירן, אין יעגער־קאַפּאָטעס — האָבן זיך פֿאַרבײגעטראָגן. קלֿויסטער־ברידער אין ווײסע קאַפּאָטעס מיט בײטשן פּאַטשערקעס אין די הענט האָבן זיך געשאַרט צווישן די זעלֿנער. מען איז געגאַנגען מיט קאָסעס, מיט לֿאַנגע שווערדן, זיך געדרײט אַרום די קוזשניעס, וואו מען האָט געשמידט פּיקעס, קאָסעס, אָנגעגלֿיטע שטאַבעס און אין דער גרויקײט פֿונם מאָרגן האָבן פֿונקען זיך געצונדן, מיטגעבראַכט אַן אויפֿגעהײטערט געזאַנג:

— „Do broni ludu — powstańmy wraz."

ער קאַלֿטער, שטײפֿער מאָרגן האָט לֿאַנגעוויטשן אָפּגעפֿרישט. ער האָט זיך דערפֿילֿט זיכערער, זיך באַקוועמער אַרײנגעזעצט אינם זאָטלֿ, ווי ער וואָלֿט צוגעוואַקסן מיטן פֿערד, און געקוקט אויף דער אַרמײ, וואָס איז געלֿעגן אין טאָלֿ. זײן בליק איז געפֿאַלֿן אויף די פּאַלֿאַטקעס, אויף די פֿײערן, אויף די בײטן זעלֿנער, וואָס האָבן זיך געקניפּט, זיך געשלֿענגלט אַזש הינטער דער פּלֿעבאַניע. דאָס

אַלץ האָט ער אויפגעטון מיט זיינע צען פינגער. ס׳האָט אים צעוואַרעמט. ערשט נעכטן האָט ער געגנבעט די גרענעץ, געבעטלט ברויט מיט מילך ביי די פויערים אין די דערפער, און אַז ס׳איז געשען מיט אים אַ נס, וועט דער נס ווייטער אָנהאַלטן. דער פירער אין לאַנגעוויטשן האָט געשפרייזט איבער אַלע שוועריגקייטן, אַוועקגעשאַרט וואָס ס׳איז געשטאַנען אין וועג, האָט עס געמעגט זיין אַפילו העגריקאַ און געגלויבט, אַז מאָרגן — איבערמאָרגן וועט ער שטיין מיט אַ גרעסערער אַרמיי הינטער וואַרשע.

לאַנגעוויטש האָט זיך געלאָזט מיט דער לאָנקע, איז פאַרבייגעריטן אַ פערד־שטאַל, וואו זעלנער האָבן געהאַלטן אין אויסלאָדעווען אַ וואָגן מיט זעק.

דער אָנפירער, אַ שלאַכטשיץ אין די פערציקער, מיט דיקע וואָנסן, וואָס קריכן אין מויל אַריין, איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן דער טיר פון שטאַל, אַ פוס פאַרלייגט אויף אַ פוס און געררויכערט אַ פייקע.

— וואָס לאָדנט איר אויס? — האָט לאַנגעוויטש זיך געפרעגט ביי די זעלנער.

— אָפגעשלאָגן אַביסל האָבער פאַר די פערד — האָט דער אָנפירער סאַלוטירט און נישט אַרויסגענומען די פייקע פון מויל.

— ווער האָט אייך געשיקט אָפשלאָגן האָבער פאַר די פערד? — איז לאַנגעוויטש געוואָרן שטרענגער.

— קיינער האָט מיך נישט געשיקט — האָט דער שלאַכטשיץ נאַכלעסיק געענטפערט און ווייטער געררויכערט די פייקע.

— אַז מען רעדט צו אַ גענעראַל, דאַרף מען די פייקע פון פיסק אַרויסנעמען! — האָט לאַנגעוויטש כמעט אַ געשריי געטון.

— אַ פיסק האָט אַ פערד, נישט קיין שלאַכטשיץ

— האַלט ס׳מויל!

— נישט איך!

— שווייג, דען כ׳הייס דיך אַרעסטירן!

— היי, כלאָפּצי, — האָט דער שלאַכטשיץ אַ געשריי געטון צו די זעלנער — אַרויף אויף די פערד. אַז מען באַליידיקט אייער אָנפירער, קאָנען מיר דאָ לענגער נישט בלייבן!

לאַנגעוויטש האָט געציטערט פון אויפרעגונג און איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, זענען די זעלנער מיט זייער אָנפירער שוין געווען ווייט אין פעלד.

די זיכערקייט איז פון אים ווידער אַוועק. פאַר די אויגן איז געלעגן דער לאַגער אַ פרעמדער. קיינעם גייט נישט אָן צו באַפרייען פוילן — יעדער איינער וויל זיך נור אַרויסשטופּן אָן דער שפּיץ. מאָרגן קאָנען אים אַלע פאַרלאָזן — יעזשאָראַנסקי, טשאַכאָווסקי און ער וועט בלייבן דיקטאַטאָר איבער די וועלדער.

ער איז געריטן צווישן די פּאַלאַטקעס, נאָכגעלאָזט די צוים, ס׳פערד זאָל גיין וואו עס וויל און דאָס אַזוי אויך אָנגעכמורעטע פּנים האָט געשפּרייט אַרום זיך צער.

ווירזשביצקי איז אַרויסגעקראָכן אויף אַלע פיר פון דער בודע, ווען לאַנגעוויטש איז אָנגעריטן. ווירזשביצקי האָט פאַרגעסן, אַז די גלידער זענען ביי אים איינגעלאָפן פון קעלט, ער האָט זיך אויסגעגלייכט, איז געבליבן שטיין ווי אַ קלאָפּטער, און די בלויע אויגן האָבן געקוקט מיט פרייד אויפן גענעראַל, געוואָלט עפּעס טון פאַר אים, ווען ער וואָלט אַפילו געדאַרפט באַצאָלן מיט זיין אייגן לעבן.

לאַנגעוויטש איז פאַרבייגעריטן, נישט געזען דעם זעלנער און אַז מרדכי איז אַרויסגעקראָכן פון דער בודע, האָט ווירזשביצקי זיך אַ צי געטון, ווי ער וואָלט זיך געקליבן נאָכלויפן דעם גענעראַל און מיט אַמאָל אַרומגעכאַפּט מרדכין.

— וואָס פאַר אַ זעלנער זענען מיר? מיר רייבן זיך די אויגן פון שלאָף, און אונזער גענעראַל איז שוין אַרומגעריטן די פּאָזיציעס!

---

נאָכן אָנבייסן האָט לאַנגעוויטש אַרויסגעשיקט פונם גרויסן צימער די אַדיוטאַנטן, אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר אַ וואַך פון קאָסיענערן, מען זאָל קיין זייטיקע מענטשן נישט אַריינלאָזן, און אַ שטומער געוואַרט, מען זאָל זיך אָנהויבן צונויפצוקומען.

ער האָט זיך געאַמפּערט מיט די פיר ווענט, מיט זיך אַליין. וואו זיין בליק איז נישט געפאַלן — איז אויסגעוואַקסן אַ שונא. ער האָט מורא געהאַט, אַז מיט ביעכאַנסקין, דעם דעלעגאַט פון דער פּאָלקס-רעגירונג, וועט זיין שווערער דורכצוקומען, ווי מיט יעזשאָראַנסקין.

די דיקטאַטור האָט ביי אים אויפגעהערט צו זיין אַ וואָרט, מיט וועלכן מען קאָן זיך איבערנעמען. ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ פּלאָנטער, וואו ס׳אייגענע געוויסן האָט זיך געקאָרטשעט, זיך נישט געקענט באַפרייען. ער האָט געפילט — נישט געבראַכט עס פאַר די ליפּן, — אַז

אַפילו אין דעם וואַקסן פון דער דיקטאַטור, אין זיין דערנענטערן זיך מיט אַן אַרמיי צו וואַרשע, וואָס ער זאָל נישט טון, איז שוין אָנגעצייכנט זיין אייגן פאַל. די גאַנצע שרעק פון אַ דיקטאַטאָר אָן אַן אַרמיי האָט אים נישט אָפּגעשטעלט צו קריגן די דיקטאַטור, בלויז געמאַכט דעם ווייטאָג טיפער, ס'אָנגעכמורעטע פּנים פאַרעקשנטער און אין דער שטומער פאַרביסנקייט, אין דעם זיך נישט קלאָגן אויף דער אייגענער מפּלה, איז געלעגן לאַנגעוויטשעס גאַנצע גרויסקייט.

די ערשטע זענען געקומען יעזשאָראַנסקי מיט ווינ‏יצקין. די שטיוול פאַרבלאָטיקט ביז איבער די כאָליוועס און צווישן דער פאַרטרוקנטער בלאָטע האָבן געבלישטשעט פלעסטערלעך לאַקיר. די מאַנטלען אויסגעשמירט, צעקנייטשט, ווי מען וואָלט זיך געוואַלגערט אין זיי ערגעץ אין פעלד, צוזאַמען מיט די זעלנער.

— און מיר האָבן געמיינט, ס'איז שפּעט. — האָט ווינ‏יצקי, ווי זיין שטייגער איז, גערעדט אי פאַר זיך, אי פאַר זיין חבר.

— אָט איז וואָליקורסקי אויך! — האָט לאַגגעוויטש זיך פאַרענטפערט, ווי ער וואָלט געווען שולדיק, וואָס מען איז זיך נאָך נישט צונויפגעקומען.

לאַנגעוויטש האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב היינט צו זיין פריינדלעכער, ווי שטענדיק. ער האָט זיך אַריינגערוקט צווישן ווינ‏יצקין און יעזשאָראַנסקין, געשטעלט מיט זיי עטלעכע טריט, באַלד פאַרגעסן אָן ווינ‏יצקין און גענומען יעזשאָראַנסקין אונטערן אָרעם. זיי האָבן זיך געלאָזט פון איין עק צימער אין צווייטן. לאַנגעוויטש האָט זיך געקליבן אַ טאָפּ צו טון דעם דופק ביי יעזשאָראַנסקין, געוואָלט וויסן, ווי ער האַלט מיט אים, האָט זיך די צונג ביי אים מיט אַמאָל אַ דריי געטון, און לאַנגעוויטש האָט זיך צערעדט קלאָץ-בוידעם. אין דער טיר איז געשטאַנען בענטקאָווסקי, דער שעף פון דער אַרמיי. לאַנגעוויטש האָט זיך אַנטשולדיקט און איז אונטערגעגאַנגען צו בענטקאָווסקין.

יעזשאָראַנסקי האָט אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ, וואו די קאָנפעדעראַטקע מיט די פעדערלעך איז וואוילעריש געזעסן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין מיטן צימער, אַריינגענומען די שווערד צווישן די פיס. ווינ‏יצקי האָט זיך צו אים אַ בויג געטון:

— געוואָלט וויסן, ווי זיינע אַקציעס שטייען?

— אַ פייג האָב איך אים געזאָגט! — האָט יעזשאָראַנסקי צוגעקנעפּלט

זיין מאַנטל, וואו אַ קאָלירטע באַנד האָט זיך געקנייטשט אַרום אַקסל און געקוקט פאַר זיך מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געשפּילט טעאַטער.

וויניצקי האָט געשמייכלט. זיין פּנים, וואָס איז געווען געשטופּלט, אַ שטופּל אין אַ שטופּל, ווי פּאָקן ביי אַ קאַטשקע, האָט אָנגעיאָגט אַ קעלט. דערצו זענען זיינע צעשויבערטע האָר געווען שטייף, און אין די קליינע, בייזע אויגן איז געווען עפּעס מערדערישעס.

וואַליגורסקי, אַ שטילער, אַן אבערגלויביקער, האָט זיך גערוקט אין אַ ווינקל, זיך געפילט אומהיימלעך, וואָס וויניצקי זיצט קעגנאיבער און גלאַט נישט פאַרשטאַ ען, ווי נאָך איינער מיט אַ פּנים פון אַ נישט-גוטן דרייט זיך צווישן מענטשן. ער האָט געקוקט מיט זיינע מילדע אויגן אויף לאַנגעוויטשן, אים פאַרזיכערט – וואָס וועסט הייסן, וועל איך טון, גענעראַל. ער האָט זיך נישט שטאַרק פאַנאַנדערגעקליבן, וואָס דאָ וועט פּאָרקומען, געזען פון וויניצקיס זייט אַן אינטריגע קעגן לאַנגעוויטשן און ער האָט דעם געשטופּעלטן נאָך מער פיינט באַקומען.

וואַליגורסקי האָט געהאַלטן די רעכטע האַנט אין דער הויזן-קעשענע, וואו עס זענען געלעגן עטלעכע גילדן. ער איז נישט מיד געוואָרן צו ציילן די גילדן, שוין געהאַט אָנגעציילט עטלעכע טויזנט און געגלויבט, אַז אויב ער וועט אָפּציילן צען טויזנט ביז די באַראַטונג וועט זיך אָנהויבן, וועט לאַנגעוויטש ווערן דיקטאַטאָר.

ביעכאַנסקי, דער דעלעגאַט פון דער פּאָלקס-רעגירונג, מיט אַ באַוועגלעך פּנים וואָס טוט זעלטן אַ שמייכל, האָט זיך געדרייט אַ פּאַרטראַכטער איבערן צימער, געצופּט זיינע דינע וואָנסן, און זיין גאַנצער גוף האָט זיך געמוחט, אפילו די הויכע פּלייצע האָט געטענהט – וואָס טוט איר, מענטשן? וואָס גייט איר טון? ס'איז דאָך אַ פאַרשווערונג קעגן דער פּאָלקס-רעגירונג!

בענטקאָווסקי, דער שעף פון שטאַב, מיטן אויסזען פון אַ דיפּלאָמאַט, האָט געהייסן אָפּרייניקן דעם וואורשט מיט די ברויטן פון טיש. אַליין האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ נאָטיץ-ביכל, וואו ער האָט מיט אַ דייטשער פּינקטלעכקייט יעדע קלייניגקייט פאַרצייכנט.

האַביע גראַבאָווסקי מיט זיינע צוויי אַרויסהעלפערס האָבן געבראַכט מיט זיך די העפלעכקייט פון אַ סאַלאָן. גראַבאָווסקי, אַן אויסגעפּערפומירטער, אַ פאַרקעמטער, האָט אָנגעשטעלט זיין מאָנאָקל אויפן עולם און מיטן לענגלעכן, אַריסטאָקראַטישן פּנים געבליבן זיצן

אַ זיכערער און אַ רוהיקער, די רוהיגקייט פון אַ שיין פּנים אויף אַ בילד.
וואָס ס'איז צוגעקומען אַ מענטש אין צימער, איז לאַנגעוויטש אַלץ מער אין זיך אַריין, זיך איינגעצן נישט געמישט, ווי עס וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אים. ער האָט ערגעץ אויפגעזיכט אַ פּאָר ברילן מיט אַ ברייטער טאַשמע, זיי אָנגעטון, און דאָס פאַרכמורעטע פּנים האָט מער געפּאַסט פאַר אַ דייטשן פּראָפעסאָר, ווי פאַר אַ גענעראַל.
יעדער איינער האָט גלייכצייטיק גערעדט מיט צוויי, דריי אַנדערע. די רייד האָבן זיך געהויבן איבער קעפּ, זיך געקויקלט איבערן טיש און אין צימער איז געשטאַנען אַ טומל. דער עולם אין די היטלען, אין די ווינטערדיקע מונדירן — אַלץ האָט דערציילט, אַז דאָ בייט מען אָפּטון עפּעס אויף איין פוס און אין איילעניש.
יעזשאָראַנסקי האָט אָנגעכאַפּט בענטקאָווסקין פאַר אַ האַנט, און אים אַריינגערעדט:
— איר פאַרשטייט, אין תּוך בין איך קעגן, ער זאָל ווערן דיקטאַטאָר, בין טיף איבערצייגט, אַז נישט איינער פון אונז האָט מער רעכט עס צו ווערן, ווי לאַנגעוויטש. אין נאָמען אָבער פון פּאַטריאָטיזם וועל איך שטיצן זיין קאַנדידאַטור!
— מיר וועלן אים שטיצן, ווען ער וועט זיך אָפּזאָגן צו זיין גלייכצייטיק פירער פון דער אַרמיי. — האָט וויניצקי זיך אָנגערופן.
— דאָס איז זיכער — האָט בענטקאָווסקי כמעט איינגערוימט יעזשאָראַנסקין — איר, גענעראַל, און טשאַכאָווסקי וועלן אָנפירן מיטן מיליטער.
— ווער, טשאַכאָווסקי? — זענען די לעכלעך אויף דעם געשטופּעלטן פּנים גרעסער געוואָרן — דערפאַר, וואָס ער האָט אויף זיין לעבן געשאָסן אַ סך ווילדע חזירים? און אפשר דערפאַר, וואָס ער ראָמאַנסירט מיטן „פוסטן-וואויטעק"?
— מיט וועמען? — האָט בענטקאָווסקי אָנגעשטעלט אַן אויער.
— הערט נישט, וואָס ער רעדט, דער וויצלינג — האָט יעזשאָראַנסקי אַן אויפגעלייגטער כּלומרשט פאַרשטעלט וויניצקין דאָס מויל מיט דער האַנט — ער מיינט פּוסטאָוואויטאָוונאַן.
— נישט שיין אַזוי צו רעדן וועגן אַ קאָלעגע און דערצו נאָך אַ פרוי, — האָט בענקאָווסקי זיך געפילט באַליידיקט.
— אַז עס האַלט ביי אַ דועל, פּאַניע שעף — האָט וויניצקי געמאַכט אַן ערנסטע מינע.

— צווישן וועמען?

— צווישן לאַנגעוויטשן און טשאַכאָווסקין.

עס איז געוואָרן מיט אַמאָל שטיל. לאַנגעוויטש, אַ בלאַסערער ווי שטענדיק, האָט גערעדט:

— פּאַנאָוויע און קאָלעגן, אַזוי ווי אין מיין געגנוואַרט וועט איר זיך ניט פילן פריי, נישט קאָנען זיין אָפנהאַרציק, וועל איך בעסער אַרויסגיין, געבן יעדן איינעם פון אייך די געלעגנהייט — — —

— דאָס נישט, דאָס נישט! דער גענעראַל וועט בלייבן צווישן אונז! — האָבן זיך עטלעכע אָנגערופן.

יעזשאָראַנסקי איז אונטערגעגאַנגען צו לאַנגעוויטשן, אים אַרומגענומען:

— וועסט אונז נישט שטערן, בלייב.

זיי זענען ביידע געבליבן זיצן אויף אַ פיר-פּיסיקער באַנק. ס'איז געוואָרן אַ ווילדע שטיל. הראַביע גראַבאָווסקי, וואָס איז געזעסן אויבן-אָן, האָט אַרומגענומען מיטן מאָנאָקאָל די פאַרזאַמלטע און אָנגעהויבן מיט ווירדע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ דיפּלאָמאַט:

„— — — אַלע וויסן צו וואָס מיר האָבן זיך היינט דאָ פאַרזאַמלט, ס'איז מער קיין סוד נישט. די צייטווייליקע פאָלקס-רעגירונג, פּאַנאָוויע, האָט מער נישט געקאָנט אַרבעטן אין געהיים. דער אויפשטאַנד האָט אַריבערגעוואָקסן די פאָלקס-רעגירונג און זי האָט זיך אויפגעלעזט. איראָפּע, וואָס איז גרייט צו העלפן פוילן, מוז האָבן אַ רעגירונג מיט וועלכער צו פאַרהאַנדלען. די צייטווייליקע רעגירונג האָט דאָס איינגעזען און מיך באַפולמעכטיקט מיט דער הילף פון דער אַרמיי צו שאַפן אַזאַ רעגירונג. נעכטן זענען מיר זיך צונויפגעקומען אין קראָקע מיט פאָרשטייער פון אַלע דריי פאַרטייען און איינשטימיק באַשלאָסן, אַז דער פּאַסיקסטער מענטש צו שטיין אָן דער שפּיץ פון אַזאַ רעגירונג — איז גענעראַל לאַנגעוויטש.

— לעבן זאָל דער גענעראַל לאַנגעוויטש! — האָט זיך וואַליגורסקעס שטים דערהערט די ערשטע, באַלד האָבן אַנדערע אונטערגעכאַפּט.

— ווער פון אייך, פּאַנאָוויע, האָט עפּעס דאַגעגן, זאָל אויפן פּלאַץ אַרויסזאָגן — האָט דער הראַביע ווייטער גערעדט.

אַלע האָבן געקוקט אויף ביעכאַנסקין, דעם דעלעגאַט פון דער פאָלקס-רעגירונג, וואָס איז געשטאַנען אַ הויכער אַ שפּיציקער מיטן פּנים

צום פֿענסטער און מיט די הענט פֿאַרלייגט אויף הינטן. די פֿינגער לאַנגע, דינע, זענען נישט איינגעלעגן, האָבן קאָנוואולסיוו זיך באַוואויגן, ווי זיי וואָלטן געווען באַשעפֿענישן, וואָס פֿירן אַן אייגן לעבן, טענהן צווישן זיך און מיטן גוף האָבן זיי גאָרנישט וואָס צו טון.

ביעלכאַנסקי האָט זיך נישט אויסגעדרייט, פֿון אַ ווינקל האָט וויניצקי געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט, וואָס קיינער האָט עס נישט ערוואָרט:

— קאָן מען אפֿשר זען הראַביע גראַבאָווסקיס... כ'מיין, ווער פֿון אייך, פּאַנאָוויע, איז באַקאָנט מיטן בריוול, וואָס די פּאָלקס-רעגירונג האָט צו אונז געשיקט דורכן הראַביע?

— איך, איך האָב עס — האָט כזשאַנאָווסקי אַ זאָג געטון מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז קיינער האָט צומאָל נישט אַ טראַכט געטון וועגן וויניצקיס טענות.

קאַהאַנע, וואָס איז די גאַנצע צייט ניט געווען אין צימער, איז מיט אַמאָל אויסגעוואָקסן ביי גראַבאָווסקין. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט. די רוהיגקייט אויפֿן הראַביעס פּנים איז אַוועק. קאַהאַנע האָט זיך פֿאַרנויגט:

— כ'האַלט, אַז די פֿראַגע, וואָס פּולקאָווניק וויניצקי האָט באַרירט, איז זייער וויכטיק...

— האָט מען אייך גערופֿן אויף דער באַראַטונג? — האָט בענטקאָווסקי אים נישט געלאָזט ענדיקן.

— מיך האָט קיינער נישט גערופֿן, כ'האָב אָבער עפּעס וויכטיקעס מיטצוטיילן — האָט קאַהאַנע זיך געקליבן אָנצוהויבן פֿון דאָס ניי.

— נישט דאָ, נישט דאָ — האָט בענטקאָווסקי זיך כמעט געבייזערט, וואָס ס'איז נישטאָ קיין דיסציפּלין אין שטאַב — איר וועט מיר מיטטיילן פּריוואַט.

— ווער איז ער? — האָט זיך איינער פֿון די קראָקעווער. געסט געפֿרעגט, ווען קאַהאַנע איז אַרויס פֿון צימער.

פֿון מעראָסלאַווסקיס לאַגער — האָט אַ צווייטער געענטפֿערט.

דאָס זעט מען אָן דער נאָז.

די שטימונג אין צימער האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט. די אַלע, וואָס האָבן אַ גאַנצן פֿרימאָרגן זיך געקווענקלט, צי מען דאַרף

לאַנגעוויטשן מאַכן פאַר דיקטאַטאָר, אים געמאַכט נור דערפאַר, ווייל יעדער איינער האָט נישט פאַרגינען, דער צווייטער זאָל עס ווענדן — דיזעלבע מענטשן האָבן איצט געהאַלטן פאַר נויטיק אונטערצוגיין צו לאַנגעוויטשן, אים זאָגן אַ פּאָר ווערטער. און די ווערטער האָבן געדאַרפט זיין געציילטע, וואָגיקע. כּמעט יעדער איינער האָט גערעדט אין נאָמען פון די איבריקע און גלייכצייטיק נישט פאַרגעסן אונטער־צושטרייכן, אַז ס׳איז אים געגאַנגען אין לעבן, מען זאָל לאַנגעוויטשן מאַכן פאַר דיקטאַטאָר. דער ערשטער האָט זיך אַ הויב געטון הראַביע גראַבאָווסקי, געדריקט לאַנגעוויטשן די האַנט:

— מיר האָבן היינט אָפּגעטון אַ שטיקל אַרבעט, און צי ווייסט דען דער פאַן דיקטאַטאָר, וואָס פאַר אַ שוועריגקייטן כ׳האָב געהאַט?

— כ׳ווייס, כ׳ווייס — האָט לאַנגעוויטש אַ כאַפּ געטון גראַבאָווסקיס האַנט צווישן זיינע, זיך אַזש געטרייסלט.

— מיר האָבן נאָך עפּעס אָפּגעטון — האָט זיך אַ צווייטער אָנגערופן — מיר האָבן באַזייטיקט מעראָסלאַווסקין.

— דער היינטיקער טאָג איז היסטאָריש דערמיט — האָט יעזשאָראַנסקי אין זיין גאַנצער גרויס זיך אַ שטעל געטון — וואָס אייראָפּע וועט באַקומען אונזער אַדרעס, כ׳מיין פוילנס אַדרעס.

ער האָט זיך אַ בויג געטון צום דיקטאַטאָר, אים אַרומגענומען און אַ זאָג געטון מעשה־אַקטיאָר:

— און אונזער אַדרעס ביזטו, לאַנגעוויטש!

— לעבן זאָל לאַנגעוויטש! לעבן זאָל אונזער דיקטאַטאָר! — האָבן זיך עטלעכע שטימען אַ ריס געטון, מיטגעבראַכט קולות פונם הויף.

ביי דער גאַנצער שמחה איז לאַנגעוויטש געשטאַנען אַ פאַר־לוירענער. די ווערטער זענען געפאַלן איבער אים ווי שטיינער און כאָטש ער האָט זיך געמאַכט האַרץ און געשמייכלט צו דעם, צו יענעם — האָט ער אָבער אין זיך געפילט, אַז ס׳איז נישט מער ווי אַ שפּיל. העבריקע איז גערעכט — וואָס פאַר אַ באַטרעף איז צו זיין דיקטאַטאָר, ווען דער שונא איז נישט צעשלאָגן.

ער האָט מער נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים, נישט געזען, ווער ס׳דריקט אים די האַנט. ער האָט געקוקט אין דעם

אָנגערויכערטן חלל, געזוכט העגריקען, זיך געפרעגט ביי די אַרומיקע:
— וואו איז פוסטאָוואויטאוונא?
זי איז אַריינגעקומען, סאַלוטירט:
— כ'בין דאָ, פאַן גענעראַל!
ער האָט אויפגעכאַפּט איר בליק, געוואָרן אַן אָנגעכמורעטער, גערעדט מיט אַ צווייטן, און דער בליק האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, דערמאָנט, אַז מען דאַרף זוכן דעם שונא, זיך פאַרמעסטן מיט אים, צעשלאָגן. און הינטער די ווערטער האָט זיך געגרויט די שרעק, אַז ביים קלענסטן אויסגליטשן זיך, וועלן די אַלע, וואָס פרייען זיך מיט אים, די ערשטע וואַרפן אין פנים אַריין דאָס וואָרט „פאַררעטער“.
און וואָס איז געווען סקרזשינעצקיס סוף? און דעם פירשט יוזעפּס? אין פוילן דאַרף מען אין איין טאָג אויפבויען אַ מלוכה, אַז נישט איז מען אַ פאַרלוירענער.

קאַפּיטל ז

## מלחמה הינטער גראַבאָווייסקי

די נאַכט איז געווען אַ פֿינסטערע, אַ קאַלטע. די אַרמיי האָט זיך געשלעפּט מיט זייטיקע וועגלעך. אַ קאָלאָנע נאָך אַ קאָלאָנע. צו צווייַ, צו דרייַ זעלנער אין אַ שורה, אויסגעוואַקסן אין אַ לאַנגע קישקע, וואָס האָט זיך יעדע ווייַלע איבערגעריסן, געבליבן שטיין, געוואַרט ביז מען האָט אַרויסגעשלעפּט אַן איבערגעדרייטן וואָגן פֿון דער בלאָטע און דער צוג האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. די שטיקער קין, די לאַמטערנעס, וואָס האָבן געדאַרפֿט באַלויכטן דעם וועג, האָבן נאָך טיפֿער געמאַכט דאָס פֿינסטערניש, געשטעלט אין געפֿאַר, דען דער שונא האָט שוין דעם דריטן טאָג נישט געלאָזט אָפּאָטעמען. קליינע פּאַרטיעס קאָזאַקן, וואָס האָבן אָפּגעהאַקט די פּיס, זענען געשטאַנען אין טאָל מיט זייערע פֿערד בייַ צעלייגטע פֿייערן.

— האַלט! האַלט! — האָט מען געשריען פֿון אַלע זייטן.

— וואָס שוין ווידער? — האָט אַ זעלנער איבערגעלייגט די ביקס פֿון איין אַקסל אויפֿן צווייטן.

— ווער ווייסט זיי!

— אַ נאַכט!

— דער שונא זאָל איצט באַפֿאַלן — — —

— נעמט ער אונדז אַלעמען געפֿאַנגען.

— כ'האָב נישט געגעסן פֿון דער פֿרי אָן.

— איך אויך נישט.

— קוים וואָס כ'האַלט זיך אויף די פֿיס, ברודער.

– נעם דערוייל אַראָפּ די ביקס, וועט דיר זיין לייכטער.
מען איז געשטאַנען פינף, צען מינוט. די אייגענע ביינער האָבן געשוועהט, ווי זיי וואָלטן נישט באַלאַנגט צום גוף. מען האָט זיך גערוקט איינער צום צווייטן, געדרימלט שטייענדיקערהייט, און אַז דער שונא האָט זיך גענומען יאָגן נאָך אַ דרימלדיקן זעלנער, האָט ער זיך אַ ריס געטון, געוועזן גליקלעך, וואָס ער געפינט זיך צווישן אייגענע און געפרעגט:
– וואָס שטייען מיר?
– און איך ווייס?
– מען זאָגט, אַז די פויערים, וואָס האָבן געוויזן דעם וועג, זענען אַנטלאָפן.
– טאָ וואָס וועט זיין?
– מען האָט געשיקט אין דאָרף אַריין כאַפּן אַנדערע פויערים.
– ווען מען לאָזט כאָטש דאָ איבערנעכטיקן!
– און מען גיט אַ לעפּל געקעכץ – האָט זיך איינער אויפן קול באַלעקט.
זעלנער מיט רעוואָלווערן אין די הענט האָבן געפירט דריי איבערגעשראָקענע פויערים, געהאַלטן אין איין איבערחזרן:
– אויב איר וועט וואַגן צו אַנטלויפן, וועט מען אייך דערשיסן!
– מיר זענען דאָך צווישן אייגענע, נישט „מאָסקאַלן”, פאַרוואָס זאָלן מיר אַנטלויפן? – האָט אַ נידעריקער פויער געהאַלטן פאַר נויטיק יעדעס מאָל זיך צו פאַרענטפערן.
– מיר קענען אייך!
דער מאַרש האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. ס'איז געוואָרן נאָך פינסטערער, אַז אַ חבר האָט נישט דערקענט אַ חבר, און אַז מען איז אַרויסגעפאַלן פון אַ שורה, איז שווער געווען צו טרעפן צוריק.
– ווי גייט איר? – האָט איין שורה-זעלנער געשריען אויף דער צווייטער.
– ווי בהמות!
– הויבט העכער די קאָסעס!
– איר וועט דאָך אונז די קעפּ אָפּשניידן!
– העכער!
– העכער, צו אַלדע יאָר!
– לאָזט נאָך די צוימען – האָט מען קאָמאַנדעוועט – מיט דער באָז וועט אַ פערד געפינען דעם וועג, נישט בלאָנדזשען.

— אַז ס'ווערט אַלץ בלאָטיקער;
— אַ זומפּיקע געגנט.
— וואו האָט מען אונז דאָ אַרייגעפירט?
— ווי ווילדע חזירים.
— הלואי זאָל מען אַרויס פון דאַנען!

ס'איז אָנגעלאָפן אַ נאַסער, בייסיקער ווינט, מיטגעבראַכט עפּעס שטעכיקעס, וואָס איז שווער געווען צו זאָגן, צי ס'איז אַ רעגן, צי אַ שניי. אין די פאַרלאָפענע אויגן האָבן זיך געצונדן רעדער, נעגטער איבערגעטראָגן די פייערן, וואו די קאָזאַקן מיט זייערע פערד האָבן זיך געוואַרעמט. קיין זאַך האָט מער נישט געשראָקן, מען איז געגאַנגען ווי אין חלום. געגאַנגען שלאָפערדיקערהייט, געשניטן מיט די צעקניפּטע פנימער דעם ווינד, וואָס האָט זיך געריסן איבער די נאַקעטע פעלדער מיט אַ וואָלפיש געוויין.

— אַ דאָרף, אַ דאָרף — האָט זיך געטראָגן פון זעלנער צו זעלנער, כאָטש ס'איז גאָרנישט געווען צו זען, אַ חוץ שניי און רעגן.

מען האָט אָנגעהויבן גיין פאַמעלעכער און ווי פון זיך איז מען קאָלאָנענווייז געבליבן שטיין פאַרן הויף, וואו פענסטער ליכטיקע האָבן געאָטעמט מיט וואַרעמקייט.

— ווען מען פאַרבעט אונז אַזוי אויף אַ גלעזל טיי? — האָט ווירזשביצקי אַ זאָג געטון צו מרדכין.

— איך וואָלט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט — האָט דער שמייכל זיך פאַרלוירן אין מרדכיס צונויפגעדרייטן פנים.

דער שטאַב איז אַרויף אויף די שטיינערנע טרעפּלעך פון דער וועראַנדע, וואו פרויען און מענער האָבן זיי באַגעגנט, און אין די פענסטער איז ליכטיקער געוואָרן.

דער ווינט מיטן רעגן האָבן געשמיסן, דורכגענעצט ביז צו די ביינער. מען איז געשטאַנען פיפצן מינוט, צוואַנציק, אַ האַלבע שעה. פון הינטער די באַלויכטענע פענסטער, וואו דער שטאַב איז געווען, האָבן פלעמלעך זיך געריצט, איינגערוימט, אַז אין די וואַרעמע צימערן זיצט מען איבער געגרייטע טישן. די אויסגעהונגערטע אויגן האָבן געפיבערט, צעגומען די ווענט, זיך איינגעביסן מיט די פאַרסלינעטע מיילער אין די ווייכע, לייביקע פרויען.

— וואָס שטייען מיר דאָ? — האָט איינער אַ שטשירע געטון מיט די ציין.

— אין גיין וועלן מיר זיך דערוואַרעמען!
— קומט!
— אַליין זיצט מען איבער געבראָטענע קאַטשקעס און די, אָרעמער זעלנער, ווייק זיך אויפן רעגן ווי אַ שמאַטע!
— אַ שטיין אין פענסטער וואָלט ניט געשאַט!
— אויך מיר „נאַטשאַלסטוואָ"!
— וואָס זענען מיר, הינט?
— שטייט דאָך אונזער פּאָלקאָווניק אויך! — האָט ווירזשביצקי זיך אָנגערופן.
— און הראַביע קאָמאַראָווסקי אויך!
— און פּאָלקאָווניק טשאַכאָווסקי!
— אַז דער זעלנער איז הונגעריק און דורכגעווייקט, האָט „נאַטשאַלסטוואָ" קיין רעכט נישט צו פאַרברענגען מיט ווייבער!
— נישט קיין רעכט!
— מיר גייען שטערן!
מרדכי האָט זיך צוגעהערט, זיך געחדושט, וואָס ער איז אַזוי גלייכגילטיק און אויף אַ רגע נישט פאַרגעסן, אַז זיינע ביידע פיס ווייקן זיך אין וואַסער, ווי די זוילן פון די צעקרימטע שטיוול וואָלטן אַפּער געשוואומען.
נייגעריקע פּאַראָבקעס האָבן זיך געקליבן, מכבד געווען מיט אויסגע־וויקלטע פּאַפּיראָסן, געטרייסט, אַז מען איז עטלעכע טריט פון דאָרף. אַ מיטליעריקער פּויער, האַלב שכורלעך, איז געגאַנגען פון איין קופּע זעלנער צו דער צווייטער, מכבד געווען מיט אַ גלאָז בראָנפן און מיט צעגומענע הענט געוואָרנט:
— אוי, ברידערלעך, איר וועט פאַרשפּילן. געדענקט אין גאָט, איר מוזט פאַרשפּילן.
אינם רעגן זענען די ווערטער, צעווייקטע, אויפגעכאַפּט געוואָרן פונם ווינט, זיך געטראָגן פון אַ בייזער בשורה ווייט און ברייט.
— פאַרשטופּט אים ס'מויל!
— וואָס קראַקערט ער, דער כאַם!
— לאָזט אים נישט אַוועקגיין!
מען האָט דעם פּויער געבונדן, אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגן און פון דער נבואה זיינער איז נאָך קעלטער געוואָרן.

מען האָט זיך גערירט, זיך אָנגעשטויסן אָן „כאַטקעס״, זיך צעלייגט אין די שטיבער, שטאַלן, שייערן.

מרדכי מיט ווירזשביצקין זענען אַריין אין אַ פערד־שטאַל. מרדכי האָט קוים אַראָפּגעשלעפּט די דורכגעווייקטע שטיוול, אַריינגעשטיפּט די פיס אין דעם וואַרעמען פערד־מיסט, און אַז דער שלאָף האָט זיך געלייגט איבער אים, האָט ער נאָך אַלץ געהערט דעם פויערס ווערטער:

— איר וועט פאַרשפּילן, ברידערלעך, איר וועט פאַרשפּילן...

---

אין דעם קליינעם הילצערנעם הויף, וואו לאַנגעוויטש מיטן שטאַב זענען געווען, איז מען נישט געשלאָפן. אינטענדאַנט וויניצקי, אָן אַ היטל, איז געשטאַנען אונטערן רעגן אויף די טרעפּלעך. דאָס געשטופּלטע פּנים, די גרויסע, קיילעכדיקע אויגן, ווי ביי אַ סאָווע, דער שויבער שטייפער האָר — אַלץ האָט פאַרזיכערט, אַז וויניצקי האָט שליטה איבער די נאַכט־כּוחות, ווען ער לאָזט נישט צוריקגיין אין זייער רו.

ער איז געשטאַנען אָן אַ לאַמטערן, דערקענט יעדן אולאַנער פון זיין פולק, אים אָנגערופן ביים נאָמען. ער האָט זיי געשיקט אין די שכנישע דערפער נאָך עסנוואַרג, נאָך פאַשע פאַר די פערד, באַזאָרגט יעדן וואָגן, וואָס איז אָפּגעפאָרן:

— נישט קומען צוריק אָן פּראָוויאַנט!

אין דעם נאַסן חושך איז געשטאַנען דאָס קלאַפּעריי פון רעדער. פערדישע קאָפּיטעס האָבן טעמפּ געשטויסן לוזשעס וואַסער, זיי צעשפּריצט, און פאַר די טרעפּלעך זענען פאַרפאָרן איין פאַר איבערגעשראָקענע פערד נאָך דער צווייטער.

וויניצקי איז געווען צופרידן מיט זיך, געווען זיכער, אַז אין דער פרי, ווען דער זעלנער אַן אויסגעהונגערטער, וועט זיך וועקן, וועלן די פירן שוין שטיין אין הויף.

דער רעגן מיטן ווינט האָבן נישט נאָכגעלאָזט, ערגעץ זיך געיאָגט אין די פעלדער, צווישן די צעוואָרפענע „כאַטקעס״, און אין די פאַרשטיקטע קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן, איז געווען די שרעק פאַר דער נאַכט.

וויניצקי האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, געשמעקט מיט דער קליינער

פלאַטשעקער נאָז, ווי אַ חיה און באַשלאָסן, אַז מען דאַרף צו גיין אין דאָרף אַריין. עפּעס צו-לאַנג זוימען זיך דאָרט די אולאַנער. ער האָט אַ ווינק געטון צו די זעלנער, וואָס זענען געשטאַנען הינטער אים און אַלע האָבן זיך געלאָזט צום אָפּענעם טויער. מען איז אָפּגעגאַנגען אַ מינוט צען, געשווינן, נישט געוואוסט, צי מען איז שוין אין דאָרף, צי מען בלאָנדזשעט. פאַר דער נאָז איז געלעגן די נאַכט, אַ נאַסע, אַ פינסטערע, צוגענומען ביי מענטשן די ראיה און אין די אויערן האָט געקלונגען. פונקען קאַלטע האָבן זיך געצינדן, איבערגעגאַנגען אין רעדער, און די פּיס, וואָס האָבן זיך געהויבן, זענען, דאַכט זיך, געשטאַנען אויף איין אָרט.

אַ הונט האָט זיך צעבילט, דין און שפּיציק. מען איז געגאַנגען נאָכן בילעריי און דערהערט:

— ווער גייט?

— אייגענע.

ביי אַ „כאַטקע" זענען געשטאַנען אולאַנער מיט אַ וואָגן עסנוואַרג.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט וויניצקי געפרעגט.

— מיר רעקווירירן, פּאַניע פּולקאָווניקו!

— נישט פּולקאָווניקו, נישט פּולקאָווניקו, אַ גענעראַל רעדט צו אייך — האָט ער זיך אַ בייזער געטון, געזוכט די קליאַמקע און אַ ברוגזער געעפנט די טיר.

אַ טוכלער ריח פון צוגעפוילטע קאַרטאָפל האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין. דאָס שטיקל קין, וואָס האָט געברענט אויף דער קיך, האָט נאָך בולטער געמאַכט דאָס פינסטערניש, און וויניצקי האָט ביים אַריינקומען גאָרנישט געזען. ער האָט אויפגעהויבן דאָס שטיקל קין.

אין מיטן שטיבל איז געשטאַנען אַ „באַבע" אין אַ בלויז העמד, געשטאַנען אויף די קני, געכאַפּט די הענט פון איין זעלנער, פונם צווייטן:

— „האָט רחמנות אויף אַן אָרעמע „באַבע", מיר זענען דאָך אַלע קריסטן, נעמט נישט צו דעם ביסן פון מויל — — — מער ווי די צוויי הינער פאַרמאָג איך נישט —.

די זעלנער האָבן דערזען וויניצקין, זיך אָפּגעקוקט און סאַלוטירט.

— וואָס איז? וואָס איז? — איז דער כעס ביי וויניצקין אַוועק, געקוקט אויף דער „באַבע" און געשמייכלט.

— פּאַניע נאַטשעלניקו — האָט זי זיך אַ לאָז געטון אין העמד צו וויניצקין — האָב רחמנות!

— און וואו איז דיין מאַן?

— ער שלאָפט.

די פיס ביי די פויערטע האָבן זיך אַ בויג געטון. וויניצקיס „סטראַשנע" פּנים האָט ביי איר צוגענומען דעם קוראַזש זיך אַנטקעגנצושטעלן. זי וואָלט שוין איצט אַוועקגעגעבן די הינער, אַבי זיי זאָלן זיך אָפּטשעפּען, אַרויס פון שטוב.

— ווי שלאָפט ער ביי אַזעלכע קולות? — האָט וויניצקי זיך אַרוק געטון צום בעט — ער מאַכט זיך געפּגרט! און וואָס האָסטו דאָ אין דעם ערדענעם טאָפּ.

— אַ פּאָר אייער, פּאַניע נאַטשעלניקו!

— שלאָג־אויס אַ פּיינקוכן, אָבער גיך! — האָט ער אַ געשריי געטון און אַראָפּגעשלעפּט די פּערענע פונם פויער — גיי, מאַך דעם אויוון.

דער פויער האָט געעפנט אַ פּאָר איבערגעשראָקענע אויגן, געקוקט אויף זיינע נאַקעטע פיס, וואָס זענען געווען שוואַרץ ווי די ערד, געקוקט אויף וויניצקין און אין דרייען אַ געבויגענער, איז ער אַראָפּ פון בעט אין אַ קורץ העמד ביז צום נאָפּל. ער האָט געוואָלט אַרויפכאַפּן אויף זיך די הויזן, וואָס האָבן זיך געטרוקנט ביים אויוון אויף אַ שטריקל, האָט וויניצקי זיך צעשריען:

— מיר ווילן זיך ווייקן אויפן רעגן און דו, חזריש אויער, ווילסט דיך שלאָפן מיט דער „באַבע" אונטער אַ פּערענע? ווערסט ביי מיר גיין מיט די קאַרטאָפל אין דרויסן, נישט געקרימט זיך, נישט געקרימט, מאַך פייער, גיכער!

הענט און פיס האָבן ביים פויער געציטערט. ס'פּנים איז געוואָרן נאַריש, ווי ביי אַן איבערגעשראָקענער שאָף, און אַ טעמפּער צער איז געלעגן אין די קלוגע, גרויע אויגן.

מאַן און ווייב האָבן זיך געשעמט איינער פאַרן צווייטן, זיך געפּאָרעט אַרום דעם אויוון אָנגעברוגזטע, פרעמדע, זיך געאיילט, און די הענט, ווי פון ליים, האָבן זיך נישט געהויבן.

און אַז וויניצקי איז שוין געזעסן איבערן פּיינקוכן, האָט אים אַלץ איז איינעם געשטופּט דאָס געלעכטער. יעדע ווײַלע האָט ער

אַ הויב געטון ס'פּנים אויפן נאַקעטן פּאָרל און זיך געשטיקט פון געלעכטער.

מיטן עסן איז ער געוואָרן אויפגעלעגטער, געלאַכט אין־זיך, אויפן קול, געטראַכט, ווי ער וועט מאָרגן אין שטאַב דערציילן די מעשה, נאָכמאַכן, ווי דער פויער האָט געשטעלט די אויסגעבויגענע פיס, ווי דאָס נאַקעטע פּאָרל האָט זיך אַרומגעדרייט אָנגעברוגזטע און זיך אַזש פאַרהוסט פונם בלויזן געדאַנק, וואָס די חברים וועלן זיך מאָרגן כאַפּן פאַר די בייכער.

ער האָט געהייסן די זעלנער מיטנעמען די הינער, איבער־געלאָזט אַ פּאָר קופּערנע מטבעות און אַ צופרידענער אַרויס אין דרויסן.

דער רעגן האָט אויפגעהערט, אַ טרוקן ווינטל האָט געבלאָזן, צעטריבן די פייכטקייט. שיטערע שטיקער וואָלקן האָבן זיך געררוקט, קלענער געמאַכט דאָס פינסטערניש, און די גריבלעך וואָסער האָט פון מאָל צו מאָל אַ בלישטש געטון ווי שויבן.

די מידקייט האָט אונטערגעהאַקט די פיס, זיך געלייגט אויף די אויגן־לעפּלעך, איינגערוימט, אַז מען דאַרף אַרויסטרייבן אַ פויער פון דער „באַבעס" בעט, פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

וויניצקי האָט זיך דערשלעפּט צום הויף, פאַרבלאָנדזשעט אין ערשטן שייער און ווי אַן אונטערגעהאַקטער זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן אויפן היי צווישן די זעלנער.

---

אינדערפרי איז שוין די אַרמיי געווען אויף די פיס. מען האָט מאַרשירט אַ שעה, צוויי, פאַרבייגעגאַנגען דאָס דערפל גראָכאָוויסקי און זיך אָפּגעשטעלט.

מען האָט צעלייגט פייערן. וויניצקיס פורן מיט עסנוואַרג האָבן געטיילט ברויט, וואורשט, בראָנפן. דער אויסגעמאַטערטער זעלנער האָט אָפּגעאָטעמט, געגומען טריקענען די נאַסע מלבושים און אַז די זון, אַ לויטערע, אַ יונגע, האָט זיך צעלייגט איבער די פעלדער, האָט מען פאַרגעסן אָן אַלע צרות, געוואָרן אויפגערוימטער און געזוכט אַ שטיף־צוטון.

— אַ לעפל געקעכץ וואָלט נישט געשאַט

— אַט פֿירט מען דאָך דעם קעסל מיט קאַשע!
— ס'וועט זיין אַ שטיקל געבראָטנס אויך!
— פֿון וואַנען ווייסטו?
— יאַנעק זאָגט, אַז מען האָט געבראַכט עטלעכע חזירים!
— אַ באַטרעף עטלעכע חזירים אויף אַזוי פֿיעל מענטשן!
— דו האַלסט זיך אויך פֿאַר אַ מענטש?
— אָבער אַ חזיר ביזטו!
— בין איך!
— דאָס זאָג איך דאָך!
— נישט געקריגט זיך, נישט געקריגט זיך!
— גייט בעסער נאָך קאַשע, אַז נישט — וועט מען אייך פֿאַרטיילן.

פֿון אַלע זייטן האָבן זעלנער זיך געשטופּט אַרום קעסל, פֿאַרגעסן אָן שונא, בלויז געטראַכט, ווי גיכער צו באַקומען די פּאָרציע. און די, וואָס האָבן אויפֿגעגעסן, זענען געבליבן שטיין, טאָמער וועט מען באַקומען נאָך אַ פּאָרציע.

מיט זייטיקע וועגלעך זענען אָנגעלאָפֿן אויף פֿאַרשוויצטע פֿערד אולאַנער, אָנגעלאָפֿן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דער ביסן איז געבליבן שטעקן אין האַלז. איבערן פֿעלד זענען געפֿאַלן ווערטער, ווי קוילן:

— מאָסקאַלן! מאָסקאַלן!

ס'איז געוואָרן אַ לויפֿעריי, ווי אין אַ בינשטאָק, ווען מען הויבט מיט אַמאָל אָן טרייבן די בינען. מען איז געלאָפֿן אָן מונדירן, אָן היטלען. איינער האָט אַרויפֿגעצויגן דעם לינקן שטיוול, גענומען לויפֿן צום פֿערד, אַריין מיטן רעכטן פֿוס אין אַ בלאָטע און צוריקגעלאָפֿן צום פייער, גענומען זוכן דעם רעכטן שטיוול.

— וואו איז מיין ביקס?
— אַט ליגט זי!
— מען זעט אים שוין?
— וועמען?
— דעם מאָסקאַל!

— פון אַלע זייטן קומען זיי!

— בלויזע באַגנעטן איבער דריי טויזנט.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ?

די גאַנצע אַרמיי האָט זיך געדרייט אויף דער שטיק לאָנקע, געדרייט אַרום זיך, ווי זי וואָלט נישט געקאָנט אַרויס. דער וואַלד אַ געדיכטער, אַן אַלטער, איז ווי אויסגעוואַקסן, זיך געררוקט נעענטער און דאָרט, וואו נאָדל-בוימלעך זענען געשטאַנען, איז די לאָנקע געוואָרן שמעלער, זיך דערנענטערט צו אַ גראָבליע.

אַלע האָבן געקוקט, ווי בענטקאָווסקי טראָגט זיך אויף זיין ווייס פערד, שנייט-דורך דאָס פעלד, איז שוין אויף דער גראָבליע, וואו ס׳זעען זיך אַ „כאַטקע" מיט נאָך אַ קלענערע סטאָדאָלע.

די פּאָזיציע איז געווען אַ שטאַרקע. פון אַלע זייטן וואַלד, און דאָרט, וואו דער וואַלד ווערט שיטערער, ציען זיך זומפּן. וואָס אָבער, ווען דער שונא וועט אַרומרינגלען דעם וואַלד? — האָט בענטקאָווסקי געטראַכט בשעת זיין רייטן — וועלן אַלע אויסשטאַרבן פון הונגער!

ער איז אַראָפּ פון פערד, אַ געשריי געטון צום פויער, וואָס איז געשטאַנען אין דער טיר:

— קריך נאָר אַרויף אויף דער סטאָדאָלע!

— כ׳האָב מורא, פּאַניע נאַטשעלניקו — האָט דער פויער זיך אַ בויג געטון אין דער העלפט.

בענטקאָווסקי האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער, אים אַ צי געטון צום פויער.

— קריך!

אויף אַלע פיר האָט ער גענומען קריכן, געציטערט און זיך געהויבן, געבליבן ליגן אויפן דאַך.

— שטעל זיך אויף!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— וואָס זעסטו?

— כ׳זע, פּאַניע נאַטשעלניקו, אַ קאָזאַק.

— איינעם?

— כ׳זע נאָך איינעם, נאָך איינעם, נאָך....

בענטקאָווסקי איז צוריק אַרויף אויפֿן פערד, זיך געטראָגן מיטן אויסגעהאַקטן שטיק וואַלד, וואו פֿון איין זייט האָט עס זיך געצויגן צו געאַקערטע פֿעלדער. ווי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט כאַפּן, זענען געלאָפֿן פֿעלדער. דערפֿלעך האָבן זיך געגרויט. רעכטס — אַן אַלטער, געדיכטער וואַלד, לינקס — נאָדל-בוימלעך, און הינטער די בוימלעך איז געשטאַנען דער שונא, אָנגעזאָגט מיט איין סאַלווע נאָך דער צווייטער, אַז ער קומט-אָן.

אין טאָל האָט זיך דער טומל אײַנגעשטילט. ס'האָבן זיך אַרויסגערוקט זשואַוון, קאָסיענערן, קאַוואַלעריע, זיך צעשטעלט אויף זייערע ערטער, געשטאַנען צונויפֿגעקוועטשטע, ווי פֿאַר אַ שטורם.

דעם שונאס קוילן האָבן געזשומעט אין דער אַרומיקער שטילקייט, געקומען פֿון צוויי זייטן. די לופֿט האָט מיט אַמאָל אויפֿגעציטערט. אַ נאָדל-בוימל האָט זיך איבערגעדרייט מיט די וואָרצלען אַרויף און אין דעם אַרויסגעריסענעם שטיק ערד האָט אַ קויל פֿון אַ האַרמאַט זיך געגרויכערט. ס'איז אָנגעלאָפֿן אַ צווייטע, אַ דריטע, און די אויערן זענען פֿאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ טעמפּקייט.

די זשואַוון, וואָס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין פּלוטאָנען, האָבן ביים ערשטן שאָס זיך גענומען רוקן באַרג-אַרויף, אָנגעלאָפֿן צו פֿערציק מיט אַמאָל.

פּולקאָווניק ראָשבראָן, שמעלער און בויגיקער, ווי שטענדיק, איז געלאָפֿן אַ פֿריער, קאָמאַנדעוועט מיטן שווערד:

— אין טיראַליערן!

— צעשיט זיך אין טיראַליערן!

די זשואַוון האָבן פֿאַרנומען די גאַנצע ברייט פֿונם אויסגעהאַקטן שטיק וואַלד, געוועזן צעשטעלט אַ זעלנער איבער אַ זעלנער מיט רעזערוון אין געדיכטן וואַלד און אין דעם נאָדל-וועלדל.

צווישן די זשואַוון איז געשטאַנען מרדכי. ער האָט געזען, ווי די רוסן רוקן זיך, אַ שרענגע נאָך אַ שרענגע, שיקן אויף אַ פֿריער פֿייער און דאָס פֿייער קומט מיט אַמאָל, ראָטעווייז. מרדכי האָט געצילט — איינס, צוויי, דריי, פֿיר — אויפֿגעהערט ציילן. דאָס קלאַפּערייַ פֿון האַרמאַטן האָט פֿאַרהילכט די ביקסן, פֿאַרשאָטן די אויגן מיט רויך.

מען האָט מער דעם שונא נישט געזען. אין דעם געדיכטן רויך, האָבן פֿייערלעך זיך געטוקט, געקנאַלט, זיך פֿאַרבייגעטראָגן פֿאַר די אויערן מיט אַ פֿייף, דין, דינער, און דער קאָפּ איז נישט אײַנגעזעסן אויף די אַקסלען, זיך געהאַלטן אין איין בויגן, ווי ער וואָלט אויסגעמיטן אַ שטיין נאָך אַ שטיין.

דאָס פֿייער פֿונם שונא איז געוואָרן שטאַרקער, געקומען רעכטס און לינקס. די זשוואָון האָבן זיך גערוקט, זיך דערנענטערט צו די קנוילן רויך, און וואו ס'האָט אויפגעטוקט אַ פֿייערל, אַהין האָט מען געשאָסן. ווירזשביצקי איז געגאַנגען אויף אַפֿריער, אין סאַמען מיט פֿון דעם אויסגעהאַקטן שטיק וואַלד, געגאַנגען און געשריען:

— נידריקער די ביקסן, נידריקער, גלײַך מיט דער ערד!

— פֿאַרלירט נישט קיין קוילן!

— צילעוועט בענטער!

— נענטער!

— הוראַ!

ווירזשביצקי, אַ געבויגענער, ווי ער וואָלט געצאַטעוועט, זיך געטראָגן אויפֿן שונא, איז געגאַנגען מיט אַן אָנגעשטעלטער ביקס, געזוכט, ס'זאָל זיך ביים „מאָסקאַל" אָנצינדן אַ פֿייערל, וועט ער אַהין אויסשיסן. ער האָט זיך אין מיטן גיין אַ וואָרף געטון אויף צוריק, זיך אויסגעגלייכט מיט מרדכין און מיט אַ טויט פּנים, ווי ס'וואָלט אים אַ קויל געטראָפֿן, אַ זאָג געטון:

— שלעכט, אַלטער!

— וואָס איז געשען?

— וואָס טוט מען אָן אַ ביקס?

די רויטער פֿון זײַן ביקס איז געוואָרן צעבויגן פֿון שונאס אַ קויל. ס'איז אָנגעלאָפֿן אַ הויכער מאַזור, די פּאָלעס פֿון זײַן קאַפּאָטע פֿאַרשטעקט אין גאַרטל, ער זאָל באַקוועמער קאָנען לויפֿן. דער רויטער פּעז וואוילעריש פֿאַרוקט אויף אַן אויער, און די פֿאַרשאַרצטע נאָז זיינע האָט זיך געריסן אויף אַפֿריער. אין מיטן לויפֿן האָט דער מאַזור זיך אַ כאַפּ געטון מיט ביידע הענט פֿאַרן בויך, פֿאַרשטעלט ווירזשביצקין דעם וועג און איז אַ פֿאַל געטון אויף דער נאָז. זײַן ביקס איז געבליבן אָן אַ זייט.

ווירזשביצקי איז איבערגעשפּרונגען דעם מאַזור, אויפגעהויבן זיין ביקס און אַ שולדיקער, ווי ער וואָלט אָפּגעטון אַ גנבה, אַ קוק געטון אויף מרדכין. ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און זיך צע־קרעכצט:

— וואָס איז דיר? — האָט מרדכי זיך געפרעגט.

ער האָט אונטערגעטראָגן מרדכין די רעכטע האַנט, אַ דורכ־געשאָסענע, און געבליבן שטיין אָן קאָליר אין פּנים.

— ס'טוט שטאַרק ווי?

— כ'קאָן זיך נישט רירן פון אָרט.

— טאָ בלייב.

— אָבער דו גיי, גיי, אַלטער!

מרדכי איז געבליבן הינטערשטעליק. איין שרענגע האָט זיך גערוקט נאָך דער צווייטער. אַ זון־פליטערל האָט זיך אַ רעדל געטון צווישן די אויגן, אים געשטופּט אויף צוריק, איינגעווּימט, אַז מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, האָט ער אַלץ פאַרלוירן. ער האָט גענומען לויפן. די שרעק עפּעס צו פאַרשפּעטיקן איז געוואַקסן אין אים, אים געטריבן, ווי מיט זיין לויפן וואָלט ער נאָך אַלץ געקאָנט ראַטעווען. ער האָט זיך יעדע ווײַלע געמוזט אָפּשטעלן — דער וועג איז פול געווען מיט טויטע און צווישן די טויטע האָבן זיך געצויגן העלזער, געקרעכצט צום בלויען הימל, וואו די זון, אַ יונגע, האָט געשפּרייט אירע פליטער־לעך. און וואָס טוט דאָ קאָמאַראָווסקי?

מרדכי האָט סאַלוטירט.

— אַלטער, לויף אין שטאַב אַריין און זאָג, אין ראַשבּרונס נאָמען, מען זאָל גלייך שיקן הילף. מיר האָבן שוין באַלד קיין רעזערוון נישט. כ'האָב שוין צוויי זעלנער געשיקט און מען הערט נישט, אַפּנים — נישט דערגאַנגען. גיי, אַלטער, און גאָט וועט דיך היטן, גיי מיט די נאָדל־בוימלעך, ס'איז זיכערער.

בשעת דער ראַביע האָט מיט מרדכין גערעדט, האָט ער באַשלאָסן צו גיין מיטן קירצערן וועג. מיטן רעכטן אויג האָט ער אָפּגעמאָסטן דעם זאַמדיקן פּאַס, וואָס האָט זיך געשוימט אונטער דער זון, געווען זיכער, אַז ער האָלט איבער אַ הונדערט מעטער און זיך געלאָזט מיטן פּנים צו די וואָלקנס רויך, וואָס דעם שונאס ביקסן האָבן יעדע ווײַלע אויסגעשפּיגן.

קאָמאַראָווסקי איז געשטאַנען און געשאָלטן, געזען אין מרדכיס בראַווקייט אַ משוגעת און געוואַרט, דעם שונאס אַ קויל זאָל אים יעדע רגע אויפכאַפּן.

מרדכי איז געגאַנגען מיט דער ביקס אין דער האַנט. ער האָט זיך פאַרלאָזט, וואָס דער שונא איז זיכער מיטן ליידיקן פאַס, באַשיסט אים כמעט נישט, טראַכט צומאָל נישט, אַז ס'קאָן עמעצן איינפאַלן דאָ דורכצוגיין, וואו עס איז אַ זיכערער טויט.

ער האָט מער נישט געהערט דאָס סוויסטשען פון קוילן, דאָס קרעכצן פון פאַרוואונדעטע. ער איז געגאַנגען און געציילט די אייגענע טריט, צו הונדערט, צו הונדערט, געזען דעם סאָסנאָוון וואַלד, וואָס איז אַמאָל געשטאַנען אויפן ווייסן זאַמד, איבערגעהיפּערט אַ צענדליק טריט, ווידער אָנגעהויבן פון אָנהויב און אַליין נישט געוואוסט, ווי לאַנג ער גייט שוין און צי וועט זיך דער וועג אַמאָל ענדיקן?

מרדכי האָט דערזען קאָסיענערן און גענומען שפּרייזן גיכער. ערשט איצט האָט ער דערהערט, ווי קוילן לויפן פאַרביי, צו עטלעכע מיט אַמאָל, אַז עס איז שווער צו וויסן פון וואַנען זיי קומען.

– האָסט גליק, וואָס דו ביזט אַרויס מיט גאַנצע ביינער – האָט אַ סערזשאַנט מרדכין באַגריסט – וואָס פאַר אַן אידיאָט האָט דיך געשיקט מיט דעם וועג? און דער „מאָסקאַל" שנייט, האַ?

– וואו איז דער שטאַב? – האָט מרדכי געפרעגט.

– דאָרט אויפן בערגל!

מרדכי האָט געקוקט, גאָרנישט געזען און זיך געלאָזט באַרג-אַרויף, ער האָט זיך געדרייט צווישן מענטשן, פערד און וועגן, צוגעקומען צום העכסטן בערגל און זיך אָנגעשטויסן אָן שטאַב. אין פראָנט איז געשטאַנען לאַנגעוויטש, פון ביידע זייטן – יעזשאָראַנסקי, וואַליגורסקי, וויניצקי, פון הינטן אַדיוטאַנטן.

קוילן האָבן געהוזשעט ווי בינען איבער זייערע קעפּ, פאַרהילכט געוואָרן פון די האַרמאַטן, ווידער געהוזשעט, און מרדכי האָט געקוקט אויפן טרויעריקן פּנים פונם דיקטאַטאָר.

וואָס טראַכט ער איצט, ווען דער שונא, אַ פיל שטאַרקערער, האַלט אין איין אַרומרינגלען זיין אַרמיי? און דער זעלנער, אַ הונגעריקער, אַ נאַקעטער, אָן קוילן – דער פאַרטיידיקער פון פוילן איז אַזוי איבער-געשראָקן?

מרדכי האָט זיך אַ לאָז געטון צו לאַנגעוויטשן, אים געוואָלט טרייסטן, פאַרזיכערן, אַז אויב מען וועט אַרויסשיקן די זשוואַון גלייך הילף, וועלן זיי אָפּשלאָגן די רוסישע האַרמאַטן, וואָס שטייען אין די קזשאַקעס.

— וואוהין גייסטו? — האָט אים אַן אַדיוטאַנט פאַרשטעלט דעם וועג.

— צום פּאַן דיקטאַטאָר.

— צו וואָס?

— מיט אַ שליחות פון פּולקאָווניק ראָשבּרון.

— וועגן הילף?

— יאָ, פּאַניע אַדיוטאַנט.

— זאָג דעם פראַנצויז, אַז ער האָט צו-פיל חוצפה!

— אויב עס וועט נישט קומען קיין הילף, וועט מען אונז אַלעמען אויסשיסן.

— כ׳קאָן גאָרנישט העלפן!

— וואָס איז? — איז דער שעף בענטקאָווסקי אונטערגעקומען און זיך געפרעגט ביי מרדכין — האָסט עפּעס אַ שליחות?

— כ׳בין געשיקט פון פּולקאָווניק ראָשבּרון. מיר האָבן נישט מער קיין רעזערוון. און אויב מיר קריגן גלייך הילף, איז דאָ אַ מעגלעכקייט אָפּצושלאָגן ביי די רוסן די האַרמאַטן...

— גערעכט, דער זעלנער איז גערעכט — האָט בענטקאָווסקי מרדכין נישט געלאָזט ענדיקן, מיט אַמאָל אָנגעשפּיצט די אויערן און זיך איינגעהערט — די שיסעריי פון די זשוואַון דערווייטערט זיך, ס׳הייסט, אונזערע שטויסן צוריק די רוסן, גוט, מיר שיקן גלייך אַרויס הילף.

שטיקער פייער זענען געפאַלן צווישן די בוימער, איינס נאָכן אַנדערן, געפאַלן מיט אַ ברומעריי. די שיסעריי פון די האַרמאַטן איז געוואָרן שטאַרקער.

בענטקאָווסקי איז געלאָפן אַהין און צוריק, געזוכט גענעראַל שמעכאָווסקין, דעם אָנפירער פון די קאָסיענערן און אַז ער האָט אים נישט געקאָנט געפינען, האָט ער אָפּגעשטעלט קאָסקאָווסקין:

— מען דאַרף אָפּשניידן דעם וועג דער רוסישער פּעכאָטע, שטעל אויס די קאָסיענערן און פיר זיי גלייך אין פעלד אַריין, קיין בעסערע געלעגנהייט פאַר דער „קאָסע" קאָן נישט זיין.

קאָסקאָווסקי האָט אָנגעשפּאַרט דאָס פערד, זיך האַסטיק אַ דריי

אויס געטון צו די זעלנער, איז פונקט דעמאָלט אָנגעפּלויגן מיט אַ ברומעריי אַ קאַרטעטש, אויסגעריסן דאָס שטיק ערד, וואו דאָס פערד איז נאָר וואָס געשטאַנען. דאָס פערד האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף צוריק, אַריין מיט די הינטערשטע פיס צווישן די זעלנער.

אַן אָפיציר האָט פון שרעק אַנידערגעקניט, זיך געגומען צלמן:

– כ׳דאַנק דיר הייליקע מאַמע, וואָס דו האָסט זיך באַמיט פאַר אונז, קינדער דיינע, געזען, די קויל זאָל קיינעם נישט טרעפן.

– די זעלנער האָבן זיך פון וועמען אָפּצולערנען – האָט בענט־קאָווסקי געקוקט אויפן קניענדן אָפיציר און געשאָקלט מיטן קאָפּ – מיט אַזאַ אַרמיי קאָן מען גיין אויף אַן „אָטפּוסט״

– הורא, כלאָפּצי! – האָט קאָסקאָווסקי אַ געשריי געטון און מיטן שווערד אין דער האַנט זיך אַ צי געטון מיטן פערד.

דער ליידיקער שטח צווישן אים און די זעלנער איז געוואַקסן. די קאָסיענערן האָבן זיך גערוקט אויף צוריק, זיך נישט צוגעהערט צום גלח, וואָס איז געגאַנגען צווישן די שורות מיטן צלם, זיך געבעטן:

– איך גיי מיט אייך, דער צלם וועט אייך היטן, קומט, מיר וועלן אינאיינעם זיך מקריב זיין, אַרויסטרייבן דעם שונא פון פוילן!

קאָסקאָווסקי, אַ בלאַסער, איז אָנגעריטן מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט, געסטראַשעט:

– דערשיסן וועל איך אייך, כאַמעס! וואָס שטייט איר, ווי איבערגעשראָקענע בהמות, קומט אויפן שונא, הורא!

העגריקע אויף איר קליין פערדל האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיט די געוויקסיקע מאַזורן. זי האָט זיך ביי זיי געבעטן, זיי געגלעט, צוגעזאָגט מתנות, ווי אַ מאַמע בעט זיך ביי איבערגעשראָקענע קינדער:

– האָט נישט קיין מורא, קינדער, קומט מיט מיר.

די זעלנער האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, געשטאַנען שטומע, איבערגעשראָקענע, ווי בהמות פאַר דער שחיטה. איינער פון זיי האָט זיך אָנגערופן:

– ווי פירט איר אונז? אויף אַ פּלויט?

– מען וועט דעם פּלויט גלייך פאַנאַנדערנעמען, – האָט בענטקאָווסקי באַרוהיקט די זעלנער.

דעם איינגעבויגענעם פלויט פון דינע, צעפוילטע ברעטלעך האָט מען צעוואָרפן. געעפנט דעם וועג צו דער גרעבליע.

— הוראַ, כלאָפּצי — איז קאָסקאָווסקי ווידער אַ פלי געטון אויף אַ פריער מיטן פערד.

די זעלנער, שטומע, האָבן זיך אַ לאָז געטון נאָך אים. אָפּגעלאָפן ביז צו דער גרעבליע, זיך אַ דריי געטון צום וואַלד און זיך צעשאָטן. קאָסקאָווסקי האָט נאָכגעשאָסן מיטן רעוואָלווער, זיך געריסן פון פערד מיטביידע פויסטן:

— הענגען וועל איך אייך, פּסו-בראַטעס

בענטקאָווסקי, אַ בלייכער, אַ פאַרלוירענער, האָט זיך געדרייט אַרום דעם דיקטאַטאָר, זיך געקלאָגט:

— מען קאָן צומאָל נישט שטאַרבן שיין!

דער דיקטאַטאָר האָט גאָרנישט געענטפערט. דאָס דאַרע פּנים איז געוואָרן לענגער, פאַרכמורעטער. די אונטערשטע ליפּ האָט ביי אים געציטערט, ווי ביי אַ קינד, וואָס האַלט זיך איין, ס'זאָל זיך נישט פאַנאַנדערוויינען. ער האָט געוואוסט, אַז גענעראַל טשאַפּסקי איז אַוועק מיט דער קאַוואַלעריע קיין גאַליציען, וואָלט זיך נישט געחדושט, ווען מען זאָגט אים אָן, אַז טשאַכאָווסקי, וואָס האָט געהאַלטן דעם שונא שוין איבער דריי שעה, אים נישט צוגעלאָזט אויף אַ טריט — אַז טשאַכאָווסקי האָט זיך דורכגעריסן דעם שונא און איז אויך אַוועק. און וועמען דאַרף ער איצט, ווען אַלץ איז פאַרשפּילט? נאָך אַ שעה, נאָך אַ שעה, און די אויסגעמאַטערטע רעשטקעס זעלנער וועלן בלייבן ליגן אויפן פעלד. — — — ווען ער וואָלט „קאָנט זיין ווייט פון דאַנען, ערגעץ טיף אין וואַלד, איינער אַליין...

ראָשבאָרן, אַן אויסגעשמירטער, מיט בלאָטע אויף די קליידער, אויפן פּנים, איז אָנגעלאָפן אָן אָטעם, זיך געבעטן ביי לאַנגעוויטשן:

— שיקט מיט מיר אַ באַטאַליאָן פּעכאָטע.

— וואו וועל איך נעמען? כ'האָב נישט. — האָט לאַנגעוויטש געענטפערט אַ גלייכגילטיקער.

— וואָס הייסט? נישטאָ קיין רעזערוון? — האָט דער פראַנצויז כמעט געשריען — פון מיינע זשואווען וועט קיין לעבעדיקער נישט בלייבן! דער שונא וועט אויסשחטן ביז צו איינעם, ווארפט איין באַטאַליאָן נאָכן צווייטן אויף אונז!

דער דיקטאַטאָר האָט נישט געענטפערט, ווי מען וואָלט צו אים נישט גערעדט. דאָס פּנים איז געוואָרן פינסטערער, און די אַקסלען, שמאָלע אַקסלען, האָבן רחמנותדיק אַ צוק געטון.

— טאָ וואָס וועט זיין ? — איז דער פראַנצויז נישט אָפּגעטרעטן.

גענעראַל וואַליגורסקין איז נישט געפעלן דער טאָן, מיט וועלכן ראָשבורן האָט גערעדט צום דיקטאַטאָר. ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ ציטער אין דער שטים :

— פּאַניע ! טראָג זיך צו דיינע זשוואַוון, דען אויב זיי דאַרפן אַלע אומקומען, איז אַ חרפה, אַז דו, זייער פירער, זאָלסט בלייבן לעבן !

אַ יונגער מאַיאָר האָט זיך פאַרבייגעטראָגן מיט זיין באַטאַליאָן פּעכאָטע, געלאָפן אויף אַפריער, געשריען הוראַ אויף די מאָסקאַלן.

מרדכי, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט אַרומגעדרייט מיט דער ביקס, האָט זיך געלאָזט מיטן באַטאַליאָן, געזען, ווי רוסן שיטן זיך מיט די באַגנעטן אין די הענט, קומען צו נענטער, נאָך אַ הונדערט טריט און זיי וועלן אָנהויבן אַטאַקירן די זשוואַוון.

די ערד האָט זיך גענומען ציטערן אונטער די פיס, און אין די אויערן איז מיט אַמאָל געוואָרן שטיל, כאָטש די זאַלפן האָבן נישט אויפגעהערט צו שפּייען — פּלי — פּלי, געקומען מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען זיי צו ציילן. מען איז געלאָפן, געאָטעמט מיט רויך און פולווער, געווען גלייכגילטיק צו די חברים, וואָס האָבן זיך צוגעזעצט פונם שונאס קוילן און דער טויט האָט מער נישט געשראָקן.

ווי פון אונטער דער ערד זענען אויסגעוואַקסן קאָסיענעזן — הויכע מאַזורן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט קאָסעס איבער די קעפּ, ווי-נישט מענטשן וואָלטן זיך געטראָגן, נור דער טויט אַליין.

די קאָסעס האָבן געשניטן קעפּ, הענט, פּנימער, נישט צוגעלאָזט צו זיך די באַגנעטן און פון דער זייט האָט דער באַטאַליאָן פּוילישע פּעכאָטע זיך גענומען אַריינבייסן אינם שונא — האָט ער נישט אויסגעהאַלטן, זיך געוואָרפן אויף צוריק, און די קאַנאָנאַדע האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט.

מרדכי איז נאָכגעלאָפן מיט דעם באַגנעט אין דער האַנט, געלאָפן איינער אַליין מיט דער אייגענער הוילקייט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן אין אים. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. דעם שונא האָט ער מער נישט געזען. אַ געדיכטער רויך האָט זיך געקנוילט צווישן ביידע וועלדער, פאַרשטעלט אַלץ אַרום. וואו איז ער ? דער רויך איז געוואָרן

שיטערער, איז זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען און צווישן די קנוילן האָבן זיך געגרויט רוסישע שינעלן.

— זיי אַנטלויפן, אַנטלויפן.

דאָ און דאָרט האָט מען אונטערגעכאַפּט די צווייַ ווערטער און אין דער אַרומיקער שטילקייט האָבן זיי געקלונגען אַזוי אומגלויבלעך:

— זיי אַנטלויפן!

ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ פּופּצן יעלנער, געשטאַנען אויפן בערגל, געקוקט אויפן ליידיקן פעלד, וואָס איז געווען פאַרזייט מיט דערהרגעטע.

— וואו זענען מיר?

— וואו איז דער שונא?

— און אונזערע, וואו זענען?

— וואַרטס דאָ צו — האָט אַן אונטער אָפיציר זיך אָנגערופן — כ'וועל אַ קוק טון, וואו אונזערע זענען און כ'וועל קומען נאָך אייך.

ער האָט זיך געלאָזט מיטן וועלדל. טייל האָבן זיך צוגעזעצט, טייל זענען געשטאַנען, געקוקט ווי אַ מאַזור פאַרעט זיך איבער אַ געפאַלענעם רוס, זוכט ביי אים אין די קעשענעס

— דאָס איז געווען אַ שחיטה!

— מיר האָבן אים היינט אָנגעלערנט, דעם מאָסקאַל!

— מען זאָגט, אַז דער מאָסקאַל האָט געוואָרפן אויף אונז איבער אַכט טויזנט יעלנער...

— געווען מער!

— האָט ער געשניטן!

— ווער?

— טשאַכאָווסקי!

— און די זשואַוון זענען אויך נישט געשלאָפן!

— וויפיל האָבן פון אונזערע געקאָנט פאַלן?

— ווער קאָן וויסן!

— מיך האָט די „הייליקע מאַמע" געהיט — צומאָל קיין קראַץ נישט באַקומען פון אַ קויל!

— מיך אויך

— ווען דער מאָסקאַל טראָגט זיך נישט אָפּ מיט די האַרמאַטן, וואָלטן מיר זיי גענומען!

— פיר האַרמאַטן.

מרדכי איז געלעגן מיטן בויך אַראָפּ, געהערט ווי די חברים רעדן און זיך געוואָלט קלאָר מאַכן, וואָס דאָ האָט פּאַסירט.

די מלחמה איז געווען אַ פאַרשפּילטע. דערצו האָט יעדער באַטאַליאָן זיך געשלאָגן אויף זיין אייגענעם חשבון. נישט געווען קיין פּלאַן, מען האָט זיך נישט צוזאַמענגערעדט, איינער האָט כמעט נישט געוואוסט פון צווייטן און עס איז געשען אַ נס — די שוואַכע האָבן פאַרטריבן די שטאַרקע.

וואו איז געווען דער נס?

מרדכי האָט קיין ענטפער נישט געהאַט און נישט געדאַרפט — געזען דעם נס אין דעם זעלנער, אין דעם פשוטן זעלנער, וואָס האָט גאָט אין האַרצן.

— וואָס וועלן מיר דאָ זיצן? — האָט זיך איינער אָנגערופן

— קומט, מיר וועלן אַ זוך טון אונזערע. עס ווערט שפּעט. זיי קאָנען אַוועקגיין און מיר וועלן דאָ בלייבן.

די זעלנער האָבן זיך געלאָזט מיטן וועלדל. עס זענען זיי אַנטקעגנגעקומען פאַרבלאָנדזשעטע זשואַוון.

צווישן די נאָדל-ביימלעך האָט זיך געקויקלט אַ סיגנאַל.

— רוסן!

— דאָס זענען רוסן!

— וואָס פאַר אַ סיגנאַל איז עס

— ווער ווייס זיי!

— נישט גוט, ברודער.

— זיי וועלן אונז אויסשיסן ביז צו איינעם!

— שטילער!

— גייט איינציקווייז!

די זעלנער האָבן זיך צעשאָטן, געגנבעט צווישן די ביימלעך, זיך גערוקט אַלץ נענטער. אַ שטיקל לאָנקע האָט אַ בלישטש געטון. אַ זעלנער האָט אַפער געשטעקט דעם קאָפּ, דערזען די שוואַרצע פּאָן מיטן ווייסן צלם און אַ געשריי געטון

— אונזערע!

מען האָט אָנגעהויבן לויפן, דערזען פון דערווייטנס ראָשברונען, איז היימלעכער געוואָרן, און איידער מען איז דערלאָפן, האָט מען ווידער געהערט:

— זיי קומען!

— די מאָסקאַלעס קומען!

די זעלנער, וואָס זענען געשטאַנען מיט די פּנימער צו דער לאַנקע און געהאַט דעם וואַלד הינטער זיך, האָבן זיך אַ קער געטון.

„na lewo w tył zwrot",

און גענומען מאַרשירן אין וואַלד אַריין צו צוויי.

דער שונא איז געווען צעוואָרפן איבערן וואַלד אין קופּקעס, צו פינף, צו צען זעלנער אין אַ קופּקע.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג.

מרדכי האָט זיך געטראָגן מיטן באַגנעט, נישט געזען פאַר זיך ראָשברונען, ווי ער רייסט זיך מיט זיין קופּקע זעלנער אויפן שונא, און דער שונא — איבער צוואַנציק געוויקסיקע רוסן, האָבן אַרומגערינגלט עטלעכע זשוואַון, זיי דורכגעשטאָכן ווי זיפּן, געזען, אַז פון וואַלד לויפט אָן איין קופּקע פּאָליאַקן נאָך דער צווייטער, האָבן זיי גענומען אַנטלויפן.

— שיסט! — האָט עמעצער אַ געשריי געטון.

אַלע האָבן זיך אַ כאַפּ געטון פאַר די ביקסן, וואָס זענען נישט געווען אָנגעלאָדן, געשטאַנען אומבאַהאָלפן, ווען דער שונא איז נישט געוואָרן צווישן די נאָדל-בוימלעך.

צו דריי, צו פיר האָבן די זשואַוון זיך געטראָגן איבערן וואַלד. ס'זענען אָנגעלאָפן צוויי רוסן. אַ ברייט-ביינִיקער זשואַוו איז איינעם פון די צוויי פאַרלאָפן דעם וועג. ביידע זענען געבליבן שטיין אַ ווײַלע, זיך געקוקט אין די אויגן, ווי זיי וואָלטן געזוכט אַן אויסרייד. די אויבערשטע ליפּן האָבן זיך פאַרשאַרצט, ווי ביי אויסגעהונגערטע וועלף, די ציין פאַרקוועטשט, און אין דערזעלבער רגע האָט דער זשואַוו אַריינגעפּאַקט זיין באַגנעט דעם שונא אין דער זייט אַריין. דער רוס איז געפאַלן אויף די קני, זיך צוריק אַ הויב געטון, ווי אַ נישט-דערשאָסענע חיה. דער זשואַוו, אַ ווילדער, אַ פאַרשרפעטער פון נקמה, האָט דעם באַגנעט מיט אַזאַ אימפּעט אַריינגעזעצט דעם רוס צווישן די זשעברעס, אַז ער האָט מיטן פוס געמוזט אָן אים אָנשפּאַרן, ער זאָל דאָס אייזן צוריק אַרויסשלעפּן.

מרדכי איז אָנגעלאָפן, אַ קוק געטון אויפן רוס מיטן אָפענעם מויל, וואו פאַריק בלוט האָט געשלאָגן, גאָרנישט געזען און געלאָפן ווייטער.

מען האָט אויסגעשאָסן. אין די קשאַקעס איז געשטאַנען אַ מאָסקאַל מיט אַ באַגנעט.

מרדכי האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף אים. ער האָט דערזען אַ פּאָר קליינע, גרויע אויגן, דערזען אַ פּאַרוואַקסענעם שניט אויף אַ געלער גאָמבע. מיט אַ קלאַפּ פון דער ביקס האָט מרדכי אַרויסגעשלאָגןביים שונא דעם באַגנעט פון דער האַנט און מיט דער קאָלבע אים אַ זעץ געטון אין האַרץ אַריין. דער שונא איז געפאַלן. מרדכי האָט דערפילט אַ ברי אין דער רעכטער שלייף, דערזען רייפן, גרויסע, גרעסערע, דערזען דעם זעלנער אויף די קני, ווי ער בעט זיך ביי פּרעמדע מענטשן:

— פּאָמילויטע, יעי באָגו, יאַ ניע סטרעליאַל!

און מיט אַמאָל האָט דער זעלנער זיך אַ ריס געטון, גענומען אַנטלויפן. ער – נאָך אים. דער שטח ווערט אַלץ גרעסער, גרעסער, לייגט זיך אויף מרדכין. דעקט אים צו, ווי מיט אַ באַרג.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען טונקל. ער האָט זיך באַטאַפּט, געווען זיכער, ס'פעלט אים אַ האַנט, צי אַ פוס, זיך געחדושט וואָס קיין זאַך טוט אים נישט וויי, און זיך אויפגעשטעלט.

אַרום איז געווען שטיל. די זון האָט זיך געזעצט, געשטאַנען הינטערן וואַלד אַ בלוטיקע, און די סאָסנעס, הויכע, מיט פאַרריסענע קעפּ, האָבן זיך גערויטלט אין דעם פאַרנאַכט.

וואו איז ער?

מרדכי האָט געזוכט אַרום זיך זיין ביקס, אָפּגעגאַנגען, צוריק געקומען, זיך געבויגן צווישן די קשאַקעס. די ביקס איז נישט געווען. איצט ערשט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זיין רעכטע באַק ברענט ביי אים, שלאָגט מיט היץ און אין שלייף קלאַפּן העמערלעך.

מרדכי איז אַלץ טיפער אַריין אין וואַלד, מער נישט געטראַכט, אַז ער קאָן אָנגיין אויפן שונא, אַז ער האָט נישט מיט וואָס צו פאַרטיידיקן זיך.

אַ טריט צוואַנציק פון מרדכין, אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים איז געזעסן לאַנגעוויטש, געהאַלטן דאָס פּנים איןביידע הענט און די שמאָלע אַקסלען האָבן געצוקט. האָט ער געוויינט, דער דיקטאַטאָר?

מרדכי האָט זיך אויסגעדרייט, נישט געוואָלט, דער דיקטאַטאָר זאָל זיך פאַרלירן, און געשניטן מיטן וואַלד. ס'איז געוואָרן טונקלער.

ער איז געגאַנגען און געפילט אין זיך דעם שטומען ווייטאָג פונם יחיד, געזען אין דעם ווייטאָג די פרייד פונם לעבן. מיט די ליידן פונם יחיד לעבט דער כּלל, וואַקסט, לאָזט זיך נישט איינשנורעווען אין קיין שום אידעאַל. זיצט לאַנגעוויטש און וויינט, וואָס דאָס טייערסטע, די דיקטאַטור, איז צעבראָכן און זעט נישט, ווי פון די פרישע חורבות הויבט זיך שוין אָ נייַ לעבן.

ווען מרדכי איז אַרויס אין פעלד, איז שוין געווען פינסטער. פון אַלע זייטן האָבן זיך געשלעפּט זעלנער. קיינער האָט נישט געוואוסט, וואוהין ער גייט. פּאָליאַק, רוס האָבן זיך געוואַלגערט אונטער די פיס, געלעגן איינער נעבן אַנדערן. מען האָט זיי געמוזט אַרומגיין, אַריבער-שפּרינגען, אַזוי געדיכט זענען זיי געווען צעלייגט.

— חברים — האָט זיך אַ פאַרוואונדעטער געבעטן — האָט רחמנות! די מאָסקאַלן וועלן מיך דערהרגענען, לאָזט מיך נישט איבער!

זעלנער האָבן זיך פאַרבייגעשלעפּט, געווען שטום צום געבעט. מרדכי האָט זיך אײַנגעבויגן:

— וואָס איז דיר?

— מען האָט מיר דורכגעשאָסן דאָס קנעכל, כ׳קאָן נישט גיין, פיר מיך צו, ברודער, צו אונזערע, כ׳וועל ס׳גאַנצע לעבן עס געדענקען! כ׳באַשווער דיך מיט גאָט, פיר מיך, כ׳וועל גיין אויף איין פוס!

ס׳אויג איז געפאַלן צווישן די טויטע. קאַהאַנע איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, וואָס האָבן גאָרנישט געזען. מרדכי האָט אָפּגעשטעלט אַ זעלנער, אים איבערגעגעבן דעם פאַרוואונדעטן:

— פיר אים אין „אָבאָז" אַריין!

מרדכיס טאָן, זיינע אויגן — אַלץ האָט אַזוי געווירקט, אַז דער זעלנער האָט גענומען דעם פאַרוואונדעטן אונטערן אָרעם און זיך מיט אים אַוועקגעשלעפּט.

קאַהאַנע איז געלעגן אָן אַ האַנט. די רעכטע האַנט ביז איבערן אָרעם האָט זיך געוואַלגערט נעבן אים.

מרדכי האָט פון אַ טויטן אַראָפּגעצויגן אַ העמד, פאַרבאַנדאַזשירט קאַהאַנעס בלוטיקע האַנט און זיך אַוועקגעזעצט צוקאָפּנס. ס׳איז געוואָרן פינסטער. שטערן זענען דאָ און דאָרט אַרויסגעשפּרונגען, זיך איבערגע-וואונקען. די טריט זענען איינציקווייז אָפּגעשטאָרבן. ס׳איז געוואָרן שטיל,

שטילער און אין דער שטילקייט האָט זיך בולטער דאָ און דאָרט אַרויסגעריסן אַ קרעכץ.

קאַהאַנע האָט זיך געוועקט, געקוקט אַרום זיך, זיך געוואָלט אויפזעצן, איז צוריקגעפאַלן און דער ווייטאָג האָט אים אויסגעניכטערט.

– איך בין נעבן דיר.

– מרדכי?

– יאָ.

– קום, מרדכי, קום פון דאַנען! אויס דיקטאַטאָר, אויס אַרמיי

– וואָס?

– היינט ביינאַכט פאָרט לאַנגעוויטש קיין גאַליציען.

– און די אַרמיי?

– די אַרמיי וועט זיך צעלויפן. נו, קום, הויב מיך אויף!

– וועסט דען קאָנען גיין?

– כ'וועל זיך אָנשפּאַרן אָן דיר.

מרדכי האָט זיך געשלעפּט מיט קאַהאַנען, אים אונטערגעשפּאַרט פון איין זייט, פון דער צווייטער, זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט. קאַהאַנע האָט געציטערט.

– וואָס איז, קאַהאַנע? וועסט זיך אפשר צוזעצן?

– כ'האָב מורא, מיר בלאָנדזשען, קאָנען אַרײַנפאַלן אין די הענט פונם שונא.

– איז וואָס?

ס'זענען אָנגעריטן אולאַנער. מרדכי האָט זיך געפרעגט:

– וואו שטייען אונזערע?

– ווער ווייסט זיי? — האָט זיך איינער אָנגערופן. —

– מען לויפט איבער די גרענעץ! מען זאָגט, אַז דער פאַן דיקטאַטאָר איז שוין אויך דאָרט.

– און איר? — האָט מרדכי געפרעגט.

– מיר בלאָנדזשען!

זיי זענען אָפּגעריטן. ס'איז צוריק שטיל געוואָרן. קאַהאַנע האָט אַ קוק־געטון אויף מרדכין, דערזען זיין אייגענע חורבה, דערזען ווי קעגנאיבער אין דעם שיין פון דער לבנה טראָגן זיך רייטער, לויפן, האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף מרדכיס אַקסל און זיך שטיל צעוויינט.

## קאַפּיטל

# ר׳ אברהמס טויט

אין וואַלד בּיי מרדכיס עלטערן האָט זיך קיין זאַך נישט געענדערט. מען האָט געלעבּט ווי מיט פופציק, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק. האָט ר׳ אברהם, מרדכיס פאָטער, צוגעשטעלט אין איין-און-דרייסיקסטן יאָר פּראָוויאַנט דער פּוילישער אַרמיי, האָט ער איצט געזען, אַז פאָדלעווסקיס רעשטקעס זאָלן האָבן שטיוול, פּעלצלעך און קאַרטאָפל.

טיף אין וואַלד, וואו ס׳איז שווער געווען צו פאַרקריכן, זענען געזעסן אין באַראַקן שניידערס, שוסטערס, גענייט טאָג און נאַכט.

און דבורהלע, מרדכיס מוטער, האָט אויפגעקויפט בּיי די אַרומיקע פישערס שטיקלעך לייוונט, וואָס זיי האָבן אויסגעוועבט דורכן ווינטער. זי איז געזעסן מיט דער אַלטער בּריינען, מיט פישער-שיקסלעך, געשניטן דעם לייוונט אין שמאָלע, אין בּרייטערע פאַסן, זיי געוויקלט אין קנוילן. און אַז דער לייוונט האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט מען געריסן אַלטע העמדער, געמאַכט באַנדאַזשן פאַרן פּוילישן זעלנער.

מרדכיס נאָמען, וואָס מען האָט נישט געטאָרט דער-אָגנען אין פאָטערס געגנוואַרט, האָט מען איצט, ווען מרדכי האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן אויפשטאַנד, אַרויסגערעדט מיט יראת-הכבוד. און ער, אברהם אַליין, האָט אַכטונג געגעבן, אַז מיטן אָוונט זאָל מען אין אַלע פענסטער בּרענען ליכט, בּרענען אַ גאַנצע נאַכט — טאָמער וועט זיך מרדכי פאַרשלעפּן אַהיים, זאָל ער פון דערווייטנס דערקענען דעם טאַטנס הויז.

---

ס׳האָט געשפּריצט אַ רעגנדל, געפאַלן מיט אַ קלימפּער איבער דער אָנגעזאַפּטער, מיט מאָך דורכגעקנעטעטער ערד און צווישן די בּוימער האָבן זיך געוויכערט שטיקער פאַרע.

אַ דראָנגאָווער וואָגן, געשפּאַנט אין צוויי פערד, האָט זיך געשלעפּט מיטן שמאָלן וואַלד-וועגל, וואו די רעדער האָבן זיך געשניטן אין דער זומפּיקער ערד. און אין דער נאַסקייט איז געהאָנגען דאָס קראַקען פון קראָען.

אַן עלטערער שלאַכטשיץ, אָנגעטון ווי אַ פּויער, איז געגאַנגען נעבן וואָגן, וואו אונטער די נאַסע צווייגן און דרענגלעך זענען געלעגן שטיוול און שעפּסענע פּעלצלעך.

יעדע וואָך איז דער שלאַכטשיץ פאַרפאָרן צו מרדכיס פאָטער אין די באַראַקן אַריין, צוגענומען די פאַרטיקע שטיוול און פּעלצלעך און זיי אָפּגעפירט צו פּאַדלעוּוסקין.

דער וועג איז געלעגן אין אַזאַ העק, די באַראַקן אַזוי טיף אין וואַלד, פאַרשטעלט מיט בוימער און קשאַקעס — אַז ס׳איז דעם שלאַכטשיץ קיין איין מאָל נישט איינגעפאַלן, אַז מען וועט אים כאַפּן.

ער האָט פעסטער אַרומגעבונדן די שטריק אַרום זיין אויסגעריבן פּעלצל, געדרויכערט פון דער ליימענער פּייקע און געגאַנגען אַ געבויגענער מיט די פערד, וועמענס נאַסע בייכער האָבן געשלאָגן מיט פּאַרע.

דאָס שלעפּן זיך איינער אַליין אונטערוועגס, דאָס איינהערן זיך אין די אייגענע טריט, אין דער אייגענער מחשבה — אַלץ האָט גע־טאַמעוועט אין אים די שרעק, וואָס האָט זיך געוועקט ביי יעדן דורכלויפענדן שאָטן, און ווי שטאַרק דער שלאַכטשיץ האָט זיך געהיט, נישט געוואָלט אָנפאָרן אויפן שונא, האָט טיף אין אים שטענדיק עפּעס געווייטאָגט, געוואַרט אויף אַ געפאַר.

און די געפאַר איז געקומען.

דער שלאַכטשיץ איז אַרויסגעפאָרן פון וואַלד, זיך געוואָלט אַ דריי טון צו די לאָנקעס, זענען אים אַנטקעגנגעריטן איבער צוואַנציק קאָזאַקן, אָפּגעשטעלט:

— וואָס פירסטו?

— אָנגעקליבן אַ ביסל צווייגן — האָט דער שלאַכטשיץ הכנעהדיק געענטפערט.

— האָסט דאָרט קיינעם נישט געזען

— וואו?

— אין וואַלד.

— קיינעם, פּאַנאָוויע.

די קאָזאַקן האָבן זיך גענומען דערוויטערן, באַלד זענען צוויי פון זיי צוריקגעקומען. אָן ווערטער האָבן זיי גענומען צעוואַרפן די צווייגן און מיט אַ באַגנעט אַ שטאָך געטון אין וואָגן אַריין.

— אַלטער „מיאַטעזשניק" דו. פירסט גאָרנישט, האַ?

דער קאָזאַק האָט מיט דער קאָלבע אַ זעץ געטון דעם שלאַכטשיץ אין האַרץ אַריין. דער אַלטער איז געפאַלן, זיך קוים צוריק אויפגעהויבן. און גאָרנישט געענטפערט.

— וואו האָסטו גענומען די פעלצלעך? — האָט דער קאָזאַק אים צוגעשטעלט די ביקס צום קאָפּ.

ער האָט געשוויגן.

— דערשיסן וועל איך דיך, ענטפערסט?

— און אַז וועסט דערשיסן, הינטישער זון, וועל איך דיר זאָגן? — האָבן די אויגן ביי דעם שלאַכטשיץ זיך אַ צינד-אָן געטון, די וואָנסן האָבן זיך געדרויכערט, זיך געהויבן און אײַנגאַנצן האָט ער דערמאָנט אַן אַלטן וואָלף, וואָס קלויבט זיך מיט די לעצטע כּחות זיך אַ וואָרף טון אויפן שונא.

דער קאָזאַק האָט אויסגעשאָסן. דער שלאַכטשיץ האָט אַ פאַל געטון מיט דער נאָז אויף דער נאַסער ערד, געשאַרט מיט די צעשפּרייטע פינגער, אָנגענומען פולע הענט מיט בלאָטע און אַז דאָס רעגן-וואַסער, וואָס האָט זיך געקליבן אַרום זיין שאַרבן, אַרום די צעדרייטע שטיוול, האָט אָנגעהויבן רויט ווערן — האָט ער זיך מער נישט גערירט.

ר' אברהם, אין זיין שאָפּענעם פעלץ, אין דעם פּוטערנעם היטל, אַ הויכער, אַ ברייטער, האָט זיך געגנבעט צווישן די בוימער, געוואָלט וויסן, פון וואַנען די שיסעריי איז געקומען.

דאָס קלאַפּן פונם רעגן אָן די בוימער, אָן די צווייגן, האָט איינגעזאַפּט אין זיך די אַרומיקע קולות. ס'איז שווער געווען אויפצוכאַפּן, וואָס ס'טוט זיך אַרום. און אין די אויערן איז געשטאַנען דער רויש פון וואַסער, וואָס פאַלט פון אַ רינע.

ער איז אַרויס פון וואַלד, דערזען די קאָזאַקן, האָט ער זיך אַ דריי-געטון, געוואָלט צוריק אַריין אין די קושאַקעס און דערהערט ווי מען שרייט אים נאָך:

— שטיי!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט

אַן אָפיציר מיט עטלעכע קאָזאַקן איז צוגעריטן:
— דו ביזט דער „באַרין" פון וואַלד?
— איך.
— קום מיט אונז!
זיי האָבן ר' אברהמען צוגעפירט צום טויטן שליאַכטשיץ, אים איבערגעדרייט מיטן פנים אַרויף.
— קענסט אים?
ר' אברהם האָט זיך איינגעקוקט אין דעם פאַרשמירטן פנים, געטראַכט, אַז די נאָז איז געוואָרן דינער און לענגער, ווי אַ צוגעזוצטע, און געענטפערט:
— כ'קען אים נישט.
— זאָגסט אַ ליגן! — האָט דער אָפיציר אַ געשריי־געטון — האַלסט מיט די „מיאַטעזשניקעס"!
ר' אברהם האָט געשוויגן.
— און פון וואַנען האָט ער געפירט די פעלצלעך מיט די שטיוול? — האָט דער אָפיציר ווידער געפרעגט.
— כ'ווייס נישט.
— אַז מען וועט דיר אָנטון אַ שטריק אויפן האַלז, וועסטו וויסן! זאָג בעסער דעם אמת!
— ווי קאָן איך זאָגן דעם אמת, אַז איר גלויבט מיר נישט, — האָט ר' אברהם זיך אָפגערופן.
— אוודאי גלויבן מיר נישט! דער „מיאַטעזשניק", וואָס ליגט איצט מיט אַ קויל אין קאָפּ איז אָנגעפאָרן מיטן זעלבן וועגל דורך וועלכן דו ביזט געקומען און דו טענהסט, אַז דו ווייסט נישט! זאָג, אויב דו ווילסט נישט האָבן אַזאַ סוף! — האָט דער אָפיציר געוויזן אויפן טויטן.
ר' אברהם האָט געשוויגן.
— פאַרוואַרפט אים אַ שטריק, וועט ער באַקומען לשון! — האָט דער אָפיציר אַ געשריי־געטון.
מען האָט געזוכט אַ שטריק, נישט געפונען. אַ קאָזאַק האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טויטן, גענומען אָפּוויקלען די שטריק פונם אויסגעקראָכענעם פעלצל.
ר' אברהם האָט געקוקט אויף דעם פאַרבלוטיקטן שטריק און דאָס ברייטע האַרץ האָט זיך איינגעקאָרטשעט, אַריין אין האַלז און געוואָרגן.

דאָס פּנים בײַ אים האָט געפֿלאַמט, ווי די שטריק וואָלט זיך אײַנגעביסן אינם פֿלייש. ער האָט נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים און די ליפּן, אויסגעצאָגטע, בלוילעכע, האָבן געפּרעפּלט:

— כ׳ווייס פֿון גאָרנישט, כ׳ווייס פֿון גאָרנישט!

— הענגט אים, דעם „זשיד״! — האָט דער אָפֿיציר אויסגעשפּיגן די ווערטער און געהייסן אָפּפֿאָרן מיטן דראָנגאָוון וואָגן.

ר׳ אברהם איז געשטאַנען איבערן טויטן שלאַכטשיץ, געזען ווי אַ פּופּציק טריט פֿון איהם פֿאָרען זיך קאָזאַקן בײַ אַ הויכן בוים, גרייטן־צו אַ תּליה, און די רוהיקייט, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהאַט פֿאַרלוירן, האָט זיך אָנגעהויבן וועקן אין אים, ער האָט אויפֿן קול אָנגעהויבן זאָגן וידוי, זיך געקלאַפּט מיט אַ פֿויסט אין האַרץ אַרײַן און זיך נישט געקאָנט באַפֿרײַען פֿון די שוואַרצע קראָען, וואָס זענען געשפּרינגען פֿון צווײַג אויף צווײַג און געקראַקעט.

— פֿאַרטיק! — האָט עמעצער אַ געשריי־געטון.

ר׳ אברהם האָט זיך אויסגעגלייכט, געגאַנגען אויפֿן רעגן מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ, ווי נישט אים וואָלט מען געפֿירט צו דער תּליה.

ער האָט אַרויסגענומען פֿון די הויזן־קעשענעס וויפֿיל געלט ער האָט נור געהאַט, עס געוואָרפֿן האַנטפּולווייז, געשמייכלט, ווי די קאָזאַקן בויגן זיך, פֿאַלן אין דער בלאָטע אַרײַן, כאַפּן די מטבעות. ער האָט אַראָפּגענומען פֿון זיך דעם שאָפּענעם פּעלץ, דאָס היטל, אָפּגעקנעפּלט דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט, אויסגעטון דאָס וועסטל, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך איין זאַך נאָך דער צווייטער, פּונקט ווי אַ בוים וואַרפֿט יעשען־צייט די בלעטער, און אין דעם צעעפֿענטן העמד איז ער צוגעגאַנגען צו דער תּליה.

און אַז ר׳ אברהם איז געהאָנגען נאָך אַ וואַרעמער, האָבן שוין קראָען גענומען שאַרפֿן זייערע שפּיציקע שנאָבלען, געפֿלויגן, ווי נישט־גוטע מיט אַ קראַקערײַ פֿונם שלאַכטשיץ צו אברהמען, פֿון אברהמען צום שלאַכטשיץ, געטון זייער רעכט, און דער וואַלד, אַ דורכגעווייקטער, האָט אויפֿגעציטערט:

— קראַ־אַ! קראַ־אַ־אַ!

ענדע